STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07459

GEZAMLTE VERK

Morris Winchevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָרים ווינטשעווסקי

געזאמלטע ווערק

רעדאַקטירט פון קלמן מרמר

פאַרלאַג „פרייהייט"
ניו יאָרק, 1927

Copyright 1927
by the
Freiheit Publishing Association, Inc.

אכטער באַנד

מענטשן און ווערק

פאָרוואָרט

מאָרים ווינטשעווסקי האָט פיל געשריבן איבער מענטשן און ווערק. אויסער זיינע צייט־חברים, וועלכע ער שילדערט אין זיי־נע צוויי בענד „עראינערונגען", האָט ער נאָך באַשריבן אַ סך באַרימטע פּערזענלאַכקייטן פון פריערדיקע דורות.

דעם ערשטן האָט ווינטשעווסקי באַשריבן לודוויג בערנע, וועלכער איז געווען זיין ערשטע ליבע. ער האָט עס געווידמעט דעם צווייטן מענטשן, וואָס ער האָט שטאַרק געליבט און פאַר־ערט — משה לייב ליליענבלום.

דאָס האָט וויינטשעווסקי געשריבן נאָך אונטערן נאָמען בן־נץ, אַרום 50 יאָר צוריק, אין „אספת חכמים" (קעניגסבערג, יאַנואַר און פעברואַר, 1878). דאָס געהערט דערפאַר צו זיינע „היסטאָרישע שריפטן", וואָס גייען אַריין אינם ערשטן באַנד פון אַט־די „געזאַמלטע ווערק" זיינע.

זינט יענער צייט האָט מאָרים ווינטשעווסקי געשריבן אַ סך לעבנס־געשיכטעס און אָפּשאַצונגען פון גרויסע מענטשן. ער האָט געשריבן איבער הלל און קאַראָלענקאָ, מאַרקס און ענגעלס, משה העס און ווילהעלם ליבקנעכט, יאַקאָבי און בעבעל, י. ל. פּרץ און וויליאַם מאָרים און מאַסן אַנדערע. אַ טייל פון זיי (מאַרקס, ענגעלס, מאָרים, הוגאָ א. א. וו.) האָט ער אויך באַזונגען אין זיי־נע לידער. וועגן אייניקע (פּרץ, מאָרים, איבסען) האָט ער גע־שריבן אויך אין זיינע צוויי בענד „פעליעטאָנען". נאָר באַזונדער אויספירלאַך און אין פאַרשידענע וואַריאַציעס האָט ווינטשעווסקי געשריבן איבער לאַסאַל, לאַווראָוו, מאָסט, עלעאָנאָראַ מאַרקס, דעבס, גאָרדין, ליליענבלום און ליבערמאַן. אַ העלפט פון זיי זיינען איינגעפלאָכטן אין זיינע „עראינערונגען" און דאָס, וואָס

ער האָט אויסגעלאָזן, גיב איך דאָרט אַלס ביילאַגעס. די אַנדערע העלפט גייט אַריין אין אַט־דעם באַנד.

קאַרל מאַרקסן האָט ווינטשעווסקי, נאַטירלאַך, רעספּעקטירט זייער הויך. נאָר קיין געפיל פון נאָענטקייט האָט ער צו אים קיינמאָל ניט געהאַט. פיר יאָר האָט מאַרים ווינטשעווסקי גע־וואוינט אין איין שטאָט (לאָנדאָן) מיט קאַרל מאַרקס און קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אים צו זען פּערזענלאַך. ערשט יאָרן נאָך מאַרקס'עס טויט האָט ווינטשעווסקי אָנגעהויבן באַזינגען „מאַרקס דעם זיגער". צו מאַרקס'עס 100טן געבורטסטאָג איז ווינטשעווסקי אַרויסגעטראָטן מיט אַט־דער גרעסערער אַרבעט איבער מאַרקס און לאַסאַל, וואָס גייט אַריין אין אַט־דעם באַנד.

לאַסאַלן האָט ווינטשעווסקי מער געליבט. ער פלעגט אַמאָל אָפּהיטן לאַסאַל'ס יעדן יאָרצייט און צום 25טן (אין 1889) אים באַזונגען אין אַ לייִנגערער פּאָעמע „פערדינאַנד לאַסאַל". *)

מאַרקס'עס מוזינקע, לעאָנאָרא, איז דעם זיידן געווען פּער־זענלאַך נאָענט. איר טראַגישער לעבן און טויט, און איר וואַ־רימער אינטערעס פאַר איר אידישן שטאַם, האָט ווינטשעווסקין טיף גערירט. ער האָט עס אויסגעדריקט ביי פאַרשידענע געלעגנ־הייטן און צולעצט, צו איר 20טן יאָרצייט (אין 1918) באַשריבן אויספירלאַך איר ליבעסלעבן און טראַגישן טויט.

בעבעלן און ליבקנעכטן האָט ווינטשעווסקי קיינמאָל ניט גע־קענט מוחל זיין זייער געמעסיקטקייט אין דער צייט פון אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ אין דייטשלאַנד. זיין פאַרביטערטקייט קענען זיי פילט זיך נאָך עטלאַכע און פערציק יאָר שפּעטער, אין 1921, ווען ער האָט פון דאָס ניי באַשריבן יענע צייט, אין זיין סעריע זכרונות „רוסלאַנד און דייטשלאַנד, אַמאָל און היינט". (אַ טייל דערפון „פרייהייט און אָרדנונג" גייט אַריין אין אַט־דעם

---

*) אַריין פאַרקירצט אין די לידער, „געזאַמלטע ווערק", צווייטער באַנד, זייטן 165—171.

באַנד. דאָס איבעריקע ווערט געגעבן אַלס ביילאַגע צום ערשטן באַנד „עראינערונגען“.)

דאָ אין אַמעריקע האָט מאָריס ווינטשעווסקי באַזונדער גע־ליבט און פאַרערט יודזשין דעבס און יעקב גאָרדין. דער ערשטער איז געווען דער פאַנטאַנטרעגער פונם געמיינזאַמען אידעאַל. דער צווייטער — זיין אינטימסטער פריינט.

יעקב גאָרדין האָט זיך באַטייליקט באַלד אינם ערשטן נו־מער פון מאָריס ווינטשעווסקיס וואָכנבלאַט „דער אמת“ (1895). עלף יאָר שפּעטער האָט גאָרדין רעדאַקטירט אַ ספּעציעלן נומער „וואַרהייט“, געווידמעט ווינטשעווסקי׳ס 50סטן געבורטסטאָג (1905), און דערביי דערקלערט: „איך בין רעדאַקטאָר היינט פון דער „וואַרהייט“, ווייל היינט איז דער יובילעאום פון דעם מאַן, וואָס האָט אַמאָל רעדאַקטירט דעם „אמת“, ווייל היינט פייערט מען דעם געבורטסטאָג פון אַ אידישן דיכטער, וואָס איז אַ גוטער פריינט, אַ שיינער מענטש און אַ ערלאַכער חבר. יאָ, ער איז אַ מענטש, אַ פריינט, אַ חבר!“ און צו אָט־דעם פריינט און חבר ווינטשעווסקי האָט יעקב גאָרדין אויך אַדרעסירט זיינע לעצטע דריי ווערטער: „פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ!“ (די שפּיל איז געענדיקט!)

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס האָט ווינטשעווסקי אַרויסגעוויזן זיין ליבע און אַכטונג צו יעקב גאָרדין. ער האָט געשריבן באַ־גייסטערטע טעאַטער־רעצענזיעס אויף גאָרדינ׳ס פּיעסן, אַ פּראָ־לאָג צו זיין „מירעלע אפרת“ (געשריבן צו יעקב גאָרדינ׳ס 10־יאָריקן יובילעי אַלס דראַמאַטורג, אין 1901) *) און אַ געזאַנג צו זיין „סאַפאָ“. **) ער האָט אים אויך געשיינקט אַ מתנה דאָס באַ־וואוסטע בין־השמשות־ליד „מיין איינציקער פאַרלאַנג“. ‡) און ווען יעקב גאָרדין איז געשטאָרבן, האָט ווינטשעווסקי אַרויסגעגעבן

---

*) לידער און געדיכטע, ניו יאָרק, 1910, זייטן 283—286.

**) „געזאַמלטע ווערק“, צווייטער באַנד, זייטן 188—189.

‡) דאָרט, זייטן 126—127.

וועגן אים אַ גאַנצן בוך „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין“ (ניו יאָרק, 1909), באַזונגען זיין ערשטן יאָרצייט*) און געערט זיין אָנדיינק אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

אויך דעבסן האָט ווינטשעווסקי אַ סך מאָל באַשריבן. נאָר ווען דעבס איז פאַראורטיילט געוואָרן, אין 1918, צו 10 יאָר קאַ־טאָרגע, פאַר זיין אַרויסטריט קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, האָט ווינטשעווסקי פאַרעפנטלאַכט זיין כאַראַקטעריסטיק פון דעבס דעם „פאָלקס-טריבון, פּאָעט און מענטש“, וואָס גייט אַריין אין אָט־דעם באַנד.

פאַר אַלע ענדערונגען און באַמערקונגען (אויב ניט אונטער־געשריבן מ. וו.) בין איך אַליין פאַראַנטוואָרטלאַך.

---

*) דאָרט, זייטן 176—177.

קלמן מרמר.

ניו יאָרק, 9טן אָקטאָבער, 1927.

קאַרל מאַרקס און לאַסאַל *)

1

פריער צוויי, נאָכדעם אַ פּאָר.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט זיין נשמה פון קארל מארקס און זיין גוף פון פערדינאַנד לאַסאַל. פרידריך ענגעלס איז אויך דערביי געווען, ווען ער — דער ריכטיקער סאָציאַליזם — איז גע-בוירן געוואָרן; אויך האָט ער געהאט א חלק אין דער האָדעוואַניע אין די ערשטע קינדער־יאָרן, אָבער נישט מער. ענגעלס האָט ניט געהאט ניט די געטלאַכקייט, פון וועלכער עס קומען נשמות, און ניט די שאַפונגס־קראַפט, וואָס קען מאכן פאר א נשמה א גוף, און וועלכן זי האָט ניט קיין ממשות.

עס איז געוואָרן א מאָדע צו רעדן פון מארקס און ענגעלס. דאָס האָט אָבער נאָר צו באַדייטן א גרויסער מאַן און א חבר. מען קען רעדן פון מארקס און לאַסאַל און דאַן הייסט דאָס: צוויי גרויסע מענער.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען דאָ פיל אַזעלכע גרויסע מענער, פון וועלכע מען רעדט אין פּאָרן, און אַזוי גיך ווי איר דערמאָנט איינעם פון זיי, קומט גלייך ארויף אויף די געדאַנקען

---

*) „קאַרל מאַרקס, זיין לעבן, זיין ווירקן און זיינע לערן", ארויס-געגעבן פון די פאַראייניקטע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו דעם הונדערט־יאָריקן יובילײ פון קאַרל מאַרקס. ניו יאָרק, 1918.

פונם צוהערער דער אַנדערער. אָבער די דאָזיקע פּאָרן זיינען ענט־ווערער הוילע פריינטשאַפטן, ווי, למשל, דוד און יונתן—ביי אונז, דאַמאָן און פּיטיאַס—ביי די גריכן; אָדער קאָמבינאַציעס פון גרוי־סע כוחות, אפשר מיט פאַרשידענע פונקציעס (עובדות) און מיט פאַרשידענע פייאיקייטן. אַזעלכע זיינען משה און אהרן, שמאי און הלל, שילער און געטהע, היינע און בערנע און אַנדערע. עס זיינען אויך דאָ פּאָרן פון גרויסע מענער, וואָס זיינען פּשוט צייט־גענאָסן,—מענטשן, וואָס האָבן בלויז געלעבט אין דער זעלביקער



קאַרל מאַרקס.

צייט און האָבן ווייטער קיין שום שייכות צווישן זיך ניט, ניט קיין דירעקטע, ניט קיין אינדירעקטע. אַזעלכע זיינען פּושקין און לער־מאָנטאָוו, דאָבראָליובאָוו און טשערנישעווסקי, און אַנדערע אין אַלע צייטן.

וואָס איז שייך צו מאַרקס און לאַסאַל, איז אין דער פּאָרונג פון

זיי פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס מ'געפינט אין יעדער אַמאַלגאַמיי־רונג אפילו אין געשעפט, אָדער אין צייטונגס־אַרויסגעבונג. עס טרעפט אָפּט, אַז צוויי פירמעס, וואָס האָבן צווישן זיך אָנגעפירט אַ געפערלאַכע, פאַר ביידע צדדים רואינירנדיקע קאָנקורענץ, קומען ענדלאַך צונויף און פאַראייניקן זיך. יעדע פון ביידע האָט יאָרנ־לאַנג פאַראַדירט מיט איר הויפט-פיגור, מיט דעם נאָמען, וואָס איז

פערדינאַנד לאַסאַל.

געווען אַ גרויסער אַ לאַנגע צייט פריער, נאָך איידער מען האָט פון דעם דאָזיקן נאָמען גענומען אַרויסשלאָגן קאַפּיטאַל. אין דער פאַראייניקונג נוצט מען ווידער אויס די ביידע נעמען, הגם אויף אַן אַנדער אופן: אַנשטאָט זיי צו הויבן און לויבן איינעם ג ע ג ן

דעם אַנדערן, רימט מען זיי ביידע צוזאַמען, פאַרשטאַרקענ־
דיק יעדן פון זיי דורך דעם אַנדערן.

דאָס האָט פּאַסירט (אין דייטשלאַנד ספּעציעל) נאָך דער פאַר־
אייניקונג פון די אייזענאַכער מיט די לאַסאַלעאַנער. זעקס־זיבן
יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען זיך אַרומגעריסן און ביטער באַקעמפט
איינע די אַנדערע. אויף איין זייט זיינען געווען די מאַרקסיסטישע
אייזענאַכער מיט בעבעל און ליבקנעכט אַלס די פעלדמאַרשאַלן,
קעמפנדיק מיט די כלי־זין פון מאַרקס'עס אַרסענאַל און האָבענדיק
דעם לעבעדיקן מאַרקס אַלס זייער אויבערהאַר און שעף־קאָמאַנדיר.
פון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען שווייצער מיט זיינע חברים,
געפירט פון דעם טויטן, אָבער ניט געשטאָרבענעם לאַסאַל.

און דאַן אויף דעם גאָטהאַער קאָנגרעס פון 1875 זיינען זיי
צונויפגעקומען, האָבן זיך צונויפגעגאָסן און זיינען געוואָרן איין
גרויסע, מעכטיקע מאַסע. אין דער אַמאַלגאַמירונג איז פונדעסט־
וועגן נאָך געבליבן אַ שיין ביסל פון דעם פריערדיקן גייסט פון ברוד־
דערשאַפט ביי ביידע צדדים. עס זיינען נאָך געבליבן
צדדים, דאָס איז דער עיקר. און איבערהויפּט די לאַסאַלאַנער
האָבן ניט אַזוי גיך זיך אָפּגעזאָגט פון זייער פריערדיקער אָפּגעזונ־
דערטער עקזיסטענץ, מיט זייער באַזונדערער אמונה, זייער באַזונ־
דערן טעמפּל און, אין דעם טעמפּל, זייער באַזונדערע גאָטהייט, וואָס
האָט געטראָגן דעם נאָמען לאַסאַל, הגם זיי זיינען שוין געווען איין
פּאַרטיי מיט די אייזענאַכער.

עס האָבן זיך דערפאַר געהערט די נעמען מאַרקס און לאַסאַל
אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער צד האָט געשטעלט דעם אַקצענט אויף
זיין העלד, אויף זיין פריערדיקן הויפּט־קאָמאַנדיר. אָבער אַזוי
אָדער אַזוי, די ביידע נעמען זיינען כסדר דערמאָנט געוואָרן צוזאַ־
מען, און ווען מאַרקס איז — אַכט יאָר נאָך דער גאָטהאַער פאַר־
אייניקונג — אויך געשטאָרבן, האָט די פּלאַטפאָרמע פון יעדן קאָנ־
גרעס געצירט סיי אַ ביוסט פון מאַרקס, סיי אַזוינער פון לאַסאַל.

פונדעסטוועגן איז דאָס ניט דער הויפּטגרונד פון דעם דאָזיקן
זוג: אין דער אידישער געשיכטע אַרום דער צייט פאַרן צווייטן

חורבן איז אויפגעקומען דער אויסדרוק זוג (אָדער זוגות, רעדנדיק בלשון רבים), וואָס דערמיט האָט מען געמיינט דעם „נשיא“ און דעם „אב בית־דין“ — דעם פּאָליטישן און דעם רעליגיעזן פירער. איינער פון די דאָזיגע זוגות איז געווען דער דערמאָנטער זוג שמאי און הלל, וועלכן עס וועט אונז באַלד אויסקומען נאָך אַמאָל צו דערמאָנען.

2

הלל און שמאי — מארקס און לאסאל.

ווען מיר זאָגן, אַז דער סאָציאַליזם האָט זיין נשמה פון מארקס און זיין גוף פון לאסאל, איז דאָס ניט איינפאַך צוליב דער פראַזע, איז דאָס ניט בלויז מליצה.

מענטשן, וואָס האָבן אַן אויבערפלעכלאַכן באַגריף פון דער ראָלע, וועלכעביידע מענער האָבן געשפּילט אין דער באַוועגונג בעת זי האָט אָנגעהויבן צו ווערן דאָס, וואָס מיר רופן די מאָדערנע, די היינטיקע אַרבעטער־באַוועגונג, ווייסן, אַז לאסאל איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט, לגבי מארקס, וועלכער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. דאָס איז אי ריכטיק, אי פאַלש. ריכטיק, אויב מען פאַרשטייט, ווי מען דאַרף פאַרשטיין, אַז לאסאל, אַלס פּראַקטישער פּאָליטיקער, האָט געמוזט באַשרענקען זיין טעטיקייט אויף דעם נאַציאָנאַלן באָדן פון דער מדינה, אין וועלכער ער האָט געווירקט, בעת מארקס, אַלס טעאָרעטיקער, אַלס גייסטיקער פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַלע לענדער, האָט ניט געהאַט קיין שום נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלע גרענעצן פאַר זיך. פאַלש וועט אָבער זיין די מיינונג, אַז איינער איז געווען נאַציאָנאַל געגן דעם אַנדערן, וואָס איז געווען אינטערנאַציאָנאַל, אויב מען פאַרשטייט די ווערטער אַזוי, אַז לאסאל איז געווען אַ געגנער פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און מארקס — פון נאַציאָנאַליטעט *)

---

*) זע מאַרקס'עס מיינונג איבער נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם אין באַנד 7, זייט 233.

די נשמה, א גייסטיקע זאך, א שטיק פון דעם, וואָס מיר פאַר־שטייען אונטער דעם וואָרט גאָטהייט, א טייל פון דעם וועלטבאַ־שאפער — די דאָזיקע נשמה איז אומעטום און אַלעמאָל, ווי גאָט אַליין, וועלכער איז מלא כל הארץ כבודו, א זאך אָן א לאנד און אָן א גרעניץ.

דער גוף אָבער איז ניט דענקבאר אָן א באשטימטן אָרט. אויב ער טראָגט אין זיך אַן אינטערנאציאָנאַלע נשמה, מוז ער פונדעסט־וועגן זיך באוועגן אין געוויסע גרעניצן, אויף א געוויסער טערי־טאָריע, צי ער וויל צי ניט.

דערפאַר, און אזוי ווייט, איז מארקס, דער בעל־נשמה, אינ־טערנאציאָנאַל, בעת לאסאַל, דער באשאַפער פון דעם גוף, איז נאציאָנאַל.

אין אביסל אַן אנדער זין איז דאָס געווען דער פאַל ביי דעם אַלטן אידישן זוג הלל און שמאי, מיט א יאָר ניינצן הונדערט פריער.

הלל, ווי מארקס, איז געווען אַן עקספּאטריאירטער. הלל האָט געלעבט א לאַנגע צייט אין בבל, ווי מארקס אין ענגלאנד. שמאי, דאַגעגן, איז געווען א ירושלים׳ער בירגער, ווי לאסאַל איז געבליבן א דייטשער.

אידישקייט איז פאַר הלל הבבלי (באביליאָניער, אזוי האָט מען אים טאקע גערופן) געווען א גייסטיקע זאך, וואָס איז ניט פאַר־בונדן מיט קיין שום ספּעציעלער טעריטאָריע, ווי דער סאָציאַליזם פאַר מארקס׳ן. אין דער זעלביקער צייט האָט זיין פריינט שמאי׳ס אידישקייט געהאט א טעריטאָריעל־נאציאָנאַלן כאראקטער און איז ביי אים געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין פאָטערלאנד.

דאָס האָט אָבער אין זייער פאַל אויך ניט געהאט צו באַדייטן, אַז הלל איז געווען וואָס מ׳וואָלט היינט רופן אַן אנטי-נאציאָנאַ־ליסט, אָדער אַז שמאי האָט ניט געהאַלטן פון אינטערנאציאָנאַלער אידישקייט.

און אזוי ווי מיר האַלטן דערביי, לאָמיר דעם פּאַראַלעל דורכ-פירן אינגאַנצן.

הלל, ווי מאַרקס, איז געווען אַן אָרימאַן; שמאי, ווי לאַסאַל, איז געווען אַ נגיד.

הלל, ווי מאַרקס — יע, אַ סך מער ווי מאַרקס — איז געווען אַן ענו, אַ באַשיידענער מענטש, ביי וועמען זיין איך איז געווען אַ נעבנזאַך; שמאי, ווי לאַסאַל, איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער מענטש, אַ באַדייטנדיקער עגאָאיסט און איינער, וואָס האָט זיך אפשר ניט באַרימט, אָבער האָט פון זיך געהאַלטן.

סיי הלל, סיי שמאי האָבן איבערגעלאָזן פיל תלמידים נאָך זיך, אַ הלל־שול און אַ שמאי־שול (בית־הלל און בית־שמאי) אַזוי ווי מאַרקס און לאַסאַל. ווי זייערע שילער אין אונזער צייט, אַזוי האָבן יענע פאַרצייטן געהאַט ויכוחים צווישן זיך, די האָבן גע־טענה'ט אַזוי, די אַנדערע פּונקט פאַרקערט. כמעט אין אַלע פאַלן (חוץ דריי) האָבן די חכמים פון שפּעטערדיקע דורות גע'פּסקנ'ט, אַז בית־הלל האָבן רעכט, אַזוי ווי אונזער דור פּסקנ'ט היינט, אַז מאַרקס'עס שול איז גערעכט לגבי לאַסאַל'ס.

און צו פאַרענדיקן דעם פּאַראַלעל, וועל איך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז מען האָט פון ביידענס תלמידים געזאָגט דאָס, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן די תלמידים פון לאַסאַל און מאַרקס, אַז „זינט עם האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַרמערט די נאָכפאָלגער פון הלל און שמאי, יונגע לייט, וואָס האָבן ניט גענוג געלערנט, זיינען געוואָרן אַ סך מחלוקות ביי אידן און פון איין תורה—צוויי תורות".

3

דער סנה ברענט און בלייבט גאַנץ.

צווישן די מענטשן, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו דערמאָנען פאַרוויַז, האָב איך אויבן אריינגערעכנט משה ואהרן. אין איין פּרט לאָזט זיך פאַרגלייכן די ראָלע פון די ביידע אין דער צייט פון אונזער אידישער יציאת מצרים מיט דער טעטיקייט פון מאַרקס און לאַסאַל. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן דעם פאַרגלייך, און אַזוי ווי מיר האַלטן ביי דער אידישער געשיכטע און אירע העלדן אין דער גרייז־גראָער פאַרגאַנגענהייט,

לאָז דאָס דאָ געפינען אַ שטיקעלע פּלאַץ. אויף שטרענגער, ניכ־טערנער, טרוקענער ווילנשאַפטלאכקייט מאכט דאָס, וואָס מען לעזט דאָ, סיי־ווי־סיי קיין פּרעטענזיעס ניט.

די שיינע לעגענדע אין חומש וועגן דעם אָנפאנג פון דער אי־דישער פרייהייטס־באַוועגונג איז עגיפּטען דערציילט אונז:

„פיטערנדיק זיין שווער יתרו׳ס שעפּסן... איז משה געקומען צום געטלאכן באַרג חורב.

„און עס האָט זיך צו אים באַוויזן אַ מלאך פון גאָט אינם פלאַם פייער, וואָס איז געקומען פון אַ דאָרן, און ער האָט געזען, אַז דער סנה ברענט אינם פייער און ווערט ניט פאַרברענט.

„און משה האָט געזאָגט: לאָמיך צוגיין זען די דאָזיקע גרויסע דערשיינונג, צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער סנה ווערט ניט פאַרברענט אינם פייער.

„און יהוה האָט געזען, אַז משה איז געקומען ז ע ן, האָט ער צו אים צוגעשריגן פונם סנה: משה, משה! און ער האָט גע-ענטפערט: אָט בין איך.“

דאַן האָט גאָט צו אים געזאָגט, אַז ער האָט צוגעזען די פּיי־ניקונג, וואָס די פאַרשקלאַפטע אידן שטייען אויס אין מצרים, האָט דערהערט זייער שמערץ־געשריי און האָט באַשלאָסן זיי אַרויסצו־נעמען פון דער קנעכטשאַפט און זיי אַריינצובריינגען אין אַ לאַנד „אַ גוטע, אַ ברייטע, אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניג“, וואָס איז ביז דאַן געווען באַזעצט פון זעקס אַנדערע פעל־קער.

און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן, ער זאָל גיין צו פּרעה מלך מצרים און זאָל אַרויספירן די אידן פון מצרים. משה האָט גע־טענה׳ט, אַז דאָס פאָלק וועט אים ניט גלויבן, ווען ער וועט קומען צו זיי אַ שליח פון גאָט, און גאָט האָט אים געגעבן סמנים, נסים און וואונדער, מיט וועלכע ער זאָל זיך ווענדן צום פאָלק.

משה האָט זיך אָבער אַלץ נאָך געקווינקעלט. זיין לעצטע טענה איז געווען, אַז ער טויג ניט צו אַזא שליחות, ווייל ער איז

שווער אויפן לשון, איז ניט קיין רעדנער און וועט זיך ניט קענען שטעלן פאַרן גרויסן דעספּאָט.

אויף דעם האָט אים גאָט דער האַר געענטפערט, אַז ער אַליין וועט אים שוין איינגעבן די רייד, וואָס מען דאַרף רעדן. משה אָבער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, וויסנדיק זיין שוואַכקייט בנוגע צום לשון, און ער האָט זיך געבעטן ביי גאָט: שיק, ליבער גאָט, ערגיץ אַן אַנדערן!

דאָ איז גאָט בייז געוואָרן און האָט מיט כעס צו משה'ן געזאָגט: „אָט האָסטו דאָך דיין ברודער אהרן דעם לוי, לאָז ער גיין מיט דיר צו פּרעה'ן; איך האָב פריער געוואוסט, אַז דער ריידער וועט ע ר זיין... ניט דו... גייט ביידע צו פּרעה'ן און טוט, וואָס איך הייס אייך". —

עלטערע מענטשן, וואָס האָבן מיטגעלעבט און דורכגעלעבט די ערשטע יאָרן אין דער היינטיקער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלן ניט באַדאַרפן קיין אויסערגעוויינטלאַכע איינבילדונגסקראַפט, כדי אויסצוטייטשן די דאָזיקע ביבלישע לעגענדע, זי צופּאַסנדיק צו אונזערע פאַרהעלטענישן, פּאַסירונגען און פּערזענלאַכקייטן.

מיר האָבן געזען אַ ברענעדיקן סנה, וואָס אַלץ אַרום אים איז געווען מדבר, פּוסט און וויסט און האָפנונגסלאָז. דער סנה האָט געברענט מיט אַ געטלאַכן פלאַם, מיט אַ פלאַם, וואָס ברענט און פאַרברענט ניט, וואָס צינדט און צעשטערט ניט, ווייל די עובדא פון דעם פייער איז ניט צו פאַרניכטן, נאָר צו לייכטן, צו פאַרשפּרייטן ליכט צווישן די פינסטערלינגען אין דעם מדבר... און קומען קומט דער פלאַם פון דער גאָטהייט אַליין, פונם גייסט, וואָס שאַפט און באַפרייט, וואָס גיט מענטשן דעם מוט נעגן דער טיראַניי, די באַגייסטערונג אין „דער מיט" פון ביטערע געמיטער און געבראָכענע הערצער.

און דער סנה האָט געברענט, ניט ווערנדיק פאַרברענט, אַ לאַנגע צייט און קיינער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט. דער

אונטערדריקטער קורצער באַפרייאונגס־קאַמף פון 1849־1848 האָט איבערגעלאָזן דעם פאַרשקלאַפטן, געפּייניקטן, אויסגעהאַרעוועטן עולם אין אַ צושטאַנד פון מוטלאָזיקייט, אָפּגעשוואַכט און פאַר־צווייפלט, איבער דער גאַנצער וועלט.

איין מענטש, מיט אַ גרויסן מוח, מיט אַ שאַרפן בליק, וואָס זעט טיף אריין אין די סאַמע הערצער פון אַלע גרויסע דערשיינונ־גען, האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם געטלאַכן סנה און איז צוגעקומען נעענטער צו זען וואָס דאָס באַטייט: אַ זאַך, מאָלט אייך, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט.

אים האָט דער גייסט, פון וועלכן דער פלאַם, דער הייליקער פייער, האָט געשטאַמט, אויסגעקליבן זיך צו נעמען צו דער גרויסער אַרבעט פון אויפמונטערן די האַלב־טויטע שקלאַפן, פון רעדן די שפּראַך פון טראָץ און רעבעליאָן צו די טיראַנען און די שקלאַפּנ־טרייבער.

דאָס איז געווען מאַרקס.

אָבער ער האָט אין זיך קיין גרויס אמונה ניט געהאַט. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ כבד־פּה, אַז ער טויג ניט ניט צום וועקן, ניט צום רעדן צו אַ דעספּאָט.

האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער פרייהייטס־גייסט וועט זיין מיט אים; וועט אים שוין סופלירן זיינע ווערטער, כּל־זמן ווי ער איז פול פון יענעם הייליקן ענטוזיאַזם, פון יענעם שלהבת־יה, וואָס ברענט אין דעם סנה.

האָט ער אָבער אַלץ נאָך מורא געהאַט. אים האָט געפעלט ניט מוט געגן דעם שונא, ניט אמונה אין דער הייליקער זאַך, ניט מוח אָדער כוח; אים האָט געפעלט דער לשון און ער האָט גע־קלערט, אַז זיינע רייד וועלן ניט אַריינגעבן מוט דעם שקלאַף, אָדער שרעק דעם אונטערדריקער.

איז באַשלאָסן געוואָרן אַ פּשרה. מיט אים זאָל מיטגיין אַ ברודער מיט אַ געשליפענעם צונג, מיט אַ גרויסער רעדנער־קראַפט. דאָס איז געווען לאַסאַל.

4

טעאָריע און פּראַקטיק.

איך בין מוכן ומזומן צוצוגעבן, אַז פון אַ ריין ניכטער־לאָגישן שטאַנדפּונקט וואָלט מיין פאַרגלייך פון מאַרקס און לאַסאַל מיט משה ואהרן קיין שטרענגע קריטיק ניט אויסגעהאַלטן. איך גלויב אָבער, אַז וואָס איז שייך צו דעם אַרויסטריט פון די ביידע מענער, אַרום וועלכע מיר רעדן דאָ, האָט דער דאָזיקער פאַרגלייך געהאָלפן אַרויסברענגען דעם אמת. שפּעטער, ווען לאַסאַל'ס אַגיטאַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען און זיין לאַנגיאָריקע פריינטשאַפט און גענאָסנ־שאַפטלאַכקייט לגבי מאַרקס'ן איז געווען אַזוי גוט ווי צו־ענד; וועלכער מאַרקס און ענגעלס זיינען פון לאַסאַל'ן איינגעלאַדן, אָבער שפּעטער, ווען די גרויסע אַגיטאַציע פון די יאָרן 1863־1864, צו פון זיי ניט אָנגענומען געוואָרן, האָט אַרויסגעבראַכט דעם גאַנצן לאַסאַל מיט אַלע זיינע שטאַרקע און שוואַכע זייטן, — שפּעטער, זאָג איך, איז שוין וועגן אַ משה־ואהרן־שייכות מער ניט געווען וואָס צו רעדן.

לאָמיר פּרובירן פאַרשטיין, וואָס יעדער פון די ביידע מענער איז געווען פאַר זיך, און ווי זיי האָבן אויסגעזען איינער לגבי דעם אַנדערן. דאָס וועט זיך אונז אפשר אַמבעסטן איינגעבן, ווען מיר וועלן שילדערן ניט יעדן באַזונדער, נאָר ביידע צוזאַמען, אַזוי ווייט, לכל הפחות, ווי דאָס וועט זיך לאָזן.

מאַרקס איז געווען מיט זיבן יאָר עלטער פאַר לאַסאַל'ן. אין די פערציקער יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען זיי זיינען באַקאַנט געוואָרן איינעם מיט דעם אַנדערן, איז לאַסאַל נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מאַן אין די צוואַנציקער, מאַרקס אָבער שוין אַרי־בער דרייסיק. פונדעסטוועגן איז שוין לאַסאַל געווען אַ טוער, אַן אַקטיווער מענטש, בעת מאַרקס האָט געאַרבעט איבער טעאָריעס, זיך גראָבנדיק אין ביכער.

רעוואָלוציאָנער זיינען זיי ביידע געווען, אָבער זייערע נאַטורן זיינען געווען פאַרשידענע, ווי מיר וועלן באַלד זען. צונויפקומענ־

דיק מיט מאַרקס'ן, האָט דער אינגערער, לאַסאַל, זיך געפילט פון איין זייט אַלס מאַרקס'עס אַ תלמיד אין דער טעאָריע, ספּעציעל אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָבער פון דער אַנדערער זייט אַלס אַ וועלט־מענטש, אַ „מעורב בין הבריות", אַ מאַן פון טאַטן לגבי אַ קלויזניק, טאַקע אַ גאונישן קלויזניק, אָבער פאָרט אַ קלויזניק.

דערצו איז צוגעקומען נאָך דער פאָלגנדיקער אונטערשיד:

מאַרקס איז געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן און כמעט שטענדיק אַן אביון, בעת לאַסאַל האָט געהאַט אַ פאַרמעגן, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו לעבן פריי פון דאגות פרנסה און צייטנווייז אפילו אין לוקסוס, און איז דערביי געבליבן אַ בחור ביזן טויט.

פאַרן פּראָלעטאַרישן באַפרייאונגס־קאַמף האָט מאַרקס כסדר געשמידט די וואָפן, שמידענדיק און זאַמלענדיק — שמידענדיק פון דעם מאַטעריאַל אונטער דער האַנט און זאַמלענדיק נייעם מאַטעריאַל פאַר נאָך און נאָך כלי־זין. זיין אַרבעט איז געווען ביים וואַרשטאַט, ביים גייסטיקן וואַרשטאַט, שטענדיק באַרייכערנדיק זיין מעכטיקן אַרסענאַל. טראָגן די וואָפן, זיי געברויכן נעגן דעם שונא האָבן געזאָלט אַנדערע. דאָס זאָגט, פאַרשטייט זיך, נאָר נישט נעגן זיין מוט. לאַסאַל, דאַגעגן, האָט אפילו פון זיין זייט אויך געטאָן, וואָס ער האָט געקענט, צו מאַכן רייכער דעם סאָציאַליסטישן אַרסענאַל, אָבער זיין הויפּט־טעטיקייט איז באַשטאַנען אין געברויכן די כלי־זין, אין קעמפן און פירן אַנדערע צום קאַמף. ער האָט אָפן דערקלערט פאַר יעדן, וואָס האָט געוואָלט וויסן, אַז זיין שווערד, דער שאַרפער גייסטיקער שווערד, איז פאַבריצירט געוואָרן פון מאַרקס'ן.

מאַרקס'עס טעטיקייט ביז דעם יאָר 1864, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער גרינדונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל (אַ פּאָר וואָכן נאָך לאַסאַל'ס טויט!), איז געווען אַ געצוואונגענע טעטיקייט, פּשוט ווייל עס האָט אים עפּעס ניט געפּאַסט צו שטיין פון ווייטן. לאַסאַל'ס „באַנק־קוועטשעריי" (מען וועט, האָף איך, אַנטשולדיקן דעם היימישן פּראָסטן אויסדרוק) איז געווען נאָר מחמת ער האָט בטבע געהאַט אַ גרויסע אמביציע אין דעם פּרט פון בילדונג, אָבער אין

גרונד — און פריער פאַר אַלץ — איז ער געווען אַ „פּאיטער“, אַ קעמפער, אַ טוער.

מאַרקס, אַלס אַ געלערנטער, אַלס אַ פאָרשער, אַלס אַ דענקער, האָט געקענט זיין אָביעקטיוו, האַלטענדיק זיין פּערזענלאַכקייט אינם הינטער־גרונד, אָדער אָן אַ זייט. דאָס איז בשום אופן ניט געווען דורך איבערטריבענער עניוות. לאַסאַל, דאַגעגן, איז געווען אַ מענטש אין דער עפנטלאַכקייט, קעמפענדיק, אָדער זיך צוגרייטנ־דיק צום קאַמף. חוץ דעם איז ער כסדר געשטאַנען פאַר דער עפנטלאַכקייט, אַלס אַ מענטש מיט רעוואָלוציאָנערע, זייער ניט פּאָפּולערע אידייען און איז דעפאַר געווען אין אַלץ סוביעקטיוו, אומעטום מיט זיין „איך“ אין דעם פאָרדערגרונד פון דער פּאָליטי־שער בינע, זייער נאָענט פון די סאַמע „פּוסליכט“, שטאָלץ אויף זיין מוח, זיינע קענטעניש, זיין ענערגיע און זיין מוט. דאָס איז ביי אים ניט געווען דער פאַל אָן אַ גוטער דאָזע פון געוויינטלאַכער גאוה, ווי מען טרעפט זי ביי קלענערע מענטשן, אָבער ניט מער ווי אַ דאָזע, ווען מען גערענקט די פאַרהעלטעניש פון זיין צייט, ווי דאָ איז אָנגעמערקט געוואָרן.

מאַרקס אַלס געלערנטער, אַ בוך־מענטש, אַ מין איש תם יושב אוהלים, איז זעלטן געקומען אין אַ לאַגע צו דאַרפן עובר זיין אויף אַ רעוואָלוציאָנערן לאַו, דאָס הייסט, צו מאַכן אַ קאָמפּראָמיס. לאַ־סאַל, דאַגעגן, האָט פון צייט צו צייט געטאָן זאַכן, וואָס זיינען פון אַ ריגאָריסטישן שטאַנדפּונקט אפשר ניט געווען גאַנץ כשר, ווי, למשל, זיין דערלאַנגען אַ פּראָשעניע צום בערלינער פּאָליציי־פּרע־זידענט, בעטנדיק ערלויבעניש צו וואוינען אין בערלין. אַלס אַ טוער, האָט ניט געקענט זיך לאָזן פאַרצאַמען זיין וועג דורך פּסוקים פון דער „תורה“, הגם ער האָט פון זיי געהאַלטן. נאָר אין איין פּרט איז ער געווען שטרענגער ווי מאַרקס. ער האָט געהאַלטן פאַר אַ שווערן חטא צו שרייבן, ערשטנס, פאַר געלט, צווייטנס— אין קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען. מאַרקס האָט געטאָן ביידע זאַכן, ווערנדיק אַ קאָרעספּאָנדענט אין דער ניו יאָרקער „טריביון“. ער האָט זיך פּשוט ניט געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון אזא ריגאָ־

ריזם, ווי דאָס האָט געקענט דער „רייכער" לאַסאַל. צו זיין גע־רעכט צו לאַסאַל'ן, מוז דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז ער אַליין האָט פאַר מאַרקס'ן געזוכט צייטונגס־קאָרעספאָנדענץ אין 1859, כדי ער זאָל קענען מאַכן אַ לעבן.

איצט קומען מיר צו אַ פאַרגלייך צווישןביידע מענער אַלס אידן — ווייניקסטענס אַלס „טייטשן מזרע היהודים". דאָס פאַר־לאַנגט אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

5

אונזערע גדולים אַלס אידן

ביידע, מאַרקס און לאַסאַל, זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם ערשטן פערטל פון דעם ניינצענטן יאָרהונדערט: מאַרקס אין 1818, לאַסאַל אין 1825.

אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, וועלכע האָבן זיך געענדיקט אין 1815, ווען דער „גרויסער" נאַפּאָלעאָן (דער גרויסער קצב, ווי וויקטאָר הוגאָ רופט אים) איז פאַרשיקט געוואָרן אויף דעם אינזעל סט. העלענא, האָבן די דייטשע אידן פריי אָפּ־געצויגן דעם אָטעם. זיי האָבן געקראָגן געוויסע פרייהייטן אפילו אין פרייסען, ספּעציעל די מעגלאַכקייט אַריינצוקומען אין די הוי־כע בילדונגס־אַנשטאַלטן פון דייטשלאַנד, און געוויסע בירגער־רעכטן.

אַזוי גיך אָבער ווי די פראַנצויזן זיינען באַזיגט געוואָרן און די „הייליקע אַליאַנץ" (רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך) האָט ווידער געקענט וואָיעווען איבער אייראָפּע מיט אַ שטאַרקער האַנט, זיינען צוריקגענומען געוואָרן אַלע „פרייהייטן" בכלל און די אידי־שע בפרט. די אידן האָבן זיך דערוויילע געהאַט צוגעוואוינט זיך אַליין צו באַטראַכטן פאַר מענטשן, פאַר גאַנצע מענטשן, פאַר „דייטשן מאָזאַאישער רעליגיאָן". אַלץ אין אין דעם משך פון אַ צענדליק יאָר אָדער מער פ א ר ט י י ט ש ט געוואָרן, פון דעם תנ"ך, וועלכן מענדעלסזאָהן און זיינע תלמידים האָבן איבערזעצט אויף דייטש, ביז די אידישע נעמען. מיט אַמאָל איז געקומען די

רעאַקציע. „צוריק אין געטטאָ אריין!" האָט פּרייסען קאָמאַנ־דירט, און ווען דער איד איז געקומען דעם קריסט אין וועג, האָט מען אים געהייסן „מאַכן מאָרעס", א שטייגער „געט-אוט-אָוו־היער!" בלשון אַמעריקע, פּונקט ווי פריער.

עס איז געווען איין ברירה: צוריקגיין אין געטטאָ, צום אַלטן אידישן אָפּגעזונדערטן לעבן, זיך אָפּזאָגן פון יעדער העכערער ביל־דונג, פון א דאָקטאָר־קאריערע, פון אַן אדוואָקאַט־פּראַקטיס און אַזוי ווייטער, אָדער זיך שמד'ן.

האָבנדיק פאר זיך די דאָזיקע איינציקע ברירה, האָט מאַרקס'עס פּאָטער, אַן אדוואָקאַט, זיך גע'שמד'ט, בעת לאַסאַל'ס פאָטער, א זיידענהענדלער, איז געבליבן א איד.

ביידנס אידישקייט האָט ניט געהאַט קיין גרויסן ווערט, אָבער דער אַלטער לאַסאַל האָט זיך לכל־הפחות פאָרמעל געהאַלטן פאַר א בן־ברית. דאָס האָט טאַקע אים ניט געשטערט צו דערציען זיין זון אויף א ריין דייטש־קריסטלאַכן אופן. דער יונגער לאַסאַל אָבער האָט זיך פאָרט געהאָדעוועט אין א מער אידישער סביבה. פון זיין „טאַגעבוך" ווייסן מיר, אז אין די יונגע יאָרן האָט אין אים גע־קלאַפּט א אידישער אָדער. ביי א געוויסער געלעגנהייט האָט ער אפילו גע'חלום'ט פון באַפרייען אידן מיטן שווערד אין דער האַנט.

שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן אַסימילירט און אידן האָבן אים זייער ווייניק אינטערעסירט. ער איז געוואָרן א „גוי" ניט ווייניקער ווי מאַרקס, וועלכער איז דורך זיין פאָטער געטויפט גע־וואָרן ארום דער זעלביקער צייט, ווען לאַסאַל איז אָנגעקומען אין דער וועלט.

עס איז דערפאַר ניטאָ פיל וואָס צו דערציילן ניט וועגן דעם'ס אידישקייט, ניט וועגן דעם אַנדערענ'ס. וואָס איז שייך צו זייער האַלטונג אין דער אידנפראַגע, איז אינטערעסאַנט פאָלגנדעס:

לאַסאַל האָט משמעות גאָר ניט געפילט, אז ער האָט עפּעס א שייכות מיטן „יודענטום". דערביי איז ער געווען א דייטשער איד מיט אַלע קליפּערלאַך; מיט אַנדערע ווערטער, א מענטש מיט אַלע אומסימפּאַטישע אייגנשאַפטן, וואָס דער דאָזיקער מין איד

האָט. ווען איר לייענט לאַסאַל'ס „אינטימע“ בריוו צו זיין פאַמי־ליע — פאַר וועלכער ער האָט, פאַרבייגייענדיק, אַ טיפע, אמת'ע ליבע — ווארפן זיך אייך כסדר אין די אויגן די קליינלאַכע בור־זשואַזנע חשבונות זיינע מיט זיין פאָטער און שוועסטער. „שיק מיר ציגאַרן און שרייב די הוצאה אויף מיין קאָנטאָ“ איז אַ מוס־טער פון יענער עכט־דייטשער אידישקייט, וועלכע איז אונז ליט־וואַקעס און אַנדערע אַזוי אומסימפּאַטיש. ביי אונז לעגט זיך אויפן שכל, אַז מען זאָל עלטערן באַהאַנדלען שלעכט, אַז מען זאָל פון זיי שלעכט באַהאַנדלט ווערן, אָבער מען האַלט מיט אַ טאַטן ניט אַזעלכע קליינלאַכע חשבונות.

בעקער, ווידער, זיין ערשטער נאָכפאָלגער אַלס פּרעזידענט פון דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פאַראיין, פון לאַסאַל אַליין (פאַרן גיין צום דועל) פאַרגעשלאָגן פאַר דעם אמט, האָט, ווי מען ווייסט, אים אָפּגעדינט און האָט נאָך לאַסאַל'ס טויט אויסגערעדט אויף אים וואָס אין קאָרט שטייט. צווישן אַנדערע באַריידערייען געפינט זיך אַן אָפּט־ציטירטער ווערטל פון לאַסאַל, אַז עס זיינען דאָ צוויי קלאַסן מענטשן, וועלכע ער האָט פיינט: אַדוואָקאַטן און אידן, און לייד ער געהערט ער צו ביידן.

לאַסאַל האָט דאָס ניט געלייקענט, ווייל ער איז שוין געווען ניין יאָר טויט, ווען בערנהאַרד בעקער האָט געשריבן זיין „געשיכ־טע“, אָבער מעגלאָך איז עס, הגם ער אַליין האָט אפשר ניט גע־מיינט, אַז אימיצער וועט דאָס נעמען ערנסט. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן זיין „אידישקייט“ חוץ דעם אינצידענט אין זיין ראָמאַן מיט דער רוסישער יונגער מיידל סאָפיע סאָלנצעוואַ, ווען ער האָט געקלערט וועגן טויפן זיך פון אירעטוועגן צוליב דעם רו־סישן געזעץ, דערביי גאַנץ קלאָר איר זאָגנדיק, אַז דאָס וואָלט געווען געגן זיין ווילן און איבערצייגונג.

מאַרקס האָט זיך צום „יודענטום“ שוין ערנסטער באַצויגן. אים האָט, משמעות, די אידישע פראַגע גראָד „געבאַדערט“, אָבער ער האָט פשוט געהאַפּט, אַז די אידישקייט, וועלכע האָט באַזיגט

און פאַרשלונגען די בורזשואזיע, וועט צוזאַמען מיט איר אַליין פאַרשוואונדן ווערן (במהרה בימינו, אמן!).

דאָס דריקט ער אויס אין אַ בריוו צו רוגע, געשריבן אין אַ לשון, וועלכן איין העגל אין דייטשלאַנד און איין גאָט אין הימל קענען פאַרשטיין. דער שלום איז קלאָר גענוג:

„די געזעלשאַפטלאַכע עמאַנציפּאַציע פון דעם אידן איז דער געזעלשאַפט'ס עמאַנציפּאַציע פון דעם יודענטום", זאָגט מאַרקס.

געשריבן האָט דאָס מאַרקס אין 1843, ווען ער איז געווען אַ פיניף-און־צוואַנציק יאָריקער יונגער מאַן. ער איז דאַן געווען נאָרוואָס באַקאַנט געוואָרן מיט סאָציאַלע אידייען און האָט גע'חלומ'ט וועגן אַ גרויסער רעוואָלויע אין דייטשלאַנד.

געקומען איז — פינף יאָר שפּעטער — אַ רעוואָלוציע אין יענער מדינה, אָבער ניט קיין גרויסע. נאָך איר — אַ רעאַקציע און גאָר אַ ניש־קשה'דיקע. אַלס אַ רעזולטאַט דערפון איז מאַרקס צוזאַמען מיט ענגעלס, ליבקנעכט און אַנדערע אין 1849 געוואָרן אַ תושב אין ענגלאַנד, וואו ער האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן.

אין באַזונדערע ביאָגראַפיעס פון דיביידע גאונים אונזערע וואָלט מען געקענט עטוואַס מער זאָגן וועגן זייער אידישקייט, אָבער דאָ קענען מיר זיך דערמיט ניט פאַרנעמען.

איין קורצע באַמערקונג בעט זיך דאָ:

אי מאַרקס אי לאַסאַל האָבן אידישע פּנימ'ער. אָבער אויב עס איז דאָ אַזאַ ספּעציעלער טיפּ ווי דער טיפּ פון אַ דייטשן אידן, דאַן איז דאָס לאַסאַל, און אויב מען קען זיך דענקען אַן אַלוועלטלאַכן טיפּ פון אַ אידן, דאַן איז דאָס מאַרקס.

טוט לאַסאַל'ן אָן אַ מונדיר מיט שליפעס, בלאַנקע קנעפּ און גאַלאַינדלאַך און איר האָט פאַר זיך אַ אידישן-דייטשן מיניסטער אַ־לאַ דערנבורג. טוט אָן מאַרקס'ן אַ יאַרמולקע, ניט מער, און דער פּנים קען פאַרשטעלן אַ ר' עקיבא איגער, אַ ר' יונת'ל פּרעגער אָדער אַן אַנדער גאון פון וועלכן דור איר ווילט.

6

דער אויטאָר און דער אַרטיסט.

מאַרקס האָט איבערגעלעבט זיין אַמאָליקן חבר מיט גאַנצע ניינצן יאָר. דאָס איז פיזיש. אין גייסטיקער באַציאונג האָט ער אים איבערגעלעבט מיט פיל מער יאָרן ווי ניינצן, און דאָך איז זיכער, אַז אויב לאַסאַל איז ניט געווען אַ גרעסערער מאַן ווי מאַרקס, איז ער ניט געווען אַ קלענערער.

פרעגט איר: ווי קומט דאָס? זייער איינפאַך, דענק איך.

אויף דער וועלט־בינע ווערן זאַכן געטאָן כמעט אויף דעם זעלביקן אופן ווי אויף דער דראַמאַטישער בינע. דאָס גאַנצע לעבן פּאָליטיש, קינסטלעריש, רעליגיעז און סאָציאַל, ווערט אויפגעפירט ווי אַ דראַמאַ אין טעאַטער דורך דרייערליי כוחות.

עס איז דאָ אַ פּראָפעסער. ער מאַכט די פּיעסע, אין לעבן ווי אויף דער סצענע. נאַטירלאַך, ער מאַכט די פּיעסע ניט פון גאָרנישט. דעם מאַטעריאַל האָט פאַר אים באַזאָרגט אַ גאַנצע ריי פון פריערדיקע דורות, אַמאָל מענטשן פון דעם אייגענעם דור. געמאַכט, פונדעסטוועגן, האָט די פּאָליטישע, סאָציאַלע אָדער קינסטלערישע זאַך דער דאָזיקער פּראָפעסער, דער אויטאָר, ווי איר רופט אים.

דאָס שטיק קען, אין לעבן ווי אויף דער בינע, ניט אויפגעפירט ווערן נאָר דערמיט אַליין, וואָס עס איז דאָ, פאַרטיק, געמאַכט. אימיצער מוז עס אויפפירן. די ראָלן, כדי צו ווערן באַמערקט און פאַרשטאַנען, מוזן געשפּילט ווערן. די פּיעסע נויטיקט זיך אין אַ קינסטלער, אַ שוישפּילער, כדי צו ווערן פון אַ מאַנוסקריפּט אַ טעאַטער־שטיק, כדי אָנצונעמען אַ לעבעדיק געשטאַלט, כדי אַז אותיות און ווערטער פון טינט אויף פּאַפּיר זאָלן ווערן פאַרוואַנדלט אין בילדער און געשטאַלטן מיט פליייש און בלוט, מיט ביינער און מאַרך, בקיצור, מיט לייב און לעבן. אָט אַזוי קומט צו צום אויטאָר דער שוישפּילער.

דער דריטער פון די כוחות איז צווישן די ביידע ניט אַלעמאָל

נויטיק. דער גרויסער קינסטלער קומט אויס אָן אים, אָבער די קלענערע מוזן אַלע אים האָבן.. זיי קענען זייערע ראָלן ניט דורכ־פירן און זייער פּיעסע ניט אויפפירן אָן אַ סופליאָר. דאָס איז אין לעבן פּונקט ווי אויף דער בינע. צווישן דעם מחבר פון דעם טעקסט און דעם פאָרשטעלער פון דעם טיפּ איז נויטיק אַ „פּראָמפּטער", איינער, וואָס זאָל העלפן דעם שוישפּילער פול און גאַנץ ארויס־ברענגען דעם כאַראַקטער. דאָס איז ביי די קליינע. דער גרויסער קינסטלער נויטיקט זיך אין דעם ניט. בעת יענע נעמען אריין אין מוח געוויסע ווערטער און ברענגען זיי שפּעטער אַרויס אויף דער סצענע, ווערט דער גרויסער אַרטיסט אַזוי שטאַרק פאַרשמאָלצן מיט זיין ראָלע, אַז די ראָלע דאָס איז ער אַליין, זי ווערט אַ טייל פון אים און ער ווערט אַבסאָרבירט פון איר, מיט די ווערטער, מיט אַלעמען, וועלכע ער געפינט אינם טעקסט און וועלכע זיינען זיין ראָלע. נאָך מער, ער טוט אריין אין דער ראָלע עפּעס אַזוינס, וואָס דער פּראָפעסער אַליין האָט ווען דעם גאָרניט געטראַכט.

און וואָס איז שייך צו דעם סאָציאַל־פּאָליטישן אויפטו פון דער נייער צייט, וואָס האָט געזאָלט געבן דער מענטשהייט אויף דער וועלט־בינע איר דראַמאַ: דעם אָנפאַנג, די אַנטוויקלונג און דעם אויסגאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, קלאָר ווי אין אַ שפּיגל פאַר די אויגן, — וואָס איז שייך דערצו, איז מאַרקס געווען דער פּראָפעסער און לאַסאַל דער פאָרשטעלער. קיין סופליאָר איז צווישן זיי ביידן ניט געווען מעגלאַך און אויך ניט דענקבאַר. שפּע־טער, ווען אין לאַסאַל'ס שיך זיינען געווען די פיס פון קלענערע מאַרקס־מענער, האָט זיך צייטנווייז שוין געזען אַ סופליאָר־קעסטל אויף דער בינע און עס האָט זיך געהערט דער שטילער קול פון פרידריך ענגעלס און אַנדערע, דערפילנדיק די אויפגאַבע פון „פּראָמפּטערס."

ווען לאַסאַל האָט זיין גרויסע אַגיטאַציע אָנגעהויבן, איז מאַרקס — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — שוין געווען אָפּגעשטאַנען פון אים. לאַסאַל אָבער האָט אָפן אָנערקענט, אַז דער יסוד פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער לערע איז געלעגט געוואָרן פון מאַרקס. ער

האָט, אויף דעם אופן, אויפגעפירט אויף דער וועלט־בינע מאַרקס'עס ווערק און עס איז זיין גרויסער פאַרדינסט, וואָס טויזנטער, און דורך זיי, צענדליקער טויזנטער און שפּעטער הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען פּראָלעטאַריער האָבן געלעזן אפילו מאַרקס'עס פּאָפּולערסטע אַרבעט, דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און וואָס דער צורוף: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!" איז געוואָרן דער לאָזונג פון דער וועלט'ס פּראָלעטאַריאַט, — וואָס דאָס איז געוואָרן אַזוי שנעל: געוואָרן וואָלט עס מסתמא סיי־ווי־סיי.

דערווייל איז פאַרגאַנגען מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט לאַסאַל איז געשטאָרבן און מער ווי אַ דריטל יאָרהונדערט זינט מאַרקס איז אויסגעמעקט געוואָרן פון דעם ספר החיים. און וואָס האָט פּאַסירט?

לאַסאַל האָט געלאָזן לאַסאַליאַנער — זיי זיינען שוין לאַנג מער ניטאָ. זיי זיינען ניטאָ, ווייל עס איז שוין ניטאָ, און עס איז אין גרונד גענומען קיינמאָל ניט געווען, קיין וויסנשאַפטלאַכער לאַסאַליזם. געבליבן איז לאַסאַל'ס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טאַקטיק, ווייטער גאָרנישט, הגם דאָס איז אַ שיין ביסל: אויב ניט דער ציל, איז דאָס יעדנפאַלס דער וועג, דער מאַרשרוט, לאַסאַל'ס מאַרשרוט.

מאַרקס האָט געלאָזן מאַרקסיסטן. אין 1883 זיינען זיי געווען אַ קליין הייפעלע, אויב מען האַלט אין אויג, אַז ניט יעדער איז געווען אַ מאַרקסיסט, וואָס האָט זיך גערופן סאָציאַליסט אין יענע, אפילו היינטיקע, צייטן און האָט געשטימט דעם פּאַרטייטיקעט. היינט זיינען זיי מיליאָנען איבער דער גאַנצער וועלט, צי זיי האָבן געלייענט „דאָס קאַפּיטאַל" אינם אָריגינאַל, אָדער ניט.

לאַסאַל'ס בראשונו ווערן, געווים, היינט נאָך געלייענט אין אַלע שפּראַכן, אָבער די נשמה אין זיי איז אַ מאַרקסיסטישע. לאַסאַל'ס לעבנסאַרבעט איז געווען צו־ענד, ווען ער איז געשטאָרבן. מאַרקס'עס האָט זיך נאָך זיין טויט ערשט אָנגעהויבן. ווערנער

זאַמבאַרט האָט ריכטיק באַמערקט, אַז מאַרקס'עס וואוקס האָט זיך אָנגעפאַנגען ערשט נאָך זיין טויט.

די גרעסטע אַגיטאַציאָנס-שריפט מוז פריער אָדער שפּעטער אַלט ווערן און אַרויסקומען „פון דער מאָדע", דאָס הייסט, ווערן אָפּגענוצט, ניט מער צייטמעסיק, ניט מער פּאַסיק פאַר די פאַר־העלטענישן.

און דער אַגיטאַטאָר, אפילו דער גרעסטער, מוז, ווי דער שויד־שפּילער, פריער אָדער שפּעטער אָפּשטאַרבן. אויב ער לעבט, לעבט ער אויף אַזוי ווייט, ווי עס איז דאָ קונסט, ליטעראַטור און אייביקער שטאָף אין זיין אַגיטאַציאָנס־אַרבעט. די אידייע, די טעאָריע, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט, איבערלעבט דעם אַגיטאַ־טאָר, אַ שטייגער ווי שעקספּיר'ס „האַמלעט", יואָס וואָלט לאַנג געבליבן אומבאַקאַנט, אָדער ווייניק באַקאַנט, אָן אַזאַ'ן אַרטיסט ווי גערריק (1716 ביז 1779), לעבט נאָך היינט, אפשר טאַקע דורך דער קונסט פון דעם גרויסן שוישפּילער, אָבער גערריק אַליין איז שוין לאַנג פאַרגעסן.

האָט דאָך אָבער לאַסאַל אַנדערע זאַכן געשריבן? אָט דער־צו קומען מיר איצט.

7

דער וואוקס פאַר'ן טויט און נאָכדעם.

ווען מאַרקס איז געשטאָרבן, איז נאָך אים געבליבן דער ער־שטער באַנד „קאַפּיטאַל", עטלאַכע בראָשורן און זיין ערשטע קרי־טיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ביסלאַכווייז זיינען זינט דעם יאָר 1883 אַרויסגעקומען די צוויי אַנדערע בענדער פון „קאַ־פּיטאַל", די 4 בענדער „טעאָריען איבער דעם מערוּוערט", די 3 בענדער נאָכגעלאָזטע שריפטן, מאַרקס'עס קאָרעספּאָנדענץ מיט פרידריך ענגעלס אין 4 בענדער, און אייניקע קלענערע זאַכן. געווען פרידריך ענגעלס („קאַפּיטאַל" 2 און 3), קאַרל קאוטסקי אין דער אַרויסגאַבע פון די דאָזיקע שריפטן האָבן זיך מתעסק געווען פרידריך ענגעלס („קאַפּיטאַל" 2 און 3), קאַרל קאַאוטסקי

(מערווערט־טעאָריען), פּראַנץ מערינג (נאַכלאַס), אויגוסט בעבעל און עדוארד ברענשטיין (קאָרעספּאָנדענץ).

די הויפּט־אַרבעט פון מארקס איז, ווי מען זעט, באַקאַנט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט.

כמעט אַלץ, וואָס איז אַרויסגעקומען פון לאַסאַל׳ס פעדער, איז געווען געדרוקט ביים לעבן. די איינציקע וויכטיגע אויסנאַם איז, אַזוי ווייט ווי מיר איז באַקאַנט, דער באַנד בריוו, געשריבן צו מארקס און ענגעלס, ארום וועלכע מיר וועלן באַלד רעדן. לאַסאַל׳ס לעבנסווערק איז געווען פּאַרטיק און אָפּגעשלאָסן איידער ער איז געשטאָרבן אויף דעם אומגליקלאַכן דועל אין 1864.

בריוו פון לאַסאַל זיינען, איבריקנס, אויך דערשינען נאָך זיין טויט חוץ די נאַר־וואָס דערמאָנטע צו מארקס — און אויך לאַסאַל׳ס „טאַגעבוך“. פון די בריוו זיינע האָט בערנשטיין אַרויסגעגעבן די, וואָס לאַסאַל האָט געשריבן צו זיינע שוועסטער און עלטערן; אויך בריוו צו ראָבערטוס, האַנס ביולאָוו, צום דיכטער הערוועג און צו סאָפיע סאָלנצעווא (געשריבן אין פראַנצויזיש). אַ באַדייטנדיקן ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער סאָציאַלער באַוועגונג האָבן, פונדעסטוועגן, בלויז יענע, וואָס מערינג האָט אַרויסגעגעבן אין דעם אויבן־דערמאָנטן באַנד.

לאַסאַל׳ס הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען —

ערשטנס, אין זיין „העראַקליט“, אַ פילאָזאָפיש ווערק, וואָס איז דערשינען אין 1857, און זיין „סיסטעם דער ערוואָרבענען רעכטע“, געדרוקט פיר יאָר שפּעטער, פאַר דעם אָנפאַנג פון דער גרויסער אַגיטאַציע, און

צווייטנס, די פּאָליטיש־סאָציאַלע בראָשורן, פאָרשטעלנדיק די גרויסע רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פאַרשידענע צייטן.

דאַן זיין היסטאָרישע דראַמאַ „פראַנץ פאָן זיקינגען“.

די אַלע, אפילו די בראָשורן, זיינען געווען געדרוקט און אַרויסגעגעבן (געפּאָבלישט) פאַר זיין טויט. לאַסאַל האָט געהאַט אַ טבע צו לאָזן דרוקן זיינע רעדעס, מאַנכע פון זיי נאָך איידער ער האָט זיי געהאַלטן.

הייסט עס, אז בעת מארקס איז ביסלעכווייז נאך זיין טויט אויסגעוואקסן, איז לאסאל.ס לעבנסווערק געווען כמעט אינגאנצן פאר דער וועלט איידער ער האט צוגעמאכט זיינע אויגן.

און וואס איז דער רעזולטאט?

מארקס'עס שריפטן האבן יעדע באזונדער געהאלפן פאראייביקן זיין גרויסן בנין—די, באפעסטיקנדיק דעם פונדאמענט, יענע, ארויפלייגנדיק נויטיקע שינדלען אויפן דאך, אן אנדערע צובויענדיק אפט א גאנץ נייעם פליגל, א טויער, א קעלער, א צאם.

לאסאל'ס האבן בלויז געהאלפן ארויסברענגען קלארער, דייטלאכער, אויסגעפרעגטער זיין גרויסע פערזענלאכקייט. וואס איז שייך צו דיביידע גרויסע ווערק „הערא‌קליט" און „דאס סיסטעם דער ערווארבענען רעכטע" זיינען זיי הייגט בלויז באקאנט ביים גרויסן עולם, ווייל זיי זיינען לאסאל'ס שריפטן.

און דוקא דא האבן מיר א מעגלאכקייט קלאר צו פארשטיין דעם אונטערשייד צווישן מארקס און לאסאל.

ווייל וויסן דארף מען, אז די ביידע הויפט־ווערק פון לאסאל האבן געמאכט א מורא'דיקן איינדרוק אין דער געלערנטער וועלט פון דייטשלאנד. לאסאל האט מיטאמאל געקראגן א „שטאט" אין דער מזרח־וואנט פון דייטשלאנד'ס געלערטן־טעמפעל דורך זיין „הערא‌קליט" און אין 1861 איז ער דארטן געווארן א גאנצער תקיף דורך זיין „סיסטעם דער ערווארבענען רעכטע".

אבער די דאזיקע ווערט זיינען געווען מער צו ווייזן וואס ער קען, איידער צו גרינדן א „שולע" צו מאכן תלמידים און נאכפאלגער, ווי דאס טוט יעדע גרויסע וויסנשאפטלאך־ליטערארישע דערשיינונג.

אין מיינע קינדער־יארן, געדענק איך, האב איך אין מיין פאטער'ס הויז געפונען א „צפנת פענח", א העברעאישע אריפמעטיקע, געשריבן אין דעם סטיל פון בטלנים, וואס שרייבן „תורה".

מיר איז דער ספר פארגעקומען כמעט קאמיש און איין טאג האב איך געזאגט צו מיין פאטער, אז איך גלויב ניט, אויב אימיצער קען זיך פון דעם בוך אויסלערנען אריפמעטיקע.

„דער מחבר האָט דאָס אויך ניט געגלויבט", האָט מיין פֿאָטער מיר שמייכלענדיק געענטפֿערט. „אַלץ, וואָס ער איז אויסן געווען, איז, אַז מען זאָל וויסן, וואָס פֿאַר אַ בעל־חשבון דער צפנת פענח איז געווען".

און אין אַ געוויסן זין איז דאָס דער פֿאַל ביי לאַסאַל'ס גרויסע ווערק.

לאַסאַל איז געווען בטבע ניט אַ בוך־מענטש, נאָר איינער, וואָס האָט אי דעם וואונטש, אי די ענערגיע, אי די גייסטיקע כוחות צו ווערן מעכטיק, גרויס, אַ פֿירער פֿון מענטשן. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן ביז ער האָט אויפגעהויבן די רויטע פֿאָן אין זיין „קעמפיין" פֿאַר דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט אין 1862, איז געווען, כדי צו ווייזן דעם עולם וואָס ער איז און וואָס ער קען. דעם כאַראַקטער האָט געטראָגן זיין אַכט־יאָריקער קאַמף פֿאַר דער גרעפֿין האַצפֿעלד; זיין איבערראַשן די געלערנטע וועלט מיט דעם „העראַקליט", אַ ווערק, וואָס איז פֿאַר אַ סך מענטשן געווען אַ וואונדער; זיין שפּילן אַ פּאָליטישע פּאַרטיע שאַך מיט דעם גרויסן ביסמאַרק און אַפֿילו זיין „סיסטעם דער ערוואָרבענען רעכטע".

דער איד, דער רעוואָלוציאָנערער איד און דערצו נאָך אין רעאַקציאָנערע צייטן, ווען ער האָט אין בערלין ניט געטאָרט וואוינען, האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַזיגן אַלע שטערונגען, איינצוברעכן אַלע ראַגאַטקעס, צו שווימען, דערשווימענדיק, געגן דעם מעכטיקן שטראָם פֿון פּרייסישע פֿאָראורטיילן און פּרייסישן יונקער־שטאָלץ, און ביז צו אַ געוויסן גראַד האָט זיך אים דאָס איינגעגעבן.

אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, איז דערפֿאַר געווען אַ מיטל צום צוועק. זיי ווייזן ווער איך בין — זיי, די פֿאַרדאַמטע פֿיליסטער! — איז געווען זיין מאָטטאָ.

און ער האָט געוויזן, אָבער זיינע ווערק זיינען דאָס, ווי זיי זיינען דאָ כאַראַקטעריזירט געוואָרן.

בעת מעשה איז מאַרקס געזעסן אין לאָנדאָן און האָט געשריבן, זיך ניט קימערנדיק וועגן דעם, וואָס די גרויסע, די גע־

לערנטע וועלן פון זיין אַרבעט דענקען. ער האָט געבויט, לייגנ־דיק אַ ציגל אויף אַ ציגל, איבערלאָזנדיק פאַר אַנדערע, ספּעציעל פאַר זיין פריינט ענגעלס, צו קאָנטשענען די אַרבעט, געברויכנ־דיק זיין — מאַרקס'עס — מאַטעריאַל.

און דער רעזולטאַט? זיין ווערק האָט אים איבערגעלעבט, בעת לאַסאַל האָט כמעט איבערגעלעבט זיין ווערק, הגם ער איז געשטאָרבן 39 יאָר אַלט.

8

זייערע בריוו.

ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן מאַרקס און לאַסאַל ענט־ווערער זיי פאַרגלייכנדיק איינעם מיטן אַנדערן, אָדער אָפּשאַצנ־דיק דעם ווערט פון יעדן באַזונדער פאַר דער באַוועגונג.

וואָס מיר האָבן איצט צו טאָן, איז צו שילדערן, אַרויסכאַפּנ־דיק איינציקע עפּיזאָדן, זייערע פּאַרהעלטעניש, זייער גייסטיקע פאַרבינדונג. איך זאָג: איינציקע עפּיזאָדן, ווייל דאָס צו טאָן גרינדלאַך וואָלט מען דאַרפן שרייבן אַ בוך, ווי עס וועט באַלד קלאָר ווערן פון דעם, וואָס קומט.

און דאָס איז ניט שווער. ווי אַזוי מאַרקס האָט זיך גע־האַלטן צו זיין אינגערן חבר, און פאַרקערט, דאַרפן מיר נ י ט פרעגן ערגעץ אַ דריטע פּערזאָן, וואָס האָט געקענט שטיין נאָענט צו ביידן. דערצו האָבן מיר די בריוו פון לאַסאַל צו מאַרקס, וועל־כע מערינג האָט אַרויסגעגעבן — מיט מייסטערהאַפטע דערקלע־רונגען — אין דעם יאָר 1902. די בריוו זיינען 75 אין צאָל און ציען זיך דורך 13 יאָר, פון 1849 ביז 1862.

די דאָזיקע בריוו וואָלטן נאָך געהאַט אַ גרעסערע באַדיי־טונג, ווי זיי האָבן איצט פאַר אונז, ווען מיר וואָלטן געהאַט ניט בלויז אַלע, וואָס לאַסאַל האָט אין יענע יאָרן געשריבן צו מאַרקס'ן, נאָר אויך מאַרקס'עס בריוו צו לאַסאַל'ן. צום אומגליק זיינען זיי באַהאַלטן ערגעץ־וואו ביי דער דייטשער רעגירונג, אָדער ביי פּער־

זאָגען, וואָס שטייען ניט ווייט פון איר. געקומען איז דאָס אויף דעם פאָלגנדן אופן:

די גרעפין האַצפּילד, פאַר וועלכער לאַסאַל האָט געקעמפט אין די געריכטן גאַנצע אַכט יאָר געגן איר טיראַנישן מאַן, האָט איבערגענומען אַלע זיינע איבערגעלאָזענע פּאַפּירן נאָך זיין טויט. די גרעפין, מיט צוואַנציג יאָר עלטער פאַר אים, איז אויך ניט לאַנג געבליבן אויף דער וועלט, און איר ליטעראַרישער אוצר איז אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון איר זון. דער דאָזיקער, גראַף האַצפּילד, איז אין אָנהויב געווען ראַדיקאַל, איז אָבער נאָך לאַסאַל'ס טויט אַוועק דעם וועג פון אַלע גראַפן און איז דערגאַנגען ביז דער הויכער מדרגה פון אַ דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד. איצט איז ער, דאַכט זיך, אויך טויט, און לאַסאַל'ס ליטעראַרישע ירושה, דערונטער דער פּאַק בריוו פון מאַרקס'ן, איז ביז היינטיקן טאָג באַהאַלטן אין אַן אָרט ערגעץ־וואו, פון וואַנען די רעוואָלוציע אליין וועט עס ווען־עס־איז אַרויסראַטעווען. *)

דערפאַר האָבן מיר בלויז איין צד פון אַ קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז דער וויכטיקסטער לעבעדיקער דאָקומענט פון דער גע־שיכטע פון אונזער באַוועגונג און דער בעסטער שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דיביידע צענטראַל־זיילן פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. אַ סך לערנען מיר פונדעסטוועגן פון דעם איין צד אויך, דאָס הייסט, פון לאַסאַל'ס בריוו צו מאַרקס'ן, וועלכע מאַרקס האָט אונז געלאָזן בירושה, ווען ער איז אַוועק פון דער וועלט. די בריוו זיינען צונויפגעקליבן און צונויפגעשטעלט געוואָרן פון ענ־געלס און מאַרקס'עס אינגסטער טאָכטער עלעאָנאָרע. אַרויסגע־געבן האָט זיי שפּעטער פראַנץ מערינג, ווי די לעזער ווייסן שוין.

*) לאַסאַל'ס ליטעראַרישע ירושה איז לעצטנס געפונען געוואָרן און אַרויסגעגעבן פון גוסטאַוו מייער אין זיין זעקס באַנדיקן ווערק (איבער 1900 זייטן) לאַסאַל'ס „נאַכגעלאַסענע בריפע אונד שריפטען“. שטוטגאַרט 1921—1925. —ק. מ.

ערשט מיט עטלאַכע יאָר צוריק (אינם זומער פון 1913) זיינען באַקאַנט געוואָרן צוויי בריוו, וואָס מאַרקס האָט געשריבן צו לאַסאַל'ן. די דאָזיקע בריוו האָט גוסטאַוו מאַיער, דער מחבר פון „סאָציאַלע באַוועגונגען און טעאָריען אינם 19טן יאָרהונדערט", געפונען אין אַ מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג אין בערלין. ביידע קומען פון ענגלאַנד. זיי זיינען דאַטירט: דער ערשטער—לאָנדאָן, דעם 28טן יולי, דער צווייטער—מאַנטשעסטער, דעם 8טן נאָוועמבער, 1855.

צו די צוויי בריוו וועלן מיר אפשר נאָך צוריקקומען. דאָ בעט זיך אַן איינלייטונג פאַר דעם לעזער צו דעם באַנד, וואָס מערינג האָט אַרויסגעגעבן, כדי קלאָרער צו פאַרשטיין ווי אַזוי די קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס וועלן מיר נאָר קענען געבן אין עטלאַכע קורצע ווערטער:

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 איז באַלד געקומען די קאָנטר־רעוואָלוציע, מיט דער שרעקלאַכער רעאַקציע, פון וועלכער אונזערע לעזער קענען זיך מאַכן אַ באַגריף, זיך דערמאָנענדיק אָן דער סטאָליפּין־הערשאַפט נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905.

אין יענער צייט זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין קעלן (פּרייסן) מאַרקס, שאַפּער און שניידער; אין דיסעלדאָרף (אויך אין פּרייסן) לאַסאַל, קאָנטאַדאָר און וועיערס, אַן אַרבעטער. די ערשטע דריי האָט מען פּרייגעשפּראָכן און פּרייגעלאָזן, לאַסאַל'ס מיט־אַרעסטאַנטן אויך, אים אַליין אָבער האָט מען געגעבן זעקס חדשים טורמע.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז מאַרקס, צוזאַמען מיט ענגעלס, ווילהעלם וואָלף (וועמען מאַרקסווידמעט זיין ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל"; וואָלף ווערט אין די בריוו פון מאַרקס און ענגעלס אָפט דערמאָנט אַלס „לופּוס": וואָלף אין לאַטיין), דער דיכטער פרייליגראַטה און אַנדערע, אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. לאַסאַל אָבער איז קיינמאָל אויף לאַנג ניט אַוועקגעפאָרן פון דייטשלאַנד.

9

די שײדונג.

איך וועל קײנמאָל ניט פאַרגעסן דעם ערשטן אײנדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט מאַרקס'עס באַמערקונג וועגן לאַסאַל אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד פון זײן „קאַפּיטאַל“.

דאָס איז געווען אין 1877 אין קעניגסבערג (פּרייסן). חוץ דעם „18טן ברומעיר“ און אַ פּאָר קלײניקייטן האָב איך פון מאַרקס'ן גאָרנישט געהאַט געלײענט. מײן האַרץ און מײן מוח זײנען געווען פול מיט לאַסאַל — זײן לעבן, זײן ליבע, זײן ווירקען און זײן טויט — און אַלץ, וואָס איך האָב געקראָגן צו לעזן פון אים און וועגן אים, האָב איך ממש פאַרשלונגען. ער איז געווען מײן העלד, מײן גרויסער העלד, און דערבײ איז אין פאָלק נאָך געווען פריש זײן אָנדענקען: ער איז ערשט געווען 13 יאָר טויט. איך בין שטענדיק געווען אין קרײזן פון לאַסאַלעאַנער, דאָס הײסט, ברענענדיקע חסידים פון דעם גרויסן פירער, און איך האָב אים לײדנשאַפטלאַך געליבט — יע, געליבט, אין דעם פולן זין פונם וואָרט, מיטן גאַנצן האַרצן.

און מיטאַמאָל, בײ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט מאַרקס'עס גרויסן ווערק, דערזע איך גלײך אויף דעם ערשטן בלאַט אַ באַשולדיקונג, אַז „פ. לאַסאַל“ האָט אים, מאַרקס'ן, באַ'גנב'עט, נעמענדיק זײנע עקאָנאָמישע לערן מיט די ווערטער, מיט אַלעמען, און ניט זאָגנדיק פון וואַנען ער האָט דאָס גענומען. נאַטירלאַך, איז דאָס עדעל אויסגעדריקט און מאַרקס אַנטשולדיקט אים, כלומר'שט, דערמיט, וואָס דאָס האָט מסתמא געמאַכט נויטיק די אַגיטאַציע און אַזוי ווײטער. אָבער מיר האָט גענומען יאָרן איבערצוקומען דעם ערשטן „שאָק“ און צו באַזיגן אין זיך דעם פאָראורטײל געגן דעם גרויסן רבי'ן אונזערן אַלס אַ מענטש. דערמיט, פאַרבײגײענדיק, דערקלערט זיך, וואָס מיר האָט זיך ניט געוואָלט גײן זען מאַרקס'ן אין די פיר יאָר, וואָס איך האָב געהאַט צוגעבראַכט אין ענגלאַנד אײדער ער איז געשטאָרבן. מאַרקס האָט

יענע פיר יאָר ניט בלויז געלעבט אין לאָנדאָן אַ גרויסן טייל יעדן יאָר, נאָר ער האָט כסדר געהאַט באַזוכער פון אונזער קאָלאָניע אין זיין הויז.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס?

נו, כדי אַרויסצוברענגען דעם פאַקט, אַז אין יענע צייטן און עטלאַכע יאָר שפּעטער האָט מען גערעדט וועגן לאַסאַל און מאַרקס כמעט שטענדיק אַלס שונאים, בעת אין אמת'ן איז קיין שנאה צווישן זיי קיינמאָל ניט געווען. ווי מיר וועלן באַלד זען, זיינען זיי יאָרנלאַנג געווען אינטימע פריינט. לאַסאַל האָט באַטראַכט מאַרקס'ן מיט אַ געוויסן גראַד פון בושה, ווי מען האָט פאַר אַן עלטערן (אין יאָרן און אין תורה), האָטאַ ים געהאָלפן אין יעדער באַציאונג, אָפט מיט געלט. לאַסאַל איז בדרך־כלל געגאַנגען אין מאַרקס'עס וועגן, הגם תמיד זעלבסטשטענדיק, קיינמאָל ניט בלינד פאָלגנדיק, קיינמאָל ניט אונטערדריקענדיק זיין אייגענע מיינונג, אויף אַ רגע ניט פאַרגעסנדיק זיין אייגעם ווערט, און, אַלס פּראַקטישער טוער, זיך שטענדיק האַלטנדיק פאַר דעם וויכטיקערן פוןביידע.

און דאָס גופא, וואָס ער איז געבליבן אין דערהיים, אויף דער וואַך, כסדר זיך באַשעפטיקנדיק אַלס פירער, וועג־ווייזער, לערער מיט די דייטשע ראַדיקאַלע אַרבעטער, איבערהויפּט די פאַרפאָלגטע יונגע תלמידים פון מאַרקס'עס חדר; אָפט זיי האַלטנדיק ביי זיך, אין זיין הויז, זיי שיצנדיק געגן דער פּאָליציי, — דאָס גופא האָט געגעבן לאַסאַל'ן דעם געפיל, אַז איצט, ווען זיינע עלטערע חברים זיינען מער ניטאָ אין דייטשלאַנד, איז ער דער „הויפּט“ פון דער פּאַרטיי (אומבאַדייטנד ווי זי איז דעמאָלט געווען לגבי דער שפּעטערדיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע ער אַליין האָט געגרינדעט) און, אויף דעם אופן, וואָס מען וואָלט רופן אַ מענטש, אַ גאַנצער מענטש, וואָס שטייט אויף די אייגענע פיס און הערט אַן עצה, אָבער לאָזט זיך ניט זאָגן קיין דעה.

און ווען איר לייענט זיינע בריוו צו מאַרקס'ן, זעט איר בחוש ווי לאַסאַל וואַקסט אויס, וואַקסט אַריבער אַלס פּראַקטיקער

ניט בלויז מענטשן ווי ענגעלס, וואָלף (וועלכער, לאָמיך דאָ באַ-מערקען, איז געשטאָרבן מיט אַ האַלב יאָר פריער ווי לאַסאַל) און די אַנדערע, נאָר אפילו דעם רבי'ן אַליין; איר זעט ווי ער וואַקסט פון יאָר צו יאָר און ווערט אַלץ מער און מער אומאָפּהענגיק, זעלבסטשטענדיק, אַ פירער אויף „זיין אייגענער רעכנונג און געפאַר", ווי די סוחרים זאָגן.

און דאָן זעט איר, ווי די צוויי חברים גייען זיך ביסלעכווייז מען און מער פאַנאַנדער, אַלץ מער, וואָס גרעסער עס ווערט די שיידונג צווישן זיי; וואָס מער, וויל איך זאָגן, דער אינגערער חבר גייט זיין אייגענעם גאַנג, אין זיינע אייגענע וועגן, געגן דעם ווילן פון דעם עלטערן.

איר זעט אַזאַ פאַרהעלטעניש זייער אָפט אין דעם טעגלאַכן לעבן. יעדער פון די לעזער האָט דאָס געווים געזען, ווען ניט אַליין דורכגעלעבט. יעדער ראש־ישיבה דערלעבט דאָס מיט דעם גאונישן ישיבה־בחור, וואָס איז אַרויס פון יענעמס רשות, און איז געוואָרן אַ מענטש פאַר זיך, אַמאָל אַ גרעסערער חריף ווי דער אַמאָליקער רבי. און דאָס ווערט לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, גאַנץ אומבאַמערקבאַר. און דער ראש־ישיבה קען פשוט ניט פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך. חיימ'קע איז אַ ר' חיים, און מענטשן האַלטן אים פאַר אַ גאַנצן „סאַם־כאַזאַאין" און דער געוועזענער תלמיד איז גאָר חולק אויפן רבי'ן, איז מתיר, וואָס יענער אסר'ט, מאַכט כשר וואָס ביים אַלטן איז טריף... און דאַכט זיך ווי לאַנג צוריק האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווען דער רבי איז אַריינגעקומען!

אָט דאָס, און ניט מער ווי דאָס, האָט פּאַסירט צווישן קאַרל מאַרקס און דעם אינגערן פערדינאַנד לאַסאַל. קיין אָפענע מחלוקת (און ווער רעדט: שנאה!) איז צווישן זיי קיינמאָל ניט געווען. זיי זיינען קיינמאָל ניט געוואָרן שונאים איינער דעם אַנדערן. אין 1862, לאַסאַל אין דייטשלאַנד און זייער „ביזי" אין דער אַגיטאַציע און אין געריכטן, מיט אַלערליי פּראָצעסן אים הענגענדיק איבערן קאָפּ; מאַרקס דאַגעגן אין לאָנדאָן, אַרבעטנדיק

און קעמפענדיק מיט דעם ביטערן דלות—זיינען זיי זיך איינפאַך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דאָס איז אַלעס.

אין דעם פאַנאַנדערגיין האָט געשפּילט אַ ראָלע פרידריך ענגעלס, וועלכער האָט ניט גערן געזען אַרום זיין מאַרקס'ן קיין אַנדערן, וואָס זאָל זיין זייער „אינטים" מיט אים. עס איז דאָ



פרידריך ענגעלס.

פיל צו רעדן וועגן דעם פאַרהעלטעניש פון ענגעלס צו מאַרקס'ן, אָבער דאָ וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז ענגעלס האָט אין אַלצדינג געשטימט מיט מאַרקס'ן, ווייל ער האָט געדענקט מיט מאַרקס'עס מוח און האָט סתם ניט געהאַט פיל אייגענס. ער האָט דערפאַר

געפילט לאַסאַל'ס אַרויסגיין אין זיין אייגענעם רשות ווי אַ זינד געגן מאַרקס'ן און האָט אפשר געהאָלפן די צוויי גרויסע מענער זיך שיידן.

איך ווייס, פיל וועלן זען אין מיינע ווערטער וועגן ענגעלס'ן אפיקורסות. דער ענגעלס־קולט איז אַלעמאָל געווען אַביסעלע קאָמיש; קיינער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען בעסער ווי ענגעלס אַליין, — ער, טאַקע ניט קיין גרויסער מאַן, ניט אַ מאַן פון מאַרקס'עס „סאַיז און נאָמבער", אָבער אַ גרינדלאַכער, באַשיידע־נער מאַן, וואָס האָט פון זיך קיינמאָל ניט געבלאָזן און האָט קיינמאָל ניט פּרעטענדירט צו זיין עפּעס מער ווי מאַרקס'עס אינ־טימסטער פריינט, ער האָט זיין פריינט פאַרשטאַנען פריער, גרינד־לאַכער און בעסער ווי אַ סך אַנדער־ע. און דאָס איז אַליין שוין זייער פיל.

10

אַ האַסטיקער בליק אין היסטאָרישע בריוו.

און איצט, קומענדיק צו לאַסאַל'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַרקס'ן, וועט ניט נויטיק זיין צו פאַרקריכן אין זייער ווייטע דרכים, אויב מיר זאָלן ניט אַרויסגיין פון דער ראַמקע פון אַ קור־צער אָפּהאַנדלונג. אַ קורצער איבערבליק איז אַלץ, וואָס דער לע־זער קען דערוואַרטן.

לאַסאַל'ס ערשטע צוויי בריוו זיינען דאַטירט: דיסעלדאָרף, דעם 28טן פעברואַר, און 26טן מערץ, 1849. ער האָט געמעגט שרייבן „דיסעלדאָרפער געפענגעניש", ווייל דאָרטן אין אָסטראָג איז ער דאַן געזעסן. דאָס איז די צייט, אַרום וועלכער מיר האָבן פריער גערעדט.

דער אינהאַלט פון די דאָזיקע צוויי בריוו איז כמעט אינגאַנצן פאַרנומען מיט דעם פּראָצעס, ווייל דאָס איז לאַסאַל געזעסן אין „אונטערזוכונגס־האַפט" איידער עס איז געקומען צו דער פּראָצעס־פאַרהאַנדלונג (צום טרייעל) אין געריכט.

אין דעם דריטן בריוו (פון אקטאבער דעם 24טן, 1849) קומט פאר א שטעלע, וואס טראגט אין זיך דעם שטעמפל פון זיין שפעטערן פראגראם פאר דער סאציאל־דעמאקראטיע, און איז דערפאר מער ווי אינטערעסאנט.

ער רעדט וועגן דעם אויפשטאנד און דעם דורכפאל אין אונגארן. ער באהויפטעט, אז שולדיק איז דארטן געווען אין דעם די נאציאנאלע פארטיי. דערפון און פון די פאסירונגען אין דייטשלאנד אין 1848 און 1849 האט ער ביי זיך פעסט באשלאסן, אז קיין קאמף אין אייראפע וועט ניט זיגן, „סיידן ער איז פון אנהויב אן אן אויסגעשפראכענער ר י י ן ס א צ י א ל י ס ט י ש ע ר...“ די לעצטע צוויי ווערטער זיינען אין אריגינעל אויך אונטערגעשטריכן. „ארבעט אדער טויט!“, זאגט ער ווייטער, דארף זיין די פאראלע, ווי אין יוני 1848.

דעם 7טן יוני 1850 שרייבט ער א זייער אינהאלטסרייכן בריוו צו פרוי מארקס, מיט וועלכער ער שיינט צו האבן קארעספאנדירט רעגלמעסיק אין יענער צייט. דער בריוו צו פרוי מארקס איז, ווי עס ווייזט אויס, אן ענטפער אויף אירן. צום שלום „פראטעסטירט ער פייערלאך“ געגן דעם, אז זי זאל אפשר מיט אים ניט דירעקט קארעספאנדירן, אויב מארקס אליין שרייבט צו אים. „דאס, זאגט ער, וואלט געווען א צו טייערער פרייז, א פ י ל צו טייערער פרייז פאר מיר צו צאלן פאר מארקס'עס בריוו“.

מיט פרוי מארקס האט ער שפעטער אויך קארעספאנדירט. אין 1853, ווען מארקס'עס בראשורע: „ענטהילונגען איבער דעם קעלנער קאמוניסטן־פראצעס“, אין וועלכן ער און ענגעלס זיינען ניט געווען פארוויקלט, ווייל זיי זיינען שוין געווען אין לאנדאן, איז דערשינען, האט לאסאל צו פרוי מארקס געשריבן זעקס בריוו, וועלכע געפינען זיך אין דער זאמלונג. די בריוו זיינען זייער פריינטלאך, אבער האבן א ביזנעס־כאראקטער. לאסאל שרייבט דארטן וועגן דעם, ווי אזוי צו פירן מארקס'עס שריפטן איבערן גרעניץ, אומיידנדיק די פרייסישע פאליציי.

און גענוי אזוי פריינטלאך ווי עס זיינען געווען די באַציאונגען פון לאַסאַל צו פרוי מאַרקס, זיינען אויך געווען מאַרקס'עס באַציאונגען צו דער גרעפין האַצפעלד, וועלכע לאַסאַל פלעגט רופן „מוטער" און וועלכע איז דאָס צו אים טאַקע געווען ביז זיין טויט און נאָכדעם. מאַרקס האָט מיט דער גרעפין נאָך קאָרעספּאָנדירט אין 1862, ווי מען זעט פון לאַסאַל'ס לעצטע ווערטער צו מאַרקס'ן.

לאַסאַל'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַרקס'ן נעמט אַרום אַלע מעגלאַכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און וויסנשאַפטלאַכע פראַגן. ער דיסקוטירט מיט דעם עלטערן חבר אפילו פּערזענלאַכע פראַגן. ער איז כסדר מאַרקס'עס אַגענט אין דייטשלאַנד, זיין פּאַרוואַלטער, זיין אַרויסגעבער (פּאַבלישער) — אין דעם פאַל פון מאַרקס'עס ערשטן ווערק איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע — זיין וועקער און אויפמונטערער און זיין פּאַרערער.

די לעצטע בריוו זענען אייגנטלאַך בלויז קאַרטן, ווייל לאַסאַל איז דאַן (אין 1862) געווען אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען איידער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער גרויסער באַוועגונג, צו וועלכער ער האָט איינגעלאַדן מאַרקס'ן, אָבער מאַרקס האָט ניט געוואָלט „מיט מאַכן". אין אַ בריוו צו שווייצערן (לאַסאַל'ס נאָכפאָלגער) אין 1868, פיר יאָר נאָך לאַסאַל'ס טויט, זאָגט מאַרקס וועגן לאַסאַל'ס אַגיטאַציע פון 1863-1864, שטאַרק קריטיקירנדיק וואָס ער רופט לאַסאַל'ס געמאַכטע פעלערן: „נאָך אַ 15-יאָריקן שלאָף האָט לאַסאַל אויפגעוועקט די אַרבעטער-באַוועגונג אין דייטשלאַנד און דאָס בלייבט זיין—לאַסאַל'ס—אומשטערבלאַכער פאַרדינסט".

פיל וואָלט מען געקענט ציטירן פון דעם בריוו-וועקסל, אָבער דער פּלאַץ דערצו וואָלט זיין אין אַ ביאָגראַפיע פון לאַסאַל. לאָמיך דאָ נאָר באַמערקען, אַז בעת לאַסאַל שרייבט צו ענגעלס'ן צערעמאָניעל „זי", אים אירצנדיס, איז ער מיט מאַרקס'ן די גאַנצע צייט פּער „דו".

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז פון מאַרקס'עס בריוו צו לאַ־סאַל'ן זיינען מיט עטלאַכע יאָר צוריק געפונען געוואָרן צוויי. צו געבן אונזערע לעזער אַ באַגריף פון זייער קאָרעספּאָנדענץ, וועל איך דאָ איבערגעבן (שטעלנווייז) איינעם פון מאַרקס'עס צוויי בריוו און לאַסאַל'ס ענטפער; די פּינטעלאַך באַטייטן איבערגעהיפּטע שורות.

מאַרקס צו לאַסאַל

„28טן יולי 1855 — 28 דיען סטריט, סאוהאָ, לאָנדאָן.

„ליבער לאַסאַל!

„איך בין אין די לעצטע איניקע וואָכן אין אַ קאָטעדזש „אויפן לאַנד... איך בין נאַטירלאַך איבעראַשט צו געפינען, אַז „דו ביסט אַזוי נאָענט צו לאָנדאָן (לאַסאַל איז געווען אין פּאַ־„ריז) און דענקסט גאָר ניט אפילו אַריבערצוקומען צו אונז אויף „עטלאַכע טעג. איך האָף דו וועסט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם און „דאַן וועסטו אַנטדעקן ווי קורץ און וואָלוול די רייזע איז פון „פּאַריז קיין לאָנדאָן. וואָלטן פראַנקרייכ'ס טויערן ניט געווען „אַזוי פעסט פאַרשלאָסן פאַר מיר, וואָלט איך דיר געמאַכט די „איבעראַשונג און וואָלט געקומען צו דיר קיין פּאַריז... דער „טויט פון מיין קינד האָט מיר מיין האַרץ און מיין מוח צע־„טומלט און איך פיל דעם פאַרלוסט נאָך אַזוי פריש, ווי דעם „ערשטן טאָג. מיין אָרימע פרוי איז אויך אינגאַנצן צעבראָכן.

„טאָמער זעסטו (היינריך) היינע ווידער, לאָז אים גרוסן פון „מיר.

„דיין קאַרל מאַרקס".

לאַסאַל צו מאַרקס.

„דיסעלדאָרף, דעם 24טן סעפּטעמבער 1855.

„ליבער מאַרקס!

„דיין פריינטלאַכן בריוו, מיט דער האַרציקער איינלאַדונג „צו דיר צו קומען, איז מיר אָנגעקומען אין פּאַריז. איך בין גע־

„ווען פעסט אנטשלאָסן דיך צו פאָלגן און צו קומען קיין לאָנדאָן
„אויף א פּאָר טעג... האָב איך אָבער געקראָגן א בריוו פון דער
„גרעפין (האצפעלד) און איך האָב געמוזט צוריקפאָרן קיין דייטש־
„לאַנד פריער ווי איך האָב דערוואַרטעט... נעקסטן יולי — דאָס
„איז ביי מיר פעסט באשלאָסן — נעם איך די ים-בעדער אין
„אָסטענד און דאַן שפּריץ איך אריבער צו דיר.

„ביי אונז זיינען די צייטן שלעכט. דער יקרות איז גרויס
„און האָלט אין איין שטייגן. דערפון, אז דעם ארבעטער'ס
„ווײדזשעס זאָלן העכער ווערן, איז דאגעגן גאָר נישט צו הערן"...

„איך גריס פיל מאָל און הערצלאַך דיין פרוי און אלע מיינע
„לאָנדאָנער פריינט.

„דיין פ. לאַסאַל".

דאָ מוזן מיר זיך אָפּשטעלן.

פרייהייט און אָרדנונג *)

1

אין אָקטאָבער 1859 האָט דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער געאָרג הערוועג, דער מאַן, וואָס האָט אונז געשענקט דעם וועלט־באַרימטן פערז —

„מאַן דער ארבייט, אויפגעוואכט,
„אונד ערקענע דיינע מאכט,
„אַלע רעדער שטייען שטיל,
„ווען דיין שטארקער ארם ס'וויל",

געלאָזט דרוקן, דאַכט זיך, אינם בערלינער „קלאַדעראַדאַטש", א קליין געדיכטעלע. דאָס איז געווען א סאַטירישער וואָך־קאַלענדאר „פאר יעדע וואָך אין יאר" און האָט אויסגעדריקט די געפילן פון דער געדולדיקער גערמאַניא'ס אן אומגעדולדיקן זון. עס איז ניט נויטיק צו „אידישן" הערוועג'ס דייטש: די ווערטער „טרעגט" און „שלעגט" זיינען אונזערע „טראָגט" און „שלאָגט".

---

*) „פאָרווערטס", 16טן און 26טן מערץ און 2טן אַפּריל, 1918 (געשריבן אונטערן פרישן איינדרוק פונם דייטשן איבערפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד און דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן דעם 3טן מערץ, 1918, פאַר וועלכן מאָרים ווינטשעווסקי האָט געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלאַך אויך די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די פון איר געפירטע אַר־בעטערשאַפט. נאָר זינט דער דייטשער רעוואָלוציע פון נאָוועמבער, 1918, און דאָס אַנטשטיין פון דער דייטשער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז דער זיידע איבערציוגט, אַז די דייטשע אַרבעטער זענען אַזוי רע־וואָלוציאָנער, ווי זייערע קלאַסן־חברים אין אַנדערע לענדער.)

אָט איז ווי דער קאַלענדאַר לייענט זיך ביי הערוועג אינם אָריגינאַל:

וואָס מאַכט דייטשלאַנד?

זאָנטאָג:	דייטשלאַנד פּלעגט זיך גוט צו בעזינען;
מאָנטאָגן	דייטשלאַנד פרעגט, וואָס ווירד'ס בעגינען?
דיענסטאָג:	דייטשלאַנד טרעגט זיך מיט גראָסן געדאַנקען;
מיטוואָך:	דייטשלאַנד בעוועגט זיך... אין געזעצליכן שראַנקען;
דאָנערשטאָג:	דייטשלאַנד פרעגט זיך, אָב'ס ענדליך זאָל...
פרייטאָג:	דייטשלאַנד שלעגט זיך, שלעגט זיך ווי טאָל (משוגע)
שבת:	דייטשלאַנד לעגט זיך צו פּראָטאָקאָל.

דאָס הייסט, ווען דער טומעל איז צוענד, איז דער רעבל אָן אַרעס-טאַנט און דער געריכט־שרייבער פּראָטאָקאָלירט די נידערלאַגע— אַ מפּלה, וואָס איז אַמאָל אַ טראַגעדיע, אַמאָל אַ געפּלאַצטער זייפנבלאָז, אַ זאַך אָן אַ ממשות פון אָנהויב אָן.

אָט די דאָזיקע סאַטירישע גראַמען זיינען מיר ניט אַרוים פון די געדאַנקען יענע גאַנצע וואָך צייט, בעת די נייעס פון דעם „גרויסן" דייטשן פרידנס־סטרייק איז אהער פון טאָג־צו־טאָג געקו־מען—פון בערלין. און ווי די עטלאַכע טעג פונ'ם גענעראַל־סטרייק (אָן אַ סטרייק־גענעראַל, ווי מיר דוכט) זיינען זיך געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, האָב איך די גאַנצע מעשה געזען, זיך אָפּשפּילנדיק ווי אין אַ פאַנטאַסמאַגאָריע:

דער מיליאָנקעפּיקער ריז, וואָס רופט זיך דייטשער אַרבעטער, האָבנדיק זיך גאַנץ גוט איבערלייגט און באַרעכנט דעם עסק, דער־לאַנגט זיך אַ ריר, ווייל דאָס טראָגט ער זיך שוין לאַנג אַרום מיט „גרויסע" געדאַנקען („גרויסע געדאַנקען" — דאָס איז זיין ספּע־ציאַליטעט!) און ער נעמט זיך באַוועגן... יע, ער באַוועגט זיך. ער שפּרינגט אָבער ניט אַרוים פון די האַלאַבאַליעס... ער רעספּעק־טירט געזעץ און אָרדענונג... ער באַוועגט זיך אין „געזעצלאַכע

גרעניצן" און קומט אזוי ווייט, אז ער שטעלט זיך אַלץ די פראגע, צי איז טאקע אפשר ניט צייט זיך א הויב צו טאָן.. און —

אָה, וואונדער איבער וואונדער,
איז דאָס ניט א וואונדער!

דער געטרעטענער פון אַלע טרעטער טוט זיך ניט בלויז אַ הויב, נאָר ער שלאָגט זיך, שלאָגט זיך אויף לעבן און טויט... מיט זיינע טרייבער און שמייסער... ביז ער פאַלט אַנידער, אַן אויסגעלופ-טערטער בלאָז-זאַק, א שמשון אָן קודליעס, מוכן ומזומן צו גיין אין טורמע אריין פאַר זיין חוצפה און זיין „איבערמוט" געגן גאָט און דער פּאָליציי.

עס קומט דער „קליוטשוואָיט" מיט זיינע „דעסיאַטניקעס", ס'ווערט געשריבן א פּראָטאָקאָל און דער לאָם איז ווידער א לע-מעלע... גוט און פרום און „גאָטספאַרכטיק".

*
**

מער ווי דאָס האָבן די פּריסישע יונקער מיט זייערע אויבער-הארן און אונטערשטופּער ניט באַדאַרפט. פּאַרטיק מיט דעם שונא אין דערהיים, נעמט מען זיך צום שונא אין דער פרעמד: *) דער ווי יענער אומבאַוואָפנט; איינער ווי דער אַנדערער א מאָב...

און אין דערהיים איז איצט שוין ווידער שטיל; שטיל ווי אויף א בית-עולם. דער פּראָלעטאַריער-ריז, ווי אַמאָל נבוכדנאצר אויף דער עלטער, איצט שוין א כשר'ע בהמה, וואָס לאָזט זיך טרייבן און קוילענען, וואָס גייט אזוי לאַנג ווי מען לאָזט איר פון הויז אין פעלד און פון פעלד צוריק אהיים, קייענדיק, לעבנדיק, כדי צו קע-נען גיין אין סאָבע אָדער צו דער שחיטה, צו פירן א קרבן אָדער צו ווערן א קרבן.

א וואונדערבאַרער נפש איז דער דייטשער אַרבעטער-ריז. ער האָט א גרויסן כוח, נאָך א גרעסערן מוח און א מורא'דיק איבער-מענטשלאַך געדולד.

---

*) די באָלשעוויקעס.

אין דער גמרא שטייט נ י ט: „צען מאָס געדולד זיינען ארונטערגעקומען אויף דער ערד, ניין האָבן גענומען די דייטשן, די צענטע (מאָס) — אַלע אנדערע פעלקער". דאָס האָט אָבער געמעגט דאָרטן שטיין.

אָה, די דייטשן! עס איז פאַר אונזערן אַ מענטשן כמעט אומ־מעגלאַך זיי צו פארשטיין. אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן זיי און קענען זאָגן, איז לויט ווי זייער כאראקטער און זייער פּסיכאָלאָגיע שפּיגלען זיך אָפּ אין זייער געשיכטע. טיפער אריינקוקן אין זייער נשמה קענען מיר ניט. דער ווידערשפּרוך איז צו גרויס דערצו: מיר ווערן צעטומלט.

זיי זיינען די גרעסטע און די קלענסטע. זיי זיינען דער וועלט'ס לערער און וועג־ווייזער און צו דער זעלביקער צייט שול־קינדער און בלינדע פירער.

זיי זיינען די אויפקלערער, וואָס לייכטן דער מענטשהייט אין פינסטערע צייטן מיט אַזאַ מין לאַמטערנע, וואָס וואַרפט ליכט אויף דעם וועג פאַר אנדערע, און לאָזט זיי אַליין אין דער פינסטער.

דאַכט זיך, מלמדים פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, מיט בקיאות און חריפות: די זעלביקע מענטשן אָבער, אין זייער אייגענעם חדר, זיינען זיי ביזן טויט חדר־אינגלאַך, כסדר אונטער'ן רבינ'ס קאַנטשיק, כסדר קוקענדיק אויף דעם טייטל אין זיין האַנט, רק ציטערנדיק פאַר זיין ביסטרען בליק, פאַר זיין געשריי, פאַר אַ שמורך אין זייט, פאַר דער קונע, אין וועלכער מען קען חלילה אַוועקגעשטעלט ווערן, פאַר די שמיץ, וואָס מען קען קריגן.

***

אין דער אָרדענונג זייערער ליגט זייער גבורה אַלס אַ פאָלק, אינדוסטריעל און וויסנשאַפטלאַך הויך אַנטוויקלט.

אין דער זעלביקער אָרדענונג אָבער האָט איר אויך דעם שליסל צו זייער פּאָליטישער לעבעדיקייט, ניט שוואַכקייט. אַ קראָליק, מיט אויסגעשטעלטע אויערן, וואָס אים וואַרפט אַ צאָן אין אַ צאָן פאַר שרעק, ווען אַ הינט בילט אויף אים, איז שוואַך; אַ העלפאַנט איז אַזאַ לאַגע איז לעבערלאַך.

אי, די אָרדענונג די טייטשעשע!

ציימנווייז קלער איך, אַז אָרדענונג גראַמט זיך סתם ניט מיט פרייהייט.

דעם דייטש קומט פאַר די פרייהייט אַלס אַ שטער צו דער אָרדענונג זיינער, און די אָרדענונג איז אים העכער און טייערער פאַר אַלץ, ווייל זי איז דער יסוד פון זיין לעבן. אַרויסצוגיין פון דער אָרדענונג קומט אים פאָר פונקט אַזוי שרעקלאַך, ווי אונז וואָלט פאַרקומען דער ערד'ס אַרויסגיין אין איר יאָרלאַכן גאַנג אַרום דער זון — איר אַרויסגיין פון איר וועג. און ווי עס טאָרן זיך די פּלאַנעטן ניט דערלויבן קיין פרייהייטן, אויב די וועלט זאָל ניט חרוב ווערן, אַזוי האַלט דער דייטש, אַז ז י י ן וועלט־אָרדענונג, זיין שיין־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלאַכער מעכאַניזם, אין וועלכן יעדער רעדעלע פּאַסט אַריין אין אַן אַנדער רעדעלע, און ווערט באַוועגט פון אַ ספּראַנזינקעלע און אַזוי ווייטער, וועט פאַרניכטעט ווערן, קוים לאָזט ער אַריין די געזעץ־פאַראַכטנדע פרייהייט אין דעם קונציקן מעכאַניזם זיינעם.

דערפאַר פּאַסירט עס, אַז אפילו ווען ער, דער דייטש אונזער־רער, ווערט אַ סאָציאַליסט און ער זינגט מיטן גאַנצן האַרצן:

„פרייהייט, די איך מיינע,
„די מיין האַרץ ערפילט,
„קאָם מיט דיינעם שיינע,
„האָלדעם ענגעלסבילד..."

אָדער אביסל אַנדערש צונויפגעשטעלטע ווערטער (איך בין קיינ־מאָל ניט זיכער, ווען איך ציטיר עפּעס אויסווייניק)—אפילן דאַן, זאָג איך, איז דאָס נאָר ריכטיק כל־זמן די פרייהייט, וועלכע ער מיינט, שטייט בלויז אויפן פּאַפּיר, איינגעפּאַסט אין ווערטער, באַ־פּוצט מיט נאָטן און באַשירעמט פון אַלעם בייז דורך דער געזעצ־לאַכקייט פון דער מוזיקאַלישער האַרמאָניע..

דאָס איז דער סאָציאַליסט. ער, וואָס האָט שוין טראָפּנס פון פראַנצויזישן רויטווייַן אין זיין בלאַסן מאָזעלוויין; ער, וואָס „בערוישט" זיך שוין ציימנווייז, אַמאָל מיט דער פּאַריזער קאָ־

מונע, אַמאָל מיט דעם פאַל פון דער אַלטער באַכטיל־פעסטונג אין יענער שטאָט, הגם בלויז אין ווערטער. דער סאָציאַליסט, וואָס האָט לכל־הפּחות די פריהייט אין זיין פּלאַטפאָרמע, הגם די פּלאַט־פאָרמע זיינע איז אַ פּאַפּירענע און פאַרוואַנדלט זיך קיינמאָל ניט אין קיין באַריקאַדע.

דער „עכטער" דייטש אָבער האָט טאַקע די פריהייט פיינט, פּונקט אַזוי ווי אַ פרומער איד (ניט אַ חסיד, ניט אַ „רעוורענד") האָט פיינט אַן אויסגעלאַסענע מאַמזעל, ווי גרויס דעם יצר־הרע'ס טרייפע גבורה זאָל ניט זיין. אים שאָקירט איר חוצפּה, איר צע־לאָזנקייט, איר גרויס מויל, איר ווילדער בוזים, איר שכור'ער קוק— בקיצור איר פאַראַכטונג פאַר אַלע קאָנווענציאָנעלע געזעצן, איר פרעכע מוטוויליקייט.

איר רעדט וועגן פריהייט, דער דייטשער פיליסטער הערט „אויסשווייפונג", הולטאַיסטוואָ, רחמנא־ליצלן. אַזוי איז ער גע־בויט.

דער דייטשער סאָציאַליסט איז פאַר פריהייט אין פּרינציפּ. ער פילט, אַז עפּעס אַזוינס מוז אַ מענטש האָבן. אָבער גיין דער־פאַר זיך שלאָגן, כדי זיך דאָס צו דערשלאָגן איז... יע, אַ יושר, אָבער געדולד... פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס... און... אום גאָטעסווילן מאַכט חלילה ניט קיין „פּוטשעס" (ראַיאָטס)... דאָס מיינט „שפּילן אין האַנט אַריין" דעם שונא, וואָס וואַרט ניט מער ווי דערויף. איר טוט זיך אַ ריר... און גלייך הויבט אָן די ביקס צו שיסן, דער שווערד צו שניידן (זיי האָבן אַזאַ פראַזע: „די פלינטע שיסט, דער זעבעל האַוט"; איך געדענק ניט, וועלכער טיראַן-אַדיוטאַנט האָט זיי דאָס געלאָזן אַ ירושה) און „פאַמיליען ווערן רואינירט" אין די צענדליקער און אין די הונדערטער.

דאָס וויל ניט זאָגן, אַז מען סימפּאַטיזירט ניט מיט „פּוטשעס" אין א נ ד ע ר ע לענדער... חס־וחלילה! דאָס הייסט: אַי, בע־וואַרע! די קאָמונאַרן פון פּאַריז, די איטאַליענישע קאַרבאָנאַרי, די רוסישע ניהיליסטן, די פּוילישע מיאַטעזשנקעס, די שפּאַנישע אַנאַר־כיסטן, אַ דזשאָהן בראַון אין אַמעריקע, אַ מייקעל דייוויט אין איר־

לאַנד, יעדער רעבעל אין יעדער מדינה האָט אַ שטילן, וואַרימען ווינקעלע אין אַ דייטש־סאָציאַליסטיש האַרץ. ווען קיינער הערט ניט, לויבט מען אפילו די, וואָס „שפּילן אין האַנט אַריין" דעם שונא. דאָס איז אַנדערש־וואו. ביי זיך אין דערהיים האַלט מען פון דעם פּסוק: „מויל האַלטן און שטייערן צאָלן!" אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען נאָך ניט אַבסאָלוט זיכער צו קענען מאַכן אַ סוף פונם קאַפּיטאַל און זיינע סלופּעס, היטעך און הערשער.. אַ סוף מיט־אַמאָל, פאַרשטייט איר!

2

אַ מין פּאָליטישע ערדציטערניש האָט דורכגעטרייסלט די אַלטע איירָאָפּע אין דעם יאָר 1848:

דעם 12טן יאַנואַר ברעכט אויס אַ רעוואָלוציע אין פּאַלערמאָ, אויף דעם איטאַליענישן אינזל סיציליאַ.

דעם 11טן פעברואַר קומט פאָר אַ מיאַטעזש אין דער בייערי־שער הויפּטשטאָט מינכען.

דעם 22טן פעברואַר ברעכט אויס אַ רעבעליאָן אין פּאַריז; דער קעניג לודוויג פיליפּ „דאַנקט אָפּ" צוויי טעג שפּעטער; פראַנקרייך פירט איין פון דאָס ניי אַ רעפּובליק. אַן אָפּקלאַנג דערפון הערט זיך אין דייטשלאַנד.

דער 14טן מערץ מאַכט זיך דער פראַנצויזישער איבערקער פילבאַר אין עסטרייך, און מעטערניך, דער מעכטיקער שטאַטסמאַן, מאַכט אַ „ויברח". דריי טעג שפּעטער ווערט די ווינער רעגירונג אַזוי ווייך, אַז אַן אונגאַרישע דעפּוטאַציע אין ווין פירט אַלץ אויס ביי דער רעגירונג, וואָס זי וויל.

דעם 18טן מערץ — אַ מיאַטעזש אין מילאַן, איטאַליע, און דעם זעלביקן טאָג ווערט אַן „אויפרור" אין בערלין. דער קעניג בויגט זיך, די פאָלקס־פאָדערונגען ווערן באַוויליקט.

אַכט טאָג שפּעטער הילכט אָפּ אַן עכאָ פון די אַלע פּאַסי־רונגען אין רוסלאַנד. דער ערשטער ניקאָלאַי לאָזט אַרויס אַ מאַניפעסט.

אין די לעצטע טעג פון אפריל רעבעלירן די פּאָליאַקן פון פּאָזען — דאָס איז דער טייל פון פּוילן, וואָס באַלאַנגט צו פּרייסן.

דעם 12טן יוני ברעכט אויס אַ מיאַטעזש אין פּראַג (בעהמען, עסטרייך).

פון דעם 22טן ביזן 26טן יוני גייט פאָר אַ בלוטיקע שלאַכט אין די גאַסן פון פּאַריז.

אַזוי גייט דאָס כסדר דורך דעם גאַנצן יאָר 1848. קלענערע און גרעסערע מיאַטעזשן קומען פאָר אין באַדען, פראַנקפורט־אַם־מאַין, אין ווין, און אַנדערש־וואו.

פון די אַלע אויסגערעכנטע פּאַסירונגען אינטערעסירט אונז אין דעם דאָזיקן אויגנבליק בלויז דער בערלינער אויפשטאַנד פון דעם 18טן מערץ. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציע מיט באַריקאַדן, מיט טויטע און געראַנעטע, אָבער, פאַרגליכן מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון דעם ענד פונם 18טן יאָרהונדערט, אָדער מיט דער רוסישער, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אונטער אונזערע אויגן, כמעט אַ קינדער־שפּיל.

און דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס האָט מיט רעכט געקענט הייסן אַ פרייהייטס־קאַמף אין דייטשלאַנד אין די לעצטע הונדערט יאָר. פאַר אונז דאָ איז ניט נויטיק זיך צו פאַרברייטן וועגן דעם. דער שרייבער וואָלט דערצו ניט געווען קאָמפּעטענט גענוג אויך. עס וועט גענוג זיין איבערצוגעבן אין עטלאַכע ווערטער דעם סך־הכל פון יענע פּאַסירונגען, לויט ווי מיר געפינען זיי ביי ווילהעלם בלאָס, דעם סאָציאַליסטישן היסטאָריקער פון דער 1848־ער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

„די מערץ באַגייסטערונג — זאָגט בלאָס — איז געווען מעכטיק און גרויסאַרטיק, איינע פון די שענסטע צייטן אין דער געשיכטע פון דייטשלאַנד, וועלכע איז אַזוי אָרים אין פּאָלקס־זיגן און אַזוי רייך אין זיגעס־טעג פון די פינסטערע כוחות. אָבער עס האָט זיך דעם פּאָלק ניט איינגעגעבן צו האַלטן דאָס, וואָס אין דעם קאַמף איז ערָאָבערט געוואָרן. די פרייהייטן, צו וועלכע מען האָט זיך דערשלאָגן, זיינען אונטער די הענט צערונען געוואָרן און די רע־

אקציע (וואָס איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע) האָט גע'פטר'ט דעם רעשט. עס האָט דעם דייטשן פאָלק געפעלט פּאָליטישע דערפאַרונג און די עראָבערטע רעכט זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פּאַרלאַמענט אין די הענט".

בלאָס באַהויפּטעט דאָ, אַז כדי צו באַפעסטיקן די זיגן פון מערץ 1848 האָבן דייטשלאַנד געפעלט אַזעלכע מענער פונם פאָלק, ווי זיי האָט פון דער מאַסע ארויסגעבראַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט אַ יאָר 50—60 פריער. פונדעסטוועגן טרייסט זיך אונזער היסטאָריקער דערמיט, וואָס, נאָך אַלעמען, איז פּאָרט עפּעס פאַרבליבן און אַ נייַ לעבן האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דייטשלאַנד זינט יענער צייט.

דאָס איז געווען אמת, אָבער פּאָליטיש האָט דאָס נייַע לעבן געהאַט אַזאַ פּנים, אַז קיין אַנדער ציוויליזירטע מדינה וואָלט זיך דערמיט ניט באַנוגענט. אין דעם משך פון די זיבעציק יאָר, וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט 18טן מערץ 1848, איז די רעאַקציע געבליבן אין פולער קראַפט.

דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע שטימרעכט איז ניט עפּעס, וואָס דער דייטש האָט זיך דעראָבערט „בחרבו ובקשתו", נאָר אַ מתנה פון אויבן, פון ביסמאַרק'ס ליבן נאָז. ווייל דאָס האָט אים גראַד (אין 1867) געפּאַסט צום רומעל, בעת ער האָט געפירט זיין קאַמף געגן דער בירגערלאַכער, דעמאָלט זייער שטאַרקער, פּראָגרעסיסטן־פּאַרטיי. אַביסל האָט אין דעם אויך אַ לאַסאַל אַ חלק, דאָס הייסט, זיין שתדלנות באַ ביסמאַרק'ן אינם אָנהויב פון די 60־קער יאָרן. אַביסל איז אין דעם „דעמאָקראַטישן וואַלרעכט" דאָ נאָכמאַכונג פון דעם פראַנצויזישן (דריטן) נאַפּאָלעאָנ'ס טאַקטיק, מיט עטלאַכע יאָר פריער. דער אינטריגאַנט מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ האָט ביסמאַרק'ן געגעבן דעם לעסאָן: כדי צו פירן דעם עולם פאַרן נאָז, לאָז אים גלויבן, אַז דאָס גייט ער אַליין.

אַ זאַך, וואָס מען האָט געקראָגן געשאָנקען, אָנשטאָט זיך עס צו נעמען, קען מען לייכט פאַרלירן, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

האָט טאַקע כסדר געציטערט, אָט־אָט, אַ שטייגער, שטעלט דער מחבל אויס די האַנט און נעמט אוועק די מתנה. פון קעמפן פאַר עפּעס און עס אויסקעמפן ווייסט דער דייטש ניט.

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן לאַנג אויף דעם טרויעריקן פאַקט, אַז דרייסיק יאָר נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע האָט דער זעל־ביקער ביסמאַרק, וואָס האָט גנעדיקסט געגעבן דעם רייכסטאַג זיין דעמאָקראַטיש וואַלרעכט, זיך געמאַכט דעם טייפעלשן שפּאַס אָנצו־טאָן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ מויל־קאָרב, וואָס זי האָט „גראָמבלענדיק" געטראָגן גאַנצע צוועלף יאָר. קיין סטאָליפּין וואָלט אַזאַ זאַך ניט געוואַגט צו טאָן אין רוסלאַנד, ווען די סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע צו אים וואָלט געשטאַנען אויף דער זעלביקער הויכער מדרגה פון אָרגאַניזאַציע ווי די דייטשע איז געווען אין 1878. און אפילו אַזוי האָט ענדלאַך סטאָליפּין געפונען זיין באַגראָוו, בעת ביסמאַרק האָט זיך רואיק אויסגעלעבט זיינע יאָרן, מיט זיין גלאָז ביר אין דער האַנט, מיט דער לאַנגער פּיפּקע אין מויל, מיטן גע־ליבטן הונט זייַנעם צו די פיס. דערמיט וויל איך, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז אַטענטאַטן אויף טיראַנען זיינען אַלס אַ „פּאָליסי" אַ גוטע זאַך. וואָס איך דרינג דערפון איז בלויז דער פאַקט, אַז די דייטשן לאָזן זיך אַלעם געפעלן, ווייל זיי האָבן בטבע ניט די פייר־איקייט צו קעמפן אין ערנסט פאַר פּאָליטישע רעכטן. ביי זיי איז כמעט ניט דענקבאַר אפילו אַזאַ זאַך ווי די אָקטאָבער־טעג פון 1905 און ניט קיין רעוואָלוציאָנערער נקמה־געפיל, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ באַגראָוו געגן אַ סטאָליפּין, אין רוסלאַנד.

***

אויף דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואו עס איז פאַרהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, צי מעגן סאָציאַליסטן אַריינגיין אַלס מיניסטער אין אַ בורזשואַזן רעגירונגס־קאַבינעט, האָט זשאַן זשאָרעס געזאָגט צו די טייטשן:

„געוויס, איר זענט אַ גרויסע, וואונדערבאַרע פּאַרטיי, וועלכע האָט אפשר געגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. ניט אַלע דענקער, ווי מען זאָגט געוויינטלאַך, אָבער אייניקע פון די

געוואַלטיקסטע און שאַרפזיניקסטע דענקער... איר זענט די צו־קונפט פון דייטשלאַנד, איינע פון די עדעלסטע און גלאַררייכסטע פּאַרטייען פון דער בילדנדער, דענקענדער מענטשהייט.

„אָבער צווישן אייער פּאָליטישער מאַכט לפּנים, ווי זי דריקט זיך אויס אין דער וואַקסנדיקער שטימען־צאָל, און דער ווירקלאַכער



זשאַן זשאָרעס.

מאַכט און איינפלוס איז דאָ אַ געגנזאַץ, וואָס ווערט אַלץ גרעסער, וואָס מער אייערע „וואוטס" פאַרמערן זיך... פאַרוואָס? ווייל אייך פעלן די ביידע באַדינגונגען פון מאַכט. ערשטנס, די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע פונם פּראָלעטאַריאַט... און, צווייטנס, אַ פּאַרלאַמענט, וואָס האָט אַן אמתע קראַפט".

זשאָרעס ברענגט אַלס ביישפּיל פון דער מאַכטלאָזיקייט פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן דעם פאַל פון קעניגרייך זאַקסען. דעם 17טן יוני 1903 (אַ יאָר פון דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס) זיינען אין זאַקסען ביי די אַלגעמיינע רייכסטאַגס־וואַלן געוויילט געוואָרן 22 סאָציאַליסטן אין 23 דיסטריקטן, דאָס הייסט, נאָר אין איין איינציקן דיסטריקט איז געוויילט געוואָרן אַ ניט־סאָציאַליסט. די מדינה האָט געקראָגן דעם נאָמען „דאָס רויטע קעניגרייך" און— דאָך לעג איך צו פון זיך—עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָרטן איז כמעט די גאולה שוין געקומען.

פונדעסטוועגן, זאָגט זשאָרעס, האָט מען אין זאַקסען פאַרן לאָקאַלן פּאַרלאַמענט אָפּגעשאַפט אפילו דאָס ביסל וואַלרעכט, וואָס דאָרטן האָט עקזיסטירט, און דאָס „רויטע קעניגרייך" האָט אפילו אַ פּיפּס ניט געטאָן.

אַן אַנדער פאַל, וועלכן זשאָרעס ציטירט, איז פאָלגנדער:

ארום יענער צייט האָבן די פאַבריקאַנטן ביי אַ געוויסער גע־לעגנהייט „געצוואונגען" די אַרבעטער צו אונטערשרייבן אונטער־טעניקע (וויערנאָ־פּאָדאַניע) גליקוואונטש־אַדרעסן צום דייטשן קייזער.

„איר, האָט זשאָרעס אויסגערופן, האָט אין אייערע אָפיציעלע אָרגאַנען געפונען פאַר נויטיק די אַרבעטער צו ראַטן, די דאָזיקע „אַדרעסן" צו אונטערשרייבן; איר האָט, הייסט דאָס, מיט די איי־גענע הענט זיך אַליין געפּאַטשט אין פּנים!.. אויף דעם אופן שוואַכט איר אַליין אָפּ דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט ביי די אַרבעטער, וועלכער איז אַזוי אויך שוואַך... ווייל זיי האָבן קיין רעוואָלו־ציאָנערע טראַדיציעס ניט".

זשאָרעס זאָגט זיינע דייטשע געגנערן, רעדנדיק ווייטער, אַז ביי זיי קען געמאָלט זיין, אַז אין רייכסטאַג זאָל זיין אַ סאָציאַליס־טישע מאַיאָריטעט און אַלץ זאָל בלייבן ווי געווען. ווייל זייער פּאַרלאַמענט איז בלויז אַ האַלבער פּאַרלאַמענט, ניט האָבנדיק קיין שום חלק אין דער רעגירונג, קיין שום דעה איבער דער אַדמיני־סטראַציע, בעת זיינע (דעם פּאַרלאַמענט׳ס) רעזאָלוציעס און פּאַר־

שלאָגן קענען צו יעדער צייט ווערן געמאַכט בטל ומבוטל דורך דער רעגירונג פונם לאַנד.

א גרויסע סענסאַציע האָט ארויסגערופן די פאָלגנדע דערקלער־רונג, געמאַכט אין דער זעלביקער רעדע אביסל פריער.

„וואָס אין דעם איצטיקן מאָמענט דריקט שווער אויף אייראָ־פּע און דער וועלט, אויף דער פאַרזיכערונג פונם שלום, פון פּאָליטישע פרייהייטן, אויף דעם פּראָגרעס פונם סאָציאַליזם און פון דעם ארבעטער־קלאַס... דאָס איז ניט אונזער קאָמפּראָמיסלעריי אין פראַנקרייך, אונזער פאַרבינדונג מיט די ראַדיקאַלן, כדי צו ראַטעווען די פרייהייט, דעם פאָרטשריט, דעם פרידן פון דער וועלט; ניט דאָס איז עס; וואָס דריקט אזוי שווער אויף דער לאַגע, דאָס איז די פּאָליטישע מאַכטלאָזיקייט פון דער דייטשער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע!“

די ווערטער, וועלכע איך האָב דאָ אונטערשטריכן, מאַכן זשאָרעס'ס רעדע פאַר א נבואה, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געזען אין אַן אספּקלריא המאירה דאָס, וואָס וועט פּאַסירן מיט צען יאָר שפּעטער.

עס איז ניטאָ א וואָרט, וואָס איז א גוזמא אין דער גאַנצער רעדע. בעבעל'ס ענטפער, אויך א רעדנערישער מייסטער־ווערק, האָט מאַנכע איינצלהייטן פון זשאָרעס'ס אָנקלאַגע אָפּגעלייקענט, אָדער דערקלערט, אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געבליבן, איז אפשר נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם ענטפער פון דעם גרויסן דייטשן פאָלקס־טריבון. די טראַגיק דערפון באַשטייט אין דעם, אז בעבעל האָט אפילו ניט אינגאַנצן — מיטן הארצן אזוי גוט ווי מיטן מוח — פאַרשטאַנען, צוליב וואָס זשאָרעס רעגט זיך אזוי שטאַרק אויף...

3

כדי גרינטלעכער צו פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון דעם דייטשן בירגער, איז כדאי זיך דורכצושמועסן מכוח דעם, וואָס אָרדענונג גראַמט זיך ניט מיט פרייהייט.

לאָמיר אָבער פריער פאַר אַלץ זען, צי מיר פאַרשטייען זיך, דאָס הייסט, איר און איך.

ווען איך רעד וועגן אָרדענונג, האָב איך אין אויג דאָס, וואָס דער דייטש רופט אָרדענונג, ניט, למשל, דער ענגלענדער. דזשאָהן בול עסט אין דער צייט, עסט מיט אַ מאָס, מיט אַן אויסרעכענונג, זיך ניט איבערשטאָפּנדיק; ער טרינקט אויך אויף דעם זעלביקן אופן. שכורים און פרעסער זיינען געווים דאָ פיל אין ענגלאַנד, אָבער וועגן זיי רעדט מען ניט, רעדנדיק וועגן אָרדענונג, ניט אין דזשאָהן בול'ס מדינה און ניט אין מיכעל'ס פאַטערלאַנד.

דער ענגלענדער, בקיצור, האָט אַ געוויסע אָרדענונג אין עסן און טרינקען, אַ סיסטעם אין אָנהויבן און אויפהערן ארבעטן. ער ווייסט דעם ווערט פון פּינקטלאַכקייט אין דעם פּרט פון צייט: ווען ער זאָגט אייך עפּעס צו אויף 3:30 נאָכמיטאָג, קענט איר זיך דערויף פאַרלאָזן; זענט איר זיכער, אַז דאָס איז האַלב נאָך דריי אויפן שטאָט־זייגער, ניט פריער, ניט שפּעטער, און ווער רעדט וועגן דעם, אַז דאָס איז ניט קיין „פּאָלסקי זאראז“ און ניט קיין אידישער „באַלד, באַלד, ר' קרוב!“

אָבער בעת דער ענגלענדער איז פּינקטלאַך און מעטאָדיש אין אַלץ, וואָס ער טוט, איז ער ניט קיין פּעדאַנט. מיט זיין גאַנצער ליבע פאַר אָרדענונג, איז ער ניט קיין אָרדענונגס־שקלאַף, איז ער סתם קיין שקלאַף ניט, ווייסט ער, אַז עס איז נויטיק אַמאָל צו צעשטערן די אָרדענונג, צו זינדיקן געגן געזעצטע שטונדן, צו ברעכן צאַמען און אריבערצושפּרינגען איבער פּלאַנקנס, אַפּילו אין נאָרמאַלע, רואיקע צייטן.

דער היפּך דערפון איז דער פאַל אין דייטשלאַנד, ספּעציעל אין פּרייסען, גאַנץ ספּעציעל צווישן פּרייסיש־דייטשע פיליסטער.

דאָרטן גייט אַלץ, ווי אָנגעצווינגן. דאָס לעבן איז „געאָרדנעט“, ווי ביי די בלומען אונטער דעם גלעזערנעם דאַך. מענטשן באַוועגן זיך מיט געמאָסטענע טריט אויף אַ געזעצלאַכן אופן, ניט פאַר־געסנדיק אָן דער פּאָליציי און מיט אַ געוויסער אכטונג פאַר די קנאַפּל מיט די פאָרעשוועס פון די שיך.

ריינלאַכקייט און מעסיקייט אין דעם פּרט פון אויפפּאַסונג אויף דעם גוף (אין טבילה און אכילה) זיינען פראַגן פון דיסציפּלין גיכער ווי פראַגן פון היגיענע. דער דייטש קעמט זיינע האָר אויף אַזאַ'ן אויפן, אַז יעדער האָר זאָל זיך לעגן אויף זיין באַשטימטן אָרט, ניט פאַרבלאָנדזשענדיק ניט לינקס, ניט רעכטס, ווייל דאָס וואָלט זיין אַ פאַרברעכן געגן דער אָרדענונג. ווען אַ האָר פאַר־קריכט אָן אַ זייט; ווען עס פעלט סימעטריע אין די „באַקנבאַרדן“, אין דער מזרח־וואָנציע אָדער אין דער מערב־וואָנציע; ווען אַ קע־רענדל שטויב באַזעצט זיך אויף דעם קאָלנער, אויף די לאַצן, אָדער אפילו אויף אַ ווייניקער פּראָמינענטן טייל פון זיין מלבוש — באַ־טראַכט דאָס דער דייטשער פּיליסטער פאַר אַ דיסציפּלין־שטערונג, פאַר אַן אָנגריף אויף דער אָרדענונג.

נאַטירלאַך, איז דער ביר־טרינקען אַ שטיקעלע שטער צו דער שטרענגער דיסציפּלין פון דעם דייטש־אָרגאַניזירטן לעבן. מען קען ניט בלייבן אַבסאָלוט געזעצלאַך אין יעדער באַוועגונג, ווען מען זופט מער וויפיל דאָס אומגעדרוקטע לעבנס־רעגלאַמענט שרייבט פאָר, און דאָס פּאַסירט, געוויס פּאַסירט עס. אָבער ביי דער דיי־טשער פירונג איז אפילו די אויסגעלאַסנקייט, די אומאָרדענונג מער אָדער ווייניקער רעגולירט. אפילו ווען דער דייטש גייט אינגאַנצן ארויס פון די האָלאַבליעס, איז דער ארויסגיין זיינער אַ געאָרדנ־טער, אַ סיסטעמאַטישער, אַ געזעצלאַכער אין געוויסע גרעניצן.

אַ דייטש אין טורמע פילט דעם צוואַנג ניט אַזוי שטאַרק ווי עס פילן אים, למשל, אַ רוס אָדער אַ פראַנצויז; אים פעלט ניט אַזוי שטאַרק די פערזענלאַכע פרייהייט. גרויסע און גוטע מענטשן האָבן מיר אין די לעצטע פופציק יאָר געזען אין דייטשע געפענ־גענישן פאַר פּאָליטישע חטאים. אָבער אפילו אַ יאָהאַן מאָסט, אַ רעבעל צווישן רעבעלן, וואָלט קיינמאָל ניט דערגאַנגען ביז אַ הונ־גער־סטרייק, ווי דאָס איז געווען צווישן די מעשים בכל יום אין די גוטע צייטן אין רוסלאַנד. איינמאָל אין טורמע, ווייסט דער דייטש, אַז דאָרטן זיינען דאָ געוויסע געזעצן, וואָס אַ מענטש דאַרף פאָלגען, און אַ געוויסע אָרדענונג, אַ געוויסע דיסציפּלין, וועלכע מען דאַרף

רעספּעקטירן. אפילו אַ דייטשער אַנאַרכיסט איז, ווי מ'זעט, אַ מיאַטעזשניק, וואָס רייסט זיך ניט פון די האַלאַבליעס, ווייל נאָך אַלע מעשיות דאַרף מען גיין אין שפּאַן, ווען מען איז איינגעשפּאַנט, צי מען גייט אויף צוויי פיס צי אויף פיר. הירזש־פרייהייט, אַ האָרעלע בריק־פרייהייט, די פרייהייט זיך צו פאַר'עקשנען און בלייבן שטיין אויף אַ ווײַלע אין מיטן וועג, דאָס אַלץ מוז אַ פערד, און אַ פּשיטאַ שוין אַ מענטש, געווים האָבן. אָבער ניט משוגענערווייז שפּרינגען אין דער לופטן, כדי סתם פריי צו זיין... כדרך הטבע, ווען דער טרייבער, דער שמייסער האַלט דעם בייטש איבער אייער קאָפּ און דער צאַם אין מויל ווערט אומבאַקוועם, דאַן וואַרפט איר געווים ברוגז מיטן עק און טוט זיך אַמאָל אַ הויב עפּעס אַזוי ווי צו מאַכן אַ סוף פון דעם וועגל מיטן טרייבער מיט אַלעם מיט אַנאַנדער, אָבער ס'איז גענוג איין שמיץ, איין צי מיט די לייצעס, און איר קומט צום שכל און די אייביקע אָרדענונג טריאומפירט. און דאָס ברענגט מיך צוריק צו מיין טעמאַ:

ניין, קינדער, פרייהייט פּאַרט זיך ניט מיט אָרדענונג. גיט אַ נוטן טראַכט, וועט איר געפינען, אַז דאָס איז ריכטיק אומעטום, אין אַלע צייטן.

מאַדאַם אָרדענונג און פריילין פרייהייט — זיי מעגן זיך וואוינען אונטער איין דאַך, אָבער זיי קענען ניט לעבן בשלום, אין האַרמאָנישער אחדות צוזאַמען, ווי דאָס קען ניט אַ יונגע שנור מיט אַן אַלטער שווינער. די אַלטע, סאָלידע, אויסגערעכנטע, ציכטיקע באַלעבאָסטע איז ניט קיין פּאָר פאַר דער יונגער, צעלאָזענער, גליקבאַרוישטער, האַלב־ווילדער חצופה, וואָס לעבט אַ גוטן טאָג היינט און טראַכט ניט וועגן מאָרגן.

די אַלטע פרוי אָרדענונג האָט מורא פאַר אַ לאַך, אַ שטייגער, ווייל דאָס צערונצלט איר די הויט אויף דעם רואיקן, געלאַסענעם פּנים, ווייל אַזאַ לאַך איז פיליייכט אַ שטער צו דער עפּנטלאַכער רו. די יונגע פרייהייט, דאַגעגן, וויל פון קיין זאַך ניט ווייסן, כל־זמן זי קייכט פאַר געלעכטער און פילט אין יעדן אבר, אַז זי לעבט, אַז זי הערט זיך, אַז די וועלט איז אירע. זי האָט בטבע פיינט יעדע

שטייפע, ענג־געשנורעוועטע, אַף אַלע קנעפּלאַך פאַרשפּילעטע ציר־לאַך־מאַנירלאַך אָרדענונג. זי פאַרטראַגט ניט קיין בינדע אויפן האַלז, קיין קאָרסעט אויפן לייב, קיין ענגע שיך אויף די פיס. זי האָט פיינט אַ הילע אויף אַ הילע, אַ צודעק אויף אַ צודעק, אַ שנירל, וואָס איז אויסגעבונדן ווי אַ פּעטליע און שטיקט — ניט אַנדערע, דאָס איז אמת, — אָבער איר, די פרייהייט.

אין דער זעלביקער צייט האָט מאַראַם אָרדענונג, פון איר זייט, פונקט אַזוי פיינט די לויזקייט, די צעלאָזנקייט, די חוצפּה, דעם הפקר. זי האַלט אַלץ, וואָס איז פריי, פאַר אַ פאַרברעכן, אַלץ, וואָס איז אומבאַשרענקט,—פאַר אַ זינד געגן דעם איינגעפונדע־וועטן, הייליקן סדר־העולם.

די אַלטע אָרדענונג טוט זיך ניט אַ ריר, ניט באַטראַכטענדיק די שכנים, ניט קלערנדיק: מה יאמרו הבריות? פרייהייט קימערט זיך אַרום קיינעם ניט און לאָזט זיך פון קיינעם ניט שטערן. צי דאָס, וואָס זי טוט, געפעלט דער שכנ'טע אָדער יענער, איז איר גאַנץ גלייכגילטיק.

אויף דעם אופן זיינען פרייהייט און אָרדענונג אַזוי ווייניק אַ פּאָר, ווי פייער מיט וואַסער, אָדער ליבע און האַס.

***

בערנע זאָגט, אַז דער אמת'ער דייטש ווערט רויט, ווען מען כאַפּט אים ביי אַ גוטן וויץ. דאָס איז אפשר אַ גוזמא, עס איז אָבער קיין שום צווייפל ניטאָ, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון רו־איקער, אָרנטלאַכער אָרדענונג איז טאַקע דער וויץ אַ מין רו־שטע־רונג פאַר דער געלאַסענער לאָגיק, איז יעדער וויציקער איינפאַל אַ רעוואָלוציאָנערע דערשיינונג, אַ קלאָרער באַווייז, אַז אין דעם בעל־דבר'ס געדאַנקען פעלט די נוטיקע דיסציפּלין, פעלט די פּאָליציי־השגחה.

און צוליב דעם, הגם מער צוליב אַן אַנדער גרונד, אַרום ווע לכן מיר ווע לן באַלד רעדן, האָט דער „עכטער" דייטש טאַקע ניט האַלד

דעם אידן. אין מיינע יונגע יאָרן איז צו אונז אריבערגעקומען פון פּרייסן קיין קאָוונאָ אַ לידל, וואָס האָט געהאַט דעם רעפריין:

„שמייסט הערויס דען יודען איציג,
„יודען איציג, יודען איציג!
„דען דער ווירד מיר גאָר צו וויציג,
„גאָר צו וויציג ווירד ער מיר!"

און איז געווים באַשאַפן געוואָרן אויף דער פּרייסישער וואָדעוויל־בינע, וואָס מען רופט דאָרטן טינגל־טאַנגל טעאַטער.

הומאָר — נו, דאָס לאָזט זיך נאָך הערן, אפילו סאַטירע איז דערלויבט. דער הומאָר ווערט גערולדעט אַ שטייגער ווי שוים אין אַ זיידל בייעריש ביר, און די סאַטירע ווערט, משמעות, באַטראַכט ווי זענעפט ביי הערלאַכער לעבער־וואורשט. הגם אין זיך אליין זיינען דיביידע אַרטיקלען (שוים און זענעפט) ניט געזונט פאַר דעם מאָגן פון אַ רואיקן, גוזעצליבנדיקן בירגער, און דאַרפן ניט געזען ווערן צווישן פּאָליציילאַך־סאַנקציאָנירטע שפּייזן און משקאות.

אָבער ניט וויץ, ניין, ניט דער פרעכער וויץ, וואָס רעספּעקטירט ניט קיין עלטערן, קיין העכערן, קיין געזעצלאַכע אויטאָריטעטן, קיין שום הויכגעשטעלטן באַאַמטן און ניט קיין טיף־איינגעפונדעוועטן סיסטעם. וויץ איז ניט אַ פּאַסיקע זאַך פאַר דעם דייטשן פיליסטער. ער האָט פאַר אים מורא ווי דער פאַרמער פאַרן בליץ, וואָס קען אָנטאָן שאָדן אין אומדערוואַרטעטע ערטער.

יע, דער „עכטער" דייטש האָט ניט האָלד דעם אידן. אפשר ליבט דער „אמת'ער" איד דעם דייטש אויך ניט.

פאַר דעם זיינען דאָ געשיכטלאַכע, סאָציאַלע און רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע גרונדן. איין גרונד פאַר דער דייטשער אַנטיפּאַטיע צום אידן איז אָבער טאַקע דאָס, וואָס דער איד קומט פאָר דעם „עכטן" טייטש אַ צו טעמפּעראַמענטפולער, צו רעבעלישער אַנטי־אָרדענונגס־מענטש. דער איד, געהאַלטן אין צוויק אין אַ משך פון מער ווי זעכציק דורות, אין אַלערליי מדינות, אויף אַלערליי אופנים, און איצט ענדלאַך פריי, מער אָדער ווייניקער אַ מענטש

מיט אַלע מענטשן צוגלייך, קען ניט איינזיצן אַף אַן אָרט, קען ניט רעדן קאַלטבלוטיק, קען ניט צוזען עוולות און דערביי קוסן און שווייגן. דער איד, ווי איינער נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער קרענק, איז אויך רייצבאַרער ווי דער נאָרמאַלער מענטש, דער דייטש. ער, דער לאַנג־אונטערדריקטער עמאַנציפּירטער, שפּרינגט גיכער אויף, ווי דער גערמאַן, ספּעציעל דער גערמאַנישער פיליסטער.

דאָס אַלץ אָבער איז אין די אויגן פונ׳ם דאָזיקן גערמאַנער מיאַטעזש. דאָס איז רעבעליאָן, אַנטי־דייטש. און דער איד איז אין זיינע אויגן אַן „אומרו“, אַ „ניט־גוטער“ (ווי ער וואָלט אים רופן, ווען ער וואָלט רעדן אידיש), אַ צעשטערער, אַן אומגליק.

אַזוי איז היינריך היינע פאָרגעקומען דעם גרויסן געטהע: היינע איז פאַר אים געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אַפילו געגן דעם ריטם אַ מיאַטעזשניק געגן דער געטלאַכער אָרדענונג אין דער פּאָעזיע. און דאָ רעדט מען שוין גאָרניט דערפון, וואָס דער זעלביקער אומגעזעצלאַכער, ניט געזעצטער מענטש מזרע היהודים האָט קיין שום רעספּעקט ניט געהאַט פאַר אַזאַ אינסטיטוציע ווי דער „הויף“ פון „זיין דורכלויכט“ דעם גרויסן הערצאָג פון זאַקסען־וויימאַר, וואו דער גאונישער געטהע האָט געקושט צאַרטע, גרויס־הערצאָגלאַכע דאַמען־הענט און האָט זיך פאַרבויגן פאַר זיין דורכלויכט, אַ הערשער, פאַרבייגייענדיק, איבער אַ מדינה מיט אַ באַפעלקערונג פון האַלב בראָנזוויל.

אַזוי איז לודוויג בערנע געווען אַן „איבערשפּאַנטער“, עזות־פּנימ׳דיקער, צעבושעוועטער מיאַטעזשניק אין די אויגן פון זיינע ברידער־פּובליציסטן אין דייטשלאַנד. זיי האָבן פּשוט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ געוויינטלאַכער, קעניגלאַך־פּרייסישער אונטערטאַן קען האָבן דעם מוט צו רעדן וועגן קעניגן, פּרינצן און פירשטן עפּעס ווי געוויינטלאַכע הויט־פלייש און ביינערנע מענטשן; ווי אַזוי ער קען באַהאַנדלען קרוינען ווי שפּיי־שיסלען מיטן מויל אַראָפּ, אָדער גילדערנע סצעפּטערס ווי זאַכן, אַף וועלכע דער פּעטער קיין לייען אַזוי פיל און אַזוי פיל רייכסטאַלער.

און אזוי אויך, צו נעמען נאָך איין איינציקן ביישפּיל, איז פערדינאַנד לאַסאַל פאַר די שפּיסבירגער פון בערלין געווען פריער פאַר אַלץ דער „רעוואָלוציאָנערער יודע“, דער בעל־חוצפּה (אָדער „בעל־חוצבה“, ווי געאָרג בראַנדעס זאָגט וועגן דעם אין זיין לאַסאַל־ביאָגראַפיע, רעדנדיק ווי אַ גוי רעדט אידיש), און אַלס אַזעלכער איז לאַסאַל פון זיי טאַקע געהאַסט געוואָרן.

יודשין וויקטאָר דעבס—פאָלקס־טריבון, פּאָעט און מענטש *)

1

דעבס'עס ערשטער ארויסטריט

דאָס יאָר 1897 שפּילט א באַדייטנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע. אפילו ווען מען זאָל האַלטן אין אויג ניט מער ווי דעם דאָפּעלטן פאַקט פון דער גרינדונג פון דעם „פאָרווערטס" און דער אָפּשטעלונג (אויף גאַנצע פינף יאָר, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעשטעלט) פון דער „צוקונפט", וועלכע זיינען ביידע פאָרגעקומען אין 1897, וואָלט דאָס אַליין גענוג זיין צו כאַראַקטעריזירן די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן יאָר, הגם ביידע געשעענישן זיינען געווען אידישע און לאָקאַלע: אָרגאַנען פון דער אידישער גאַס אין ניו יאָרק. ריידן רייד איך פון דער באַוועגונג בכלל, אָבער די „באַוועגונג בכלל" פון יענע צייטן איז — צווישן אונז זאָל דאָס בלייבן! — געווען א דייטש־אידישע, מיט א אידיש־דייטשער און אַן עכט־דייטשער פּרעסע. פאַר די צוקונפטיקע אַמעריקאַנער ארבעטער האָבן מיר ארויסגעגעבן ענגלישע צייטונגען, וואָכנטלאַכע. דער טעגלאַכער „ניו יאָרק פאָלק" איז געקומען 14 יאָר שפּעטער ווי אונזער אידישער „אבענדבלאַט", און 30 יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער דייטשער „פאָלקסצייטונג".

---

*) „יודזשין וויקטאָר דעבס, זיין לעבן, שריפטן און רעדעס". ארויסגעגעבן פון דעבס פאַרטיידיקונגס־פאָנד אין פאַרלאַג „נייע וועלט", ניו יאָרק, 1919, זייטן 57—86.

מיר האָבן דעמאָלט ניט פארשטאנען דאָס, וואָס לכל־הפחות א טייל פון אונז פארשטייט היינט, היינו: אָט־דער עכט-אמעריקא־נער ארבעטער איז א קליינער חלק פון דעם ארבעטער־קלאַס אין אמעריקע און ווערט אין אים בטל בששים. דער פועל־יוצא דער־פון איז געווען, אז מיר האָבן געווארט אויף דער דערוואכונג פון דעם אמעריקאנער ארבעטער, ווי פרומע אידן ווארטן אויף תחית המתים, לעתיד לבוא.

מיר פלעגן זיצן און פילאָזאָפירן און זיך ברעכן די מוחות, פארוואָס די אמעריקאנישע, די ריין־אמעריקאנישע ארבעטער, צו וועלכע מיר לייגן צו אויף דעם וואכנטלאכן „פיפל" אליין איבער הונדערט דאָלאר א וואָך, און אויף וועלכע מיר לייגן אוועק כוחות, וואָס זיינען אפשר ווערט פיל, פיל מער, בלייבן פון ווייטן, און ווילן פון אונז ניט הערן און ניט וויסן.

מיר פלעגן ווארטן אויף דעם אמעריקאנישן, עכט־אמעריקא־נישן פראָלעטאריער, אז ער זאָל ענדלאך זיך אויפכאפן פון שלאָף, זיך אויסרייבן די אויגן, זיך ארומקוקן, כדי צו זען, וואו ער האלט אין דער וועלט, און קומען צו אונז.

דערווייל מאכט זיך א גרויסער קאמפיין. עס גייט א פרעזידענטשאפט־וואל. מיר, סאָציאליסטן, אָרגאניזירט אין א שטיק־לאך 18 סטייטס אלס „סאָציאליסטישע ארבעטער פארטיי" (ס. ל. פּ.), גייען צום צווייטן מאָל אינם וואל־קאמף מיט א „טי־קעט", וואָס האָט אין זיך א קאנדידאט פאר א פרעזידענט.

מיר שרייען: עס לעבע מעטשעט! עס לעבע די פארטיי! אָבער אין גרונד הארצן ווייסן מיר גאנץ גוט, אז אונזער אָרימער מעטשעט ווערט פון קיינעם ניט גענומען ערנסט; אז אונזער פארטיי איז אלס אזעלכע נאָר באקאנט אין „אונזער אייגענעם מוראוויי־ניק", ווי דער אלטער קרילאָוו וואָלט געזאָגט. און די ברייטערע פאָלקס־מאסן ווייסן אפילו ניט, אז מיר עקזיסטירן.

און דער גרויסער טאָג אין נאָוועמבער (1896) קומט, און אין אלע אונזערע 18 סטייטס פאלן בסך־הכל א קימא־לן פון 36

טויזנט וואוטס, א העלפט דערפון אין ניו יאָרק און אין ברוקלין. דעמאָלט נאָך צוויי באזונדערע שטעט.

אין דער צייט פונם קאמפיין ווארפט זיך איין זאך שטארק אין אויג.

מיט צוויי יאָר פריער איז דורך דעם גרויסן פולמאן סטרייק אין אונזערע קרייזן באקאנט געוואָרן אן אמעריקאנער יוניאָן־פירער, א לאָקאָמאָטיוו־הייצער פון פאך, מיטן נאָמען דעבס.



יודזשין וויקטאָר דעבס.

דער מאן איז גע'משפט און פאר'משפט געוואָרן, און האָט צוגעבראכט גאנצע זעקס חדשים אין וואודסטאָק געפענגעניש אין אילינאָי. מיר האָבן געוואוסט, אז ער האָט זיך זייער בראוו געהאלטן אין געריכט, און אז ער איז ראדיקאל געזאָנען.

און דאָ גייט אָן אן אינטערעסאנטער קאמפיין. געגן דעם

רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט מעק'קינלי גלייפּט אַ יונגער דעמאָקראַט מיטן נאָמען ברייען, וויליאַם דזשענינגס ברייען, וועלכער האָט גענומען מיט שטורם די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאַן, ארויסקומענדיק מיט פייער און פלאַם געגן „וואָל-סטריט", געגן דער „גאָלד־אַריסטאָקראַטיע" און אזוי ווייטער.

אין תוך גענומען איז ברייען געווען אַ סימפּאַטישער דער־שיינונג צוליב זיין טעמפּעראַמענט, זיין רעדנער־קראַפט און זיין אַנגריף אויף די הויכע פינאַנץ, הגם זיין פּלאַטפאָרמע איז געווען אַ לעכערלאַכע. צו געווינען די פאַרמערס, וועלכע האָבן דאַן גע־האָט אַן אייגענע האַלב־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (די פּאָפּוליסטן), איז ברייען ארויסגעטראָטן אויף אַ שטעקנפערד, מיט אַ דעמאָ־קראַטישן קאָפּ און אַ פּאָפּוליסטישן עק, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פאָן מיטן דעוויז: „16 צו 1", וואָס די באַדייטונג דערפון איז געווען, אַז גאָלד זאָל האָבן ניט מער און ניט ווייניקער ווערט ווי זילבער, 16 מאָל אַזוי פיל אין געוויכט; מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז זילבער זאָל האָבן אַ שטענדיקן ווערט און זאָל אָפּשאַפן דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם „סטענדערד", וואָס דריקט אויס אַלע פּרייזן, פון גאָלד אַליין.

אין דעם קאַמפּיין געפינען מיר דעבס'ן אין דעם דעמאָקראַ־טיש־פּאָפּוליסטישן לאַגער, און פאַר אונזער פּאַרטיי, מיט דע־ליאָנ'ען בראש, איז ער ניט בעסער ווי גאָמפּערס און די אַנדערע „אַמעריקאַנישע" ארבעטער־פירער.

גאָמפּערס'ן גופא האַלטן מיר — די ס. ל. פּ. — אין איין אַנגרייפן. דער היינטיקער לעזער דאַרף פאַרשטיין, אַז ארום דעם סוף פון 1896 איז, ערשטנס, די „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר" נאָך געווען זייער שוואַך: האָט זיכער נאָך ניט געהאַט קיין צענט־חלק פון איר היינטיקער צאָל מיטגלידער; און, צוויי־טענס, איז גאָמפּערס נאָך דעמאָלט ניט געזעסן אַזוי פעסט אין זאָטל, ווי ער זיצט היינט. מיט קנאַפּע צוויי יאָר פריער האָט אים אַ מאַיאָריטעט אין דער קאָנווענשאַן (דאַכט זיך, אין דענווער) גענומען אויס קאַפּעלוש־מאַכער, דערווייַלנדיק מק'ברייד'ן אַלס

פּרעזידענט, און דאָס טאַקע מיט דער הילף פון סאָציאַליסטישע שטימען.

מער ווי דאָס. די ס. ל. פּ. מיט דעניעל דעליאָן און הונגאַ פאַכט אַלס אירע פירער, האָט דאַן געהאַלטן אין בויען אַן אָפּאָזיציאָנס־צענטראַלע געגן דער קאָנסערוואַטיווער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". די נייע „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס" (דער אומגעלומפּערטער נאָמען האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו דעם ניי־געבוירענעם לעבערלאַכן מפּיל־קינד) האָט כלומר'שט געוואָלט פאַרבינדן דעם סאָציאַליזם מיטן טרייד־יוניאָניזם און דאָס מיטאַמאָל, „אויפן באַפעל פון זיינער מאַיעסטעט". דעליאָן און זיינע חברים האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן און האָבן באַשלאָסן צו צעברעכן די אַ. פּ. אָוו ל. און צו בויען אויף דעם פּלאַץ פון דער איינגעפאַלענער חורבה אַן „אמת'ע סאָציאַליסטישע לאַנד־צענטראַלע פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־יוניאָנס". געזאָגט האָט מען, פאַרשטייט זיך, אַז מען ברעכט ניט, מען קאָנקורירט ניט, מען בויט בלויז דאָרטן, וואו די „לייבאָר פייקירס" האָבן נאָך גאָר קיין אָרגאַניזאַציעס ניט, אָבער די לאָגיק פון די פאַרהעלטענישן האָט געפירט צו וויניקסטענס אַ פּרואוו צו ברעכן דאָס אַלטע און בויען פון דאָס ניי.

דאָ איז ניט דער אָרט אַריינצוגיין ווייטער און טיפער אין דעם ענין. עס וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז די לאַגע האָט אַריינגעבראַכט רייסערייען און בורעניעס אין אונזערע רייען אַליין, און דערפאַר איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער יונגער סאָציאַליסט, הגם ניט יונגער מאַן, דעבס האָט צו אונז ניט געקענט צושטיין גלייך ביים אַרויסקומען פון וואודסטאָק געפענגעניש.

דעם ערשטן יאַנואַר 1897 האָט ער אין דעם אָרגאַן פון דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן" אָפּגעדרוקט זיין מאַניפעסט, זיך דערקלערנדיק פאַר אַ סאָציאַליסט. אין דעם דאָזיקן זייער געפּילפּולן און אויספירלאַכן סטייטמענט האָט ער, אַזוי ווייט ווי איך געדענק, נאָך ניט אויסדריקלאַך „אינדאָרסירט" די עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, הגם ער האָט אָנגעצייגט, אַז ער

האָט מער קיין שום שייכות ניט מיט דיביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. די פּאָפּוליסטן זיינען אין יענעם קאַמפּיין אָן ווידוי, אָן אַ צוואה און אָן שמשים אַרוים פון דעם פּאָליטישן ספר־החיים, הויל דורך דעם פאַקט פון זייער פאַרשמעלצן זיך מיט ברייען׳ען. אָפיציעל האָט זיך דאָס פּאָפּוליסטישע ליכטל נאָך געשמילקעט אַ געוויסע צייט, אָבער עס האָט מער ניט געלויכטן און איז געװען ניט מער ממשות׳דיק ווי דעליאָנ׳ס „אַלייענס״. ווען די פּאָפּוליסטן האָט ביי דעבס׳ן דערפאַר ניט געקענט זיין קיין שום פראַגע אין דעם דאָזיקן קריטישן מאָמענט.

צו געבן דעם היינטיקן לעזער אַ באַגריף ווען דער לאַגע אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און דעבס׳עם שייכות צו איר, וואָלט מען געדאַרפט דערציילן די געשיכטע פון די פילע פאַרשידענע שפּאַלטונגען אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, איינע פון וועלכע איז געווען דער „ספּליט״ אויף דער איסט־סאַיד, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דעם „פאָרווערטס״ און צו דעם אונטערגאַנג פון דעם דעליאָניסטישן „אַבענדבלאַט״. דאָס, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, איז אָבער דאָ ניט מעגלאַך.

3

כאַראַקטעריסטישע קלייניקייטן

דעבס האָט אָפּגעדרוקט זיין „גלויבנס־באַקענטעניש״ דעם 1טן יאַנואַר 1897. אַן עקזעמפּלאַר פון דער צייטונג איז אָנגעקומען אַהער אַ טאָג צען, אָדער צוויי וואָכן שפּעטער. דעם 12טן פעברואַר, נאָך אַ חודש שפּעטער, איז מיר אויסגעקומען צו „לעקטשורן״ אין איסט בראָדוויי וועגן די וואַלן פון דעם פאַריקן נאָוועמבער (1896).

דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן איז אין מיינע אויגן געווען אַ שרעקלאַכער. לגבי 1895 האָבן מיר געהאַט פאַרלוירן זעקס טויזנט שטימען, און איך בין געווען פון יענע ניט גאַנץ כשר׳ע עסעלפּיניקעם (שפּעטער איז ביי מיר פון דעם ערשטן „ס״ געוואָרן אַ „ז״), וועלכע האָבן געזאָגט, אַז די מפּלה איז געווען אַ

מפלה. נאַטשאַלסטווע האָט אַזאַ מיינונג געהאַלטן פאַר אַ פאַר־ראַט: די ס. ל. פּ. האָט ניט געטאָרט האָבן קיין מפלות, אפילו ווען זי האָט זיי געהאַט.

פונדעסטוועגן האָב איך גאַנץ ערנסט געלאָזט אָנצייגן, אַז איך לעקטשור וועגן דעם „זיג פונם סאָציאַליזם". איך האָב גע־זוכט צו באַווייזן, אַז ניט אַכטענדיק אויף אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן, ווי עס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער לעצטער פּרעזידענטשאַפט-וואַל, איז ניטאָ קיין מאַכט אויף דער ערד, וואָס זאָל שטערן דעם פּראָגרעס פון דעם סאָציאַליזם בכלל. אַלס אַ באַווייז — איינעם פון פיל — האָב איך געבראַכט דעם פאַקט, וואָס אַזאַ מאַן ווי דעבס איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.

די זעלביקע לעקטשור האָב איך שפּעטער געהאַלטן פאַר ענג־ליש־שפּרעכנדיקע גענאָסן אין הענרי סטריט, אַ זונטאָג נאָכמי־טאָג, געדיינק איך. מאַיר לאָנדאָן איז אַרויסגעשפּרונגען מיט גרויס גרימצאָרן געגן מיר דערפאַר, וואָס איך האָב פּוגע בכבוד געווען דעליאָנען. זיין שוועסטער האָט מיר געמאַכט די ערע „אָראָפּצו־נעמען" אַ סטענאָגראַפישן רעפּאָרט פון מיין דרשה. שפּעטער האָט ער אַליין נעלאַכט דערפון.

די אידייע פון ריידן ענגליש איז געווען צו אַ געוויסן גראַד אַ שטיקל „בראַוואַור", אַזוי ווי מאַנכע גענאָסן האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואַגט אַזוי אָפן צו לויבן אַ „שונא" פון דער ס. ל. פּ. אין אַ לשון, וועלכן דעליאָן און פאָכט פאַרשטיין.

אַ קורצע צייט שפּעטער זיינען מיר אַרויס — ווער אַליין, ווער אַרויסגעוואָרפענערהייט — פון דער ס. ל. פּ., צושטייענדיק צו דער ניי־געגרינדעטער „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאַ" (ס. ד. אַ.), וואו דעבס האָט גלייך פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער מזרח-וואַנט. עס איז ניט נויטיק צו זאָגן, אַז ער איז געווען איינער פון די גרינדער.

און, דאַכט זיך, אין יוני 1897 האָט ער אונז צום ערשטן מאָל באַזוכט. דעם מיטינג וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אָפּגעהאַלטן געוואָרן איז ער אין ניט קיין זייער גרויסן האָל אויף דער 59טער (אָדער 57טער) סטריט. די רעדע איז ניט גע־ווען פון דעבס'עס בעסטע. ער האָט גערעדט פאַר מענטשן, וועל־כע ער האָט געהאַלטן פאַר גרעסערע מומחות אין סאָציאַליזם ווי ער אַליין איז דאַן געווען. ער האָט, שיינט עס, געפילט, אַז ער ווערט דאָ עקזאַמינירט אין דער צייט, וואָס ער רעדט. אים האָט זיך, משמעות, געוואָלט אויסהאַלטן עקזאַמען. דאָס האָט געשטערט דער נאַטירלאַכקייט, דער איינפאַכקייט פון זיין האַרציקן פאָר־טראַג.

און דאָך איז מיר קיין רעדע פון אונזער דעבס ניט געבליבן אַזוי טיף איינגעקריצט אין האַרצן ווי דוקא יענער ערשטער „ארויסטריט".

איר וועט זאָגן, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געהערט? ניין, יעדנפאַלס איז דאָס נאָר געווען אַ גאַנץ קליינער חלק פון דער אורזאַך צו דעם גרויסן איינ־דרוק. דער עיקר איז געווען אָט־וואָס:

ווי יעדער גרויסער ענטוזיאַסט, איז דעבס אַן אויסערגעוויינט־לאַכער אָפּטימיסט. אַן אמונה איז התלהבות סתם ניט מעגלאַך. ווען ער רעדט, און וואָס לענגער ער רעדט, ברייננגט ער אַלץ מער אַריין אין אייער האַרץ די וואַרעמקייט פון זיין אייגענעם האַרץ, צינדט ער אַלץ מער און מער אַן מיט זיין הייליקן פלאַם אַ פייערל ביי אייך. און דאַן הויבט איר אָן צו פילן מיט זיין האַרץ, צו זען מיט זיינע אויגן, צו גלויבן מיט דעם כוח פון זיין נשמה.

און דאָ זיצן מיר אַרום אים און ער רעדט. מיטאַמאָל מאַכט ער אַ „סטייטמענט", וואָס איז אייגנטלאַך אַ מין נבואה. ער זאָגט, אַז מיר וועלן איבער־אַ־יאָר, אין 1898, ציען 200 טויזנט וואָוטס, אין 1900 — 400 טויזנט, אין 1904 — 2 מיליאָן, און וועלן אין 1908 ווערן די בעלי־בתים פון דער מדינה, „ווי טייק פּאָזעשאָן" — איז געווען זיין אויסדרוק.

נו, איר און איך ווייסן איצט, אין 1918, אַז לעת־עתה האָבן

מיר נאָך אַמעריקע פאַרן סאָציאַליזם ניט דערצאָבערט. איך, הגם אַליין אַ שטיקל אָפּטימיסט, וואָלט זיכער אויסגעלאַכט אַ פּראָפע־ציייאונג, אַז דאָס וועט געשען אין 1908, אפילו דעמאָלט.

און דאָך, ווען דעבס האָט ארויסגערעדט די ווערטער: „אין 1908 ווי טייק פּאָזעשאָן!", ווען ער האָט דאָס ארויסגעבראַכט מיט דעם גאַנצן כוח פון זיין גרויסער נשמה, — אין יענעם אויגנ־בליק האָב איך געגלויבט באמונה שלמה, אַז אין עלף יאָר ארום איז אַמעריקע אַ סאָציאַלע רעפּובליק.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, ווען דער צויבער פון דעבס'עס הייליקן ערנסט האָט שוין מער ניט געהאַלטן געפאַנגען מיינע פינף חושים צוזאַמען מיט דעם ביסעלע לאָגיק און פאַרשטאַנד, וואָס איך פאַרמאָג, האָב איך נאַטירלאַך ביי זיך באַשלאָסן, אַז די נבואה קען ניט מקוים ווערן; אָבער בעת מעשה איז ביי מיר ניט געווען דער מינדסטער צווייפל, אַז דאָס זעט ער — באספּקלריה המאירה — עפּעס אַזוינס, וואָס מיר, פּראָסטע שטערבלאַכע מענטשן, קענען ניט זען.

דעם 21טן יוני, 1897, איז געגרינדעט געוואָרן די נייע פּאַר־טיי און אין ווייניקער ווי אַ יאָר צייט זיינען שוין די אידישע גע־נאָסן געווען שטאַרק אין צאָל אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע.

דער נעקסטער מיטינג, ביי וועלכן דעבס האָט גערעדט, איז שוין געווען ניט אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם האָל „אָפּ־טאָון", נאָר אין ווינדזאָר טעאַטער אין די באָוערי, פאַר אַ פּאָר טויזנט מענטשן.

דעבס איז געווען ניט דער איינציקער רעדנער און ער איז געזעסן „הינטער די קוליסן" ביז ארום 10 אַזייגער יענעם אָוונט. דאָרטן האָט זיך, כדרך הטבע, געבילדעט אַ קליינער קרייז ארום אים. ער האָט גערעדט, ענטפערנדיק אויף פראַגן, אָדער סתם אַזוי. די ווערטער זיינען געקומען צו אונזערע אויערן כמעט די־רעקט פון זיין הארצן, עפּעס אַזוי ווי גאָרניט דורך זיין מויל, עפּעס אַזוי ווי אָן דער פאַרמיטלונג פון אַ צונג.

מיטאמאָל איז ער שטיין געבליבן. אויף זיין פּנים איז גע־ווען דער אויסדרוק פון שמערץ, פון פאַרלעגנהייט. עטוואָס האָט אים ווייִ געטאָן, אָדער געפעלט, אָדער באַאומרואיקט. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך. איידער אימיצער האָט צייט גע־האַט אים צו פרעגן וואָס אים פעלט, האָבן מיר געהערט ווי ער זאָגט צו אַ יונגן מאַן, אַ גאַנץ יונגן מאַן לעבן אונז:

— ברודער, זעצט זיך דאָ. אָט דאָ. אויף מיין קניע...״

דאָס האָט דעבס פּלוצלונג געהאַט באַמערקט, אַז לעבן אים, אַרוים פון דעם ענגן קרייז, איז דער „באָי״ געשטאַנען, ניט האָבנ־דיק, וואו זיך צו זעצן. ניט זעענדיק קיין שטול אויף דער סצע־נע הינטערן פאַרהאַנג, האָט אים געקרענקט צו זען דעם יונגן מאַן שטייענדיק, און אַלס אַ לעצטן מיטל אַרויסצוקומען פון דער שווערער לאַגע, האָט ער אים אָנגעבאָטן זיין שויס.

אין אָט־דעם אָנבאָט, וועלכן דער יונגערמאַן האָט, נאַ־טירלאַך, ניט אָנגענומען, האָט זיך ניט געמערקט די מינדסטע אַפּעקטאַציע. דאָס איז געווען אַבסאָלוט ספּאָנטאַן, ערנסט, ליבע־פול. דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין גרויס, גרויס האַרץ קלאָ־רער און דייטלאַכער, ווי דאָס וואָלט געקענט זיין דער פאַל, ווען אפילו אַ גרויסער וואָרט־מאָלער וואָלט אים באַשריבן אין קליינע אותיות׳לאַך אויף פיל גרויסע בויגנס פּאַפּיר.

שפּעטער, אויב איך וועל ניט פאַרגעסן, וועל איך פילייכט איבערגעבן אַן אַנדער אַנעקדאָט, וואָס כאַראַקטעריזירט אונזער „דזשיען״. דערווייל מוז איך בלייבן ביי דעם דאָזיקן מיטינג.

אין 1908 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַנד פון דעבס׳עס שריפטן און רעדעס מיט זיין ביאָגראַפיע. אויף דעם פאַרלאַנג פון די אַרויסגעבער האָב איך, ווי אַנדערע פריינט פון דעבס, צוגע־שיקט אַ קורצן נאָטיץ פאַרן בוך, וועלכן מען וועט מיר דערלויבן דאָ איבערצוגעבן אויף אידיש — צווישן זיך רעדנדיק, איז עס דאָ נאָך פאַסנדער ווי עס איז אפשר געווען אין דעם דאָזיקן בוך. אַ שייכות האָט דאָס צו דעם מיטינג אין ווינדזאָר טעאַטער, אַרום וועלכן מיר רעדן. אָט איז דער קורצער אַרטיקעלע:

„דער אַל־מענטשלאַכער אינטער־ראַסן לשון פון ליבע.

„אין יאַנואר 1897 איז דעבס צוגעשטאַנען צו דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

„זעקס וואָכן שפּעטער האָט דער שרייבער, וועלכער איז דער־פאַר געוואָרן אויסגעלאַכט און אויסגעפּייפט פון מאַנכע אַלטע חברים, עפנטלאַך באַגריסט אונזער „דזשיענ׳ס" אָנשלוס אָן אונ־זערע רייען, אַלס סימבאָל פון א ר ב ע ט ׳ס דערוואַכונג.

„אין אַ קורצער צייט אַרום איז געגרינדעט געוואָרן די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע, און איך האָב דעבס׳ן געטראָפן אין ניו יאָרק אַלס אַ מיטגליד פון דער נייער פּאַרטיי.

„ביי יענער געלעגנהייט האָט ער אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך איינגעפונען פיל הונדערטער פון מיינע לאַנדסלייט. זיי האָבן קוים־קוים פאַרשטאַנען איין וואָרט פון יעדע פינף, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דעבס׳עס מויל און דאָך האָבן זיי קלאָר באַגריפן דעם מאַן און די באַדייטונג פון זיין בשורה אַלס אַ גאַנצע און זיי האָבן זיינע ווערטער הארציק אַפּ־לאָדירט.

„נו, דאָס איז געווען דער אַל־מענטשלאַכער, אינטער־ראַסן לשון פון ליבע, וואָס האָט דערגרייכט זייערע הערצער במעט אָן דער הילף פון ווערטער.

„און פון יענעם טאָג אָן האָבן זיי, ווי איך אַליין, אים געליבט ווי זייער גרויסן ברודער, זייער חבר, דעם גרעסטן פּאַרקעמפער פון זייער גרויסער הייליקער זאַך".

טיף אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט אָן אַנדער מיטינג מיט דעבס׳ן אין ניו יאָרק. דאָס איז געווען אַ קליינע פאַרזאַמ־לונג אין אָן אָרעמען זאַל אין דער איירישער געגנט אויף דער איסט סייד.

ביי יענעם מיטינג האָט דעבס שטאַרק אָנגעגריפן די פּאָלי־טיק פון דער ס. ל. פּ., ספּעציעל דעליאָנ׳ס האַלטונג לגבי סעמועל גאָמפּערס. ער איז, פאַרשטייט זיך, אַליין אפילו צו יענער צייט שוין געווען אַ געגנער פון גאָמפּערס׳עס עק־פּאָליטיק, פון גאָמ־

פערס׳עס נאָכשלעפּן זיך נאָך די דעמאָקראַטן. ער איז אָבער גע־
ווען געגן דער טאַקטיק פון פערזענלאך אָנגרייפן דעם געגנער, פון
כסדר שרייען: „פייקער, פייקער!“, וואָס האָט דערוועקט סימפּאַ־
טיע צום אָנגעגריפענעם און האָט אים כסדר געמאַכט נייע פּאַר־
ערער און אָנהענגער.

„יעדעסמאָל, ווען גאָמפּערס ווערט דערווײלט פּרעזידענט אין
דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן, איז דאָס דעליאָנ׳ס אַרבעט!“ —
האָט ער געדונערט.

פאַרבײגײענדיק, ביי יענעם מיטינג האָט מאיר לאָנדאָן גע־
האַלטן אַ קורצע רעדע, וועלכע איז געווען צווישן די בעסטע, וואָס
איך האָב פון אים געהערט סיי פריער, סיי נאָכדעם.

4

דעבס אין כעס

אַ רייד ברענגט אויף אַ רייד.

די לעצטע עטלאָכע שורות וועגן דעליאָנ׳ען און דעבס׳ן דער־
מאָנען מיר אָן אַן אַנדער מיטינג אין דעם יאָר 1898 אין ניו יאָרק.
מחשבות׳ן, אײדער איך פאַרגעס, לאָמיך דאָ דערציילן אַ קליינעם
אינצידענט אין שיקאַגאָ.

פאַר זיין רעדע אין דעם ווינדזאָר טעאַטער האָבן מיר אים
גענעבן 25 דאָלאַר, וועלכע ער האָט ניט געבעטן, אָבער אָן ווער־
טער אָנגענומען. ווען איך בין געקומען קיין שיקאַגאָ צו דער ער־
שטער קאָנווענשאָן פון דער ס. ד. א. (די „דעבס־פּאַרטיי“, אָדער
די „דעבסיאַנער“ האָבן אונז גערופן די ניו יאָרקער דײטשן, וועל־
כע זיינען דאַן נאָך געשטאַנען אין דעם געגנערישן לאַגער), בין
איך אַרײנגעפאַלן אין דער קאָנטראָל־קאָמיטע צוזאַמען מיט סי־
מאָור סטעדמאַן, אויב איך האָב ניט קיין טעות. אַזאַ מזל איז
שוין געווען מײנער! וואו נאָר ציפערן, געלט — קריכט דאָס צו
מיר! איך וועל זיך גאָרניט וואונדערן, ווען דער מלאך־דומה וועט

מיר דערלאַנגען זיין חטאים־לעדזשער דורכצוזען אַזוי גיך ווי איך וועל אָנקומען אויף יענער וועלט.

בקיצור, איך האָב זיך גענומען דורכזען די חשבונות פון דער ס. ד. אַ. זינט זי איז געגרינדעט געוואָרן, און דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן, איז געווען אַ הכנסה:

„דורך געג. דעבס פון אַ מיטינג אין ווינדזאָר טעאַטער אין ניו יאָרק — 25 דאָלאַר“.

איך, וועלכער האָב אין די זעלביקע ביכער געזען ווי מיזע־ראַבל ווייניק די יונגע אָרימע פּאַרטיי האָט געצאָלט אירע לעק־טשורערס און מיט וואָס דעבס האָט דאַן געלעבט, האָב מיינע אויגן ניט געקענט טרויען. אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס געלט האָבן מיר אים געגעבן ספּעציעל און אויסדריקלאך פאַר אים אַליין, ניט פאַר דער פּאַרטיי.

איצט קען איך גיין ווייטער אין דער אָנגעהויבענער שילדע־רונג.

***

אין דעם יאָר 1898 האָבן מיר, ווי געזאָגט, דעבס'ן געהאַט אויף נאָך אַ גרויסן מיטינג, אויך אין איינעם פון די טעאַטערן — דעמאָלט זיינען זיי געווען מער ווי היינט—אַ זונטאָג אָוונט.

דעם פרייטאָג פריער אין אין דעליאַנ'ס צייטונג געווען (אין דעם בריוור־קאַסטן) אַן ענטפער צו כלומר'שט אַ קאָרעספּאָנדענט, וואו עס איז אין אַ האַלב־פאַרשטעלטער, האַלב־אָפענער פאָרמע באַהויפּטעט געוואָרן, אַז דעבס פאָרט אַרום איבער דער מדינה אויף „פּאַסעס“ פון די אייזנבאַן־מאַגנאַטן. מיט אַנדערע און קלאָרערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דעבס אַרבעט געגן די אַרבע־טער, ווייל ער איז פאַרקויפט צו די אייזנבאַן־מאַגנאַטן.

אַרויסגעשטעלט האָט זיך אויף דער קאָנווענשאָן אין שיקאַ־גאָ, אַז דעבס, וועלכער איז שטענדיק אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, און האָט יענעם יאָר אַליין גערעדט אויף 117 מיטינגען אין 170

טעג, דאָס הייסט פינף מאָל א וואָך, בעסער געזאָגט: אין פינף שטעט יעדע וואָך, פארברענגענדיק נעכט אויף דער באַן, האָט קיינמאָל ניט באַנוצט קיין שלאָף־וואַגאָן, מחמת פאר אים איז דער פולמאַן־באַיקאָט נאָך אַלץ געווען אין קראַפט.

אויסגעפונען האָבן מיר אויך, אַז די אייזנבאַן־קעניגן האָבן אויף דעבס'ן נאָך אַלץ געהאַט אַן אויג און מער ווי איין אויג, און אַז זיי האָבן קיין ארבעטער־פירער אַזוי ניט געהאַסט ווי אים.

א נאַכט, געדענק איך, זיינען מיר אין שיקאַגאָ דורכגעזעסן מיט דעבס'עס ברודער טעאָדאָר און מיט קעליהער, איינעם פון די געוועזענע העכערע באַאַמטע פון דער רעילוועי־יוניאָן, און וואָס מיר האָבן זיך פון זיי אָנגעהערט, האָט געקענט אָנפילן א דיקן בוך. דעבס אַליין האָט ניט געוואוסט, ווי אָפט זיין לעבן איז נע־ווען אין געפאַר דורך די אינטריגעס פון אייזנבאַן־שפיאָנען און פינקערטאָנס.

און דאָ ביי אונזער מיטינג קריגט דעבס צו זען דעם „פּיפּל" מיט יענעם ענטפער אינם בריוו־קאַסטן.

אינמיטן פון זיין רעדע האָט ער פון וועסטל־קעשענע ארויס־גענומען דעם „קליפּינג" פון דעליאָנ'ס צייטונג און אין א טאָן, וועלכן מיר האָבן פון אים פריער קיינמאָל ניט געהערט, האָט ער אין קורצע געצעלטע ווערטער אויסגערופן:

„דער מאַן, וואָס שרייבט דאָס וועגן מיר, איז א פארדאַמטער קלאַסנבאַוואוסטער ליגנער!"

און א דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אָפּגעהילכט אַלס ענטפער פון דער גרויסער פארזאַמלונג.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ער מיט דעם זעלביקן מאַן „גע־שעיקט הענדס" *), בעת ער האָט מיט אים צוזאַמען ווידער אַמאָל פּרובירט גרינדן אַן אַנדער מין „אַלייענס" געגן דער רעאַקציאָנע־רער פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. זיין גרויס הארץ קען האַלטן א

---

*) זיך געדריקט די הענט.

כעס נאָר געגן דעם געגנער אינם קאַפּיטאַליסטישן לאַגער. אונז אָבער האָט יענער שלום־עליכם וויי געטאָן טיף אין הארצן.

לאַנג האָט די אחדות מיטן אַלטן דעליאָן, איבריקנס, ניט אָנגעהאַלטן.



דעניעל דעליאָן.

(איצט אנערקענט אַלס מער אויסגעהאַלטענער קלאַסן־קעמפּער ווי זיינע קעגנער).

5

אונזער „פייערמאַן"

אין דעם יאָר 1908 האָבן מיר זיך געגרייט צו אַ פּרעזידענט־וואַל. דעבס איז צום דריטן מאָל געלאָפן אויף דעם סאָציאַליסטישן צעטל „פאַר פּרעזידענט".

ביי יענער געלעגנהייט איז אין דער „צוקונפט" דערשינען

פון מיר דער פאָלגנדיקער אַרטיקל אונטער דעם קעפּל „דער היי-צער":

„נאָך איז די זון ניט אויפגעגאַנגען, אָבער זי האַלט ביים אויפגיין.

„נאָך זיינען די מיליאָנען פעסט-איינגעשלאָפענע — אַזוי פעסט איינגעשלאָפענע, אַז זייער שלאָף איז ניט געשטערט געוואָרן ניט פון חלומות, ניט פון דער האַרטקייט פון דעם געלעגער און אפילו ניט פון אַן אַרטיקן דונער דאָ אָדער דאָרט —ן נאָך זיינען זיי ניט אויפגעוואַכט, אָבער זיי רירן זיך שוין אומרואיק, אייניקע שוין מיט האַלב-אָפענע אויגן.

און פעסט זיינען די דאָזיקע מיליאָנען געשלאָפן דורך דער לאַנגער, כמעט אומענדלאַכער, פינסטערער, טרויעריקער נאַכט, וואָס קומט איצט, דאַכט זיך, צו אַן ענד, מחמת מען האָט געהאַט זיין איינגע'שכור'ט מיט אַ שלאָפטרונק געברויט אין כשוף-ברויע-רייען; מען האָט געהאַט פאַרדולט זייער פאַרשטאַנד מיט אַ פּאָ-ליטיש-רעליגיעזן עטהער; מען האָט געהאַט זיי איינגעזוונגען מיט מזמורים און געזאַנגען, פאַרפּאַסט פון מענטשן, וואָס באַדאַרפן די בייזע נאַכט, כדי צו לעבן אַ גוטן טאָג; מען האָט זיי איינגע-שלעפערט מיט אַ קריאת-שמע, אין וועלכער מלאכים זיינען זיי געשטאַנען ביי דער זייט, צוקאָפּנס, צופוסנס, אָבער אַזוי גיך ווי זיי האָבן צוגעמאַכט די אויגן, האָבן די שדים און די מלאכי-חבלה באַנוצט זייער ענגל-באַשיצטן שלאָף, כדי צו שינדן זייער הויט, כדי אויסצולייזדיקן זייערע קעשענעס, כדי אָנצוטאָן קייטן און קאַנ-דאַלן אויף זייערע הענט און זייערע פיס, כדי צו מאַכן הייזער פוסט און קברים פול.

„איצט האַלטן זיי ביים דערוואַכן... די זון האַלט ביים אויפ-גיין. די ליבע שמייכעלס, טריאומפירנדיק איבער דעם האַס, וואָס קריצט די ציינער און גלאָצט מיט די אויגן, פאַר זיך זעענדיק זיין אונטערגאַנג, דעם אָנהויב פונם סוף.

„און ווער עס איז אַליין שוין אויפגעשטאַנען, דער זעט ווייט אינם מזרח פון דעם האָריזאָנט די ערשטע מאָרגן-רויטקייט, דער-

ווייל נאָך שוואַך און מאַט, ווי זי ברעכט זיך דורך דורך דער גע־דיכטער כמאַרע, וואָס פאַרשווינדט, דורך דער נאַכט, וואָס פאַר־גייט.

***

„ניין, נאָך איז די זון איננאַנצן ניט אויפגעגאַנגען. נאָך שלאָפט די גרויסע, ברייטע מאַסע. נאָך איז די ווירקונג פונם שלאָפטרונק כמעט אומעטום שטאַרק.

„און דערצו גייט ביי אונז אין אַמעריקע די זון סתם שפּעטער אויף ווי אין איידאָפּעאישע לענדער — שפּעטער ווי אין פּאַריז און לאָנדאָן, פיל שפּעטער ווי אין בערלין.

„און דערצו איז אונזער פאָלק אַן ערב־רב, אַ מישמאַש פון אַלערליי פעלקער־ראַסן, מיט אַלערליי לשונות ווי דער דור־הפלגה אַמאָל, מייסטענס נאָך ניט אַקלימאַטיזירטע מענטשן, מייסטענס אַזעלכע, וואָס ווערן דאָ צעטומעלט גאָר אין אַ מהומה, שכור גאָר אָן ווייַן, און זייַנען אָפט שלאָפערס און נאַכט־וואַנדלער אפילו ביי דער אַרבעט, בעת דער קערפּער רירט זיך, די פיס רעגן זיך, די הענט שאַפן, אָבער דער מוח דרעמעלט.

„פונדעסטוועגן —

„דורך דער נאַכט, ניט אַכטענדיק אויף דער פינסטערניש, אויף דער פייכטער, קאַלטער לופט, אויף די געפאַרן אַרום און אַרום; זיך ניט שרעקענדיק ניט פאַר דער אייגענער שוואַכקייט, ניט פאַר דער פאַראייניקטער מאַכט פון רויב־חיות און קריכנדיקע שרצים; ניט בעטנדיק קיין הילף פון אויבן, קיין סימפּאַטיע פון אונטן, קיין שטיצע פון דער זייט, האָבן זיך אַ הייפעלע מענטשן צונויפגענומען, האָבן אָרגאַניזירט אַ „טריין" *) און האָבן גענומען גיין דורך דער מדינה, וועקן די שלאָפערס און אָנזאָגן די בשורה פון דעם טאָג, וואָס ווערט געבוירן — דעם טאָג פון ליכט, און

*) צוג.

ליבע, און לופט, און לעבן פאַר אַלעמען, ארויפגעמענדיס אויף זייער צוג יעדן אויפגעוואַכטן, וואָס וויל העלפן וועקן.

*
**

„און די נאַכט האָט געלאַכט.

„לעבערלאַך קליין האָט אויסגעזען דער צוג; קנאַפּ, זייער קנאַפּ איז געווען דער קוילנפאַרראַט; אויף דעם לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געזען אַן אויסלענדישער מאַשיניסט מיט אַ פּאָר'חלומ'טן קאָפּ אויף זיך, מיט אויסלענדישע שפּאַקולן אויף די אויגן. ווער עס זאָל אונטערגעבן פייער איז אַזוי גוט ווי גאָרניט געווען.

„פון סטאַנציע צו סטאַנציע פלעגט דאָ צוקומען אַ וואַגאָן מיט עטלאַכע נייע פּאַסאַזשירן, דאָ אָפּקומען. דער קול פון די וועקער צו די שלאָפערס פלעגט פאַרהילכט ווערן אין דעם ווינט און דעם וועטער. האָט זיך אימיצער ערגעץ-וואו אָפּגערופן, איז דאָס אָפט געווען דער אָפּקלאַנג פון דעם אייגענעם קול. און ברענ־מאַטעריאַל האָט געפעלט, חוץ אַ פּאָר שטאַרקע, מוסקולהאַפטע הענט צו קאָרמענען דעם פייער.

„דער צוג איז געווען קליין, זיין פראָגרעס לאַנגזאַם, כמעט אומבאַמערקבאַר.

„און די לאַנגע נאַכט, אין דער שטיל, האָט זיך געקייכט פאַר געלעכטער.

*
**

„מיטאַמאָל, אויף איין סטאַנציע, איז אין איין וואַגאָן אויפ־געשטאַנען אַ מאַן, אַ פּאַסאַזשיר אָקאָרשט אַרויפגעגאַנגען אויף דעם „טריין", אומבאַמערקט פאַר דער מאַסע.

„זיינע הענט זיינען געווען פּראָלעטאַריער־הענט, זיין קול— אַ פיין־קולטיווירטע שטים און זיין האַרץ — אַזוינס, וואָס האָט

זיך געפילט אין יעדן טאָן פון זיין קול, אין יעדער באַוועגונג פון זיינע הענט.

„דער מאַן האָט גערעדט, אַרויסשיקנדיק זיינע ווערטער עפּעס ווי אַ קול אין מדבר, און האָט געזאָגט:

„ברידער, מיר מאַכן ניט קיין פּאָרטשריט; דער וועג איז נאָך לאַנג; עס וועט נאָך ניט אַזוי גיך אָנהויבן צו טאָגן.

„גיין — גייען מיר אויף דעם געראַדן וועג. אונזער מאַשיניסט, אמת טאַקע ניט קיין היגער, איז אפשר אַ האָרעלע אַלטמאָדיש פאר אַ מדינה, וואו רויבער שטעלן אָפּ אַ „טריין" צוליב האַבזוכט און רינדער דורך דומהייט, אָבער דעם לאָקאָמאָטיוו פּאַרשטייט ער מיט יעדן רעדעלע און שרייפעלע און האַקענדל אין אים.

„מיר אַליין ווייסן אונזער ציל, און עס זעט זיך ניט די סכנה, אַז דער צוג זאָל חלילה אַראָפּ פון די שינעס, פאַרקריכנדיק אָן אַ זייט, אָדער איינגאַנצן גייענדיק לאיבוד.

„אַלץ, וואָס איז נויטיק, איז שנעלער מאַכן דעם גאַנג, וואַגאָנעס וועלן שוין צוקומען און זיך אָנשליסן אָן אונזער „טריין"; קוילן וועלן זיך שוין געפינען, און פּאָרווערטס וועט גיין אַ לאַנגער צוג, וואָס וועט זיך פאַרגרעסערן פון מינוט צו מינוט, אויף יעדער סטאַנציע. ביז פון אַ סך, אַ סך וואַגאָנעס וועלן הונדערטער, טויזנטער קולות זיך צונויפגיסן דאָ און דאָרטן: ברידער, עס טאָגט!"

„אַזוי האָט גערעדט דער נייער פּאַסאַזשיר.

„אימיצער האָט זיך אָפּגערופן און האָט געפרעגט:

„גוט, דו זאָגסט: אַ צוג-פירער, אַ מאַשיניסט האָבן מיר. צו אים דאַרף מען אָבער האָבן איינעם, וואָס זאָל כסדר אונטערלייגן ברענמאַטעריאַל, זאָל כסדר אָנהאַלטן און אויפהאַלטן דאָס פייער מיט די פלאַמען. ווער וועט זיין אונזער הייצער?"

„איך, אויב איר ווילט — האָט דער מאַן באַשיידן און שטיל

נעענטפערט — דאָס איז, איבריקנס, מיין פאך: איך בין א הייצער".

***

„ער איז ארויף אויף דעם לאָקאָמאָטיוו.

„פון דעם אויגנבליק אָן גייט דער צוג דורך דער נאכט. ער ווערט גרעסער, לענגער, פולער און לעבעדיקער.

„די וועקער וואקסן אין צאָל, ביי זיי אליין שטייגט דער מוט, וואקסט די האָפענונג, ווערט פארשטארקט די זיכערקייט פון דעם העלן, קלאָרן טאָג, וואָס קומט, און פון א זיג איבער אלע שוועריקייטן און שטערענישן.

„עס בייטן זיך די צוג־פירער, עס קומען און גייען קאָנדוקטאָרן, אָבער געליבט פון אלעמען שטייט דער הייצער אויף זיין פאָסטן, תמיד פון דאָס ניי אויפלעבנדיק די פלאמען, צינדענדיק, הייצנדיק, לייכטענדיק.

„ווער די וועג־ווייזער זאָלן ניט זיין, דאָס ברענמאטעריאל קומט פון דעבס, — פון יודזשין וויקטאָר דעבס.

„און דעם צוג אין זיין גאנג באגריסט פון ווייטן די אויפגייענדיקע זון, וואָס ברענגט דעם הערלאכן טאָג.

6
פארטיימאן, פריינט און מענטש

ביז יולי 1899 איז די ס. ל. פ. אלס אַן אומגעטיילטע גאנצע געשטאנען געגן דער נייער פארטיי. אין יענעם חודש איז אין דער ס. ל. פ. פאָרגעקומען א נייע שפאלטונג. דער „פּאָלקסצייטונג'ס־עלעמענט", דאָס הייסט, די אלטע גוואַרדיע פון די דייטשן מיט עטלאכע אויסנאמען (פאָכט, קוהן, פיעביגער און אנדערע) און צוזאמען מיט יענע א טייל פון די אידישע גענאָסן, וואָס זיינען ביז דאן געבליבן אין דער ס. ל. פ., האָבן געבילדעט א נייע פארטיי, וועלכע איז אין תוך געוועזן א דריטע סאָציאליסטישע פארטיי. איך זאָג: „אין תוך", מחמת די נייע פארטיי

האָט געשריגן, אז די ס. ל. פּ. דאָס איז זי, און ניט דעליאָנ'ס אַלטע אָרגאַניזאַציע, אָדער דאָס וואָס פון איר איז געווען איבער־געבליבן. דאָס זעלביקע האָט, פאַרשטייט זיך, „געקליימט"*) די דעליאָניסטישע פּאַרטיי. קיינע פון דיביידע האָט ניט צוגע־געבן, אז עס איז דאָ מער ווי איין ס. ל. פּ. אין אַמעריקע, און די איינע — דאָס איז זי, און ניט יענע. אויך איז געווען אַ ציַיטונג „פּיפּל" ביי יעדער פוןביידן, און יעדער פון די „פּיפּל'ס" האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם איינציקן, עכטן, אמת'ן „פּיפּל". פאַר אַ זייטיקן מענטשן זיינען די צוויי פּאַרטייען געווען זייער ענלאַך צו שעקספּיר'ס צוויי דראָמיאָ'ס און דער גאַנצער טומל ניט מער ווי די „קאָמעדי אָוו עררארס", אין וועלכער די ביידע דראָמיאָ'ס מיט זייערע בעלי־בתים זיינען באַטייליקט.

נאָר ניט דאָס אַלץ בין איך אויסן. וואָס מיר ווילט זיך דאָ זאָגן איז, אז אַזוי גיך ווי די שפּאַלטונג אין דעליאָנ'ס אָרגאַניזאַ־ציע איז פאָרגעקומען, האָבן מאַנכע פון אונז אָנגעהויבן צו רעדן וועגן שלום מיט דעם אָפּגעשפּאָלטענעם טייל, — מיט זיי, וואָס דעליאָן פלעגט רופן „קאַנגארוס'ס", אָנגעפירט פון מאָריס הילק־וויט.

עס וואָלט נעמען צו לאַנג דאָס צו דערציילן, און איך וועל דאָ נאָר זאָגן, אז עס האָט איין צייט שוין געהאַלטן זייער נאָענט פון אַ שלום צווישן אונז, די „דעבסיאַנער", מיט די אַנטי־דעליאָ־ניסטן, און פּלוצלונג זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן די אונטערהאַנד־לונגען. נאָך אונזער מיינונג, זיינען אין דעם שולדיק געווען בערגער פון וויסקאָסין און סטעדמאַן מיט זיינע פריינט פון שי־קאַגאָ.

איך אַליין האָב איצט פּונקט אַזוי שטאַרק געפילט די נויט־ווענדיקייט פון שלום, ווי איך האָב פריער (לגבי דעליאָנ'ען) גע־האַלטן פאַר מלחמה. מיט געוויסע עלעמענטן אין דער אַנטי־דעליאָניסטישער ס. ל. פּ. האָבן מיר שוין לאַנג געהאַט געמאַכט

---

*) באַהויפּטעט.

אַן אומאָפיציעלן וואָפנשטילשטאַנד און סימפּאַטיש צו דעבס'ן האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט דער אומפּאַרגעסלאַכער אַלעקסאַנדער יאַנאָס.

דערווייל האָבן מיר — די נייע פּאַרטיי — שוין געהאַט איינציקע דערפאָלגן אין מאַסאַטשוסעטס. מיר האָבן געהאַט דערווילט צוויי אַסעמבלימען און האָבן זיך געגרייט צו דערווייל'ן אַ מעיאָר אין הייווערהיל, וועלכן מיר האָבן שפּעטער טאַקע דערווילט.

אין דעם דאָזיקן קאַמפּיין האָבן די גענאָסן אַראָפּגעבראַכט „אונזער דזשיען". איך האָב באַנוצט די געלעגנהייט אים צו שרייבן און צו בעטן, אַז ער זאָל אין זיין רעדע אַרויסקומען פאַר שלום. ער האָט מיר געענטפערט זייער פריינטלאַך, און אפשר ליבעפולער ווי איך האָב עס פאַרדינט, אָבער ער האָט נאָך די צייט געהאַלטן פאַר ניט רייף צו רעדן וועגן פאַראייניקונג.

דאָס איז דעבס, מיט זיין גאַנצער „ווייכקייט" און פלעקסיביליטעט, קען ער זיין פעסט ווי אַ פעלז אין זיין שטאַנדפּונקט און קיינער וועט אים ניט באַוועגן רעכטס אָדער לינקס, ווען ער נעמט זיך פאַר אַ געוויסער זאַך און זעט פאַר זיך אַ געווויסן וועג, — זיין וועג. נאָר וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן.

אַ צייט שפּעטער האָבן מיך די באַלטימאָרער גענאָסן איינגעלאַדן צו קומען צו זיי אויף אַ לעקטשור. אַזוי ווי איך האָב געוואוסט, אַז דעבס דאַרף דאָרטן רעדן איין זונטאָג נאָכמיטאָג, האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג צו רעדן ביי אַ אידישן מיטינג פון אָוונט. מיין כונה איז געווען צו זען דעבס'ן „אין די אינטערעסן פון אייניקייט". אַז דערמיט איז געווען פאַרבונדן אַ הייסער וואונטש ווידער אַמאָל זיך צונויפצוטרעפן מיט אים פערזענלאַך און צו דריקן זיין האַנט, דאַרף איך ניט קיין צופיל ווערטער, כדי עס צו זאָגן.

און מיר זיינען צונויפגעקומען ביי אים אין האָטעל. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך אונטערהאַלטן. געדולדיק האָט ער אויסגעהערט אַלע מיינע אַרגומענטן. איך האָב געזוכט אים צו באַ־

ווייזן, אַז ספּעציעל וויקטאָר בערגער איז אַבסאָלוט אומגערעכט און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

ער האָט אויף מאַנכע פון מיינע טענות געענטפערט מיט צו־שטימונג, מאַנכע ווידער האָט ער באַשטריטן, אָבער אין אַלגע־מיין האָב איך געזען, אַז מיר קענען לייכט קומען צו אַ טאָלק.

ווען אָבער איך האָב גענומען קריטיקירן פּערזענלאַך בער־גער'ן, האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן אַ קליינער וואָלקען, און ווען איך בין געווען צו־ענד מיט מיין אָנקלאַגע, האָט ער מיר אַ נעם געטאָן מיין רעכטע האַנט און האָט ענערגיש און האַרציק פּראָטעסטירט, זאָגנדיק:

„אָה, וויקטאָר איז אָלראַיט!"

דאָס און ניט מער. דאַן האָב איך געפילט, אַז איך האָב אים מיט מיינע ווערטער ווי געטאָן, שטאַרק ווי געטאָן. פאַר אים איז אַ פריינט אַ פריינט, צי ער שטימט מיט אים אָדער ניט. דער עיקר אָבער איז, אַז וויקטאָר בערגער איז געווען זיין וועג־ווייזער אויף דעם וועג צו סאָציאַליזם, און דאָס האָט ער אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן.

און אָט איז דער אַנעקדאָט, וועלכן איך האָב אויבן צוגע־זאָגט צו דערציילן („אויב איך וועל ניט פאַרגעסן").

נאָך דער דאָזיקער אונטערהאַלטונג זיינען מיר געגאַנגען צום טעאַטער, אין וועלכן ער האָט געזאָלט רעדן. מיר — דאָס הייסט, ער, עטלאַכע גענאָסן און איך.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, דער גאַנג זייער אַנגענעם. אימיצער האָט דעבס'ן אַרויסגערופן אויף אַ געשפּרעך און ער האָט זייער לעבהאַפט גערעדט.

פּלוצלונג האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון אונז, האָט אַרויסגעשטאַמעלט די ווערטער: „ברודער! קען איך אייך מיט עפּעס העל..." ער האָט דאָס וואָרט „העלפן" ניט אַרויסגערעדט, אין זיין שטים האָט זיך געהערט אַ געוויסע פאַרלעגנהייט. עס איז געווען קלאָר, ער האָט מורא געהאַט, אַז ער האָט אימיצן באַ־לייזיקט.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

אַ קלייניקייט: נעגן אונז איז געווען געקומען זונטאָגדיק, אָבער אָרים אָנגעטאָן, אַ בלאַסער, קרענקלאַכער, שוואַכער מאַן פון אַ יאָר 40. זיין אָנבליק האָט „אונזער דזשיען" אַ נעם געטאָן ביים הארצן מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ־שטראַל. ער האָט אים געוואָלט מיט עפּעס העלפן... די רעכטע האַנט האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קעשענע... איז ער אָבער אַזוינער, וואָס וועט נעמען אַ נדבה? אפשר וועט ער זיך געפינען באַליידיקט? וואָס טוט מען?

די גאַנצע סצענקע האָט אפשר גענומען אַ צענטל פון אַ מינוט. דער מאַן האָט פריינטלאַך אַ שמייכל געטאָן און איז זיך לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען. מיר אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן מיין גרויסן פריינט'ס האַרציקייט, גוטסקייט, עדלקייט פיל שטאַרקער און קלאָרער ווי ווען־עס־איז פריער אָדער נאָכדעם.

7

בַּמֶה כֹּחוֹ גדול?

אַלס איינער, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, כמעט צוזאַמען מיט איר, האָב איך, נאַטירלאַך, געקענט אַלע פירער, רעדנער, שרייבער פון אונזער אויבן־אָן. די, וואָס איך האָב ניט געקענט פּערזענלאַך (ווי, למשל, לאַסאַל, ווייל איך בין צו שפּעט געבוירן געוואָרן, אָדער זשאָרעס, ווייל איך בין שוין געווען אויסגעוואַנדערט פון דער אַלטער וועלט, ווען ער איז אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרן), האָב איך זיי געקענט פון זייערע שריפטן, דורך זייערע געדרוקטע רעדעס, פון באַשרייבונגען.

עס איז פאַר מיר דערפאַר ניט שווער צו פאַרגלייכן דעבס'ן מיט אַנדערע גדולי־הדור. און איך בין ניט אַזוי שטאַרק פאַרבלענדט דורך מיין טיפער, אומענדלאַכער ליבע צו אים, ניט צו

זען זיינע שוואכע זייטן, דאָס, אין וואָס ער דערגרייכט ניט אַנ־דערע גדולים אין דער באַוועגונג.

און צייטנווייז שטעל איך זיך אַליין די פראַגע: „במה כוחו גדול?" מיט וואָס האָט ער פאַרנומען מיין האַרץ, טויזנטער אַנ־דערע הערצער? וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַגנעט אין אים, וואָס ציט צו אים די גרויסע מאַסן? וואָס ברענגט צו זיינע מיטינגען, ספּעציעל אין דער וועסט, וואו דער פאַרמער־עלעמענט איז שטאַר־קער ווי ביי אונז, הונדערטער און טויזנטער פון מיילן און מיילן אַרום?

און איך זאָג צו זיך אַליין:

ער האָט דאָך זיכער ניט די אוניווערסאַלע געלערנטקייט פון אַ לאַסאַל, אויך ניט זיין זשעניע אַלס פירער און גרינדער? ווייל דעבס איז דאָך אין תוך דאָס, וואָס פיסאַרעוו האָט אָנגערופן „אַ דענקענדער פּראָלעטאַריער", דאָס און ניט פיל מער? געוויס, ער איז אַ פּאָעט, אָבער...

און ער קומט אויך ניט צו זשאַן זשאָרעס, דעם אַקאַדעמי־קער, דעם מאַן, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף אונזער אַרבעטער־פּלאַטפאָרמע דירעקט פון דעם פּראָפעסאָרישן קאַטעדער, און האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַלס אַ גרויסער שטאַטסמאַן, רעדנער און פּאַרטיי־פירער.

דעבס אַליין וועט, אין דעם פּרט, אייך צוגעבן, אַז ווענדעל פיליפּס שטייט אפשר אויך העכער פאַר אים, — פיליפּס דער פּרייהייטס־קעמפער, די גרעסטע, פּערזענלאַכע, דאָס הייסט, אינ־דיווידועלע קראַפט אין דער באַוועגונג פאַר דער באַפּרייאונג פון די אַפריקאַנער אַמעריקאַנער פון שקלאַפעריי.

און וואָס איז שייך צו אויגוסט בעבעל, איז דאָך גאָר קיין פאַרגלייך ניט מעגלאַך, ווייל בעבעל און דעבס באַגעגענען זיך בלויז אויף דער פּלאַטפאָרמע, אָבער ניט אויף קיין טריבונע פון ערגעץ אַ פּאַרלאַמענט, פשוט ווייל דעבס'ן פעלט, פריער פאַר אַלץ, די געלעגנהייט דערצו. וואָלט דאָס אפילו געווען דער פאַל, גלויב

איך ניט, אז ער וואָלט ווען־עס־איז געוואָרן דער גרויסער פאַר־לאַמענטאַריער, וואָס בעבעל איז געווען.

מיט קיער הארדי וואָלט ער אַ פאַרגלייך מער ווי אויסגע־האַלטן, ווען מיר וואָלטן זיך אונטערגעאיילט אים, דעבס׳ן, אריינ־צושיקן אין וואַשינגטאָנער רעפּרעזענטאַנטן־הויז; דאָס איינציקע איז נאָר, וואָס, גרויס ווי הארדי איז געווען, איז ער צו „אונזער דזשיען" ניט געקומען אַלס רעדנער.

נו, טאָ ווי־זשע קומט עס, אז דער נאָמען דעבס — בלויז דער נאָמען — רופט ארויס געפילן ביי מיליאָנען מענטשן, וואָס אַנ־דערע נעמען האָבן ניט ארויסגערופן אין אַנדערע לענדער, און דעבס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ געלערנטער ווי לאַסאַל, אַזאַ שרייבער ווי פּלעכאַנאָוו, אַזאַ לאַנגיאָריקער פּרלאַמענטאַריער ווי בעבעל, און אַזאַ שטורם־באַוועגונג ווי ווענדעל פיליפּס, אַזאַ זשור־נאַליסט ווי וויקטאָר אדלער און אַנדערע, וואָס איך וואָלט געקענט אָנרופן?

איז דער תירוץ: הארץ, נשמה, מענטשן־ליבע! ווי גיט מען אָבער אייך דאָס צו פאַרשטיין?

אין פלוג האָט יעדער פון אונז אַ הארץ און עפּעס אַזוינס ווי אַ נשמה; מענטשן־ליבע איז מער אָדער ווייניקער אויך ביי אונז אַלעמען פאַראַן. מיט וואָס צייכנט זיך אוים דעבס?

ער צייכנט זיך פון אונז אַלעמען אוים דערמיט, וואָס ער א י ז דאָס, וואָס מיר ה אָ ב ן.

הארץ, נשמה, ליבע — דאָס א י ז ע ר; ער איז לויטער הארץ, אַ גרויסע נשמה און די מענטשן־ליבע אַליין.

איך האָב געקענט פּעטער לאַווראָוו, איינעם פון די גרעסטע און עדלסטע רוסן. ער איז געווען גוט און ליבעפול, אַ מענטש מיט אַ וואונדערבאַר הארץ. אָבער ער איז ניט געווען, ווי דעבס, כולו הארץ. חוץ דעם איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר, אַ מענטש אָפּטער אין די עולמי־עליונים, אָן אַ אויג פאַר דער ארומיקער, אַרימער וועלט אַזוי לאַנג ווי זיין מוח איז געווען מיט עפּעס פאַרטאָן.

פעטער קראָפּאָטקין איז אַ מענטש מיט אַ גרויסער, גרויסער נשמה, און דאָס זעלביקע איז געווען סערגיי סטעפּניאַק. דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט אַריינגעלאָזן אַ מעסער אין מעזענצעוו'ס ברוסט, דערמאָרדענדיק דעם קיסר'ס סאַטראַפּ, איז געווען די גוטסקייט אַליין, האָט געהאַט אַ האַרץ, וואָס האָט, ווי ארץ ישראל, געפלאָסן מיט מילך און האָניג. ניט ער, ניט קראָפּאָטקין זיינען צו פאַרגלייכן מיט אונזער דזשיען.

ענלאַך צו אים זיינען געווען: אין גוטסקייט—די באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ; אַלס אַ גרויסע נשמה — די העלדין פון דער פּאַריזער קאָמונע, לואיזע מישעל, און אַלס פאַרקערפּערונג פון מענטשן־ליבע — אַ אידישע פרוי, לאַנג שוין טויט, איבער אַ האַלב יאָרהונדערט אַוועק פון דער וועלט, אָבער אַרום איר איז מיר ניט באַקוועם צו רעדן. *)

די דריי זיינען אָבער געווען אַלע פרויען, וואו האַרץ, נשמה, און מענטשן־ליבע זיינען ניט אַזוי זעלטן, ווי צווישן אונז מאַנסבילן.

***

ווען דעבס רעדט פון דער פּלאַטפאָרמע, איז זיין שלאַנקער קערפּער אויסגעבויגן און ער שיינט צו זיין כסדר אין געפאַר אַריבערצופאַלן צום פּובליקום צו. דאָס בויגט זיך זיין נשמה צו אייך, דאָס גייט זיין האַרץ אוים צו אייך, דאָס שטרעבט זיין גאַנצ וועזן זיך מיט אייך צו פאַרשמעלצן, צו ווערן איינס מיט אייך.

און זיין זשעסט! ער שטעלט אוים זיינע הענט עפּעס אַזוי, ווי אַרומצונעמען מיט זיינע אָרעמס, צוצודריקן צו דער ברוסט זיין גאַנצן עולם, און דעם אופן אַריינבריינגענדיק אין דער אוידיענס זיינע געדאַנקען, זיינע געפילן, זיין הייסן וואונטש צו מאַכן

*) ווינטשעווסקי מיינט דאָ זיין „באַבע־צלה", וועלכע ער שילדערט אין די „ערשינערונגען", ערשטער טייל, באַנד 9, אין קאַפּיטל: „זי עליה השלום".

דאָס לעבן שענער, די מענטשן פרייער, בעסער, ערלאכער און אויפגעקלערטער, און דעם יאָמער־טאָל, אין וועלכן מיר קוועלן זיך, פאַר א גן־עדן.

עס איז ביי אונז געוואָרן א מאָדע צו פאַרגלייכן יעדן בעל־דרשן מיט די נביאים, זינט מיר זיינען געקומען צו זיך און האָבן ארויסגעפונען, אז מיר זיינען אידן און אז דער תנ״ך, וואָס האָט געהאַט אַן איינפלוס צום גוטן, אָדער צום בייזן, אויף דער דער־ציאונג פון אכציק דורות מענטשן אין אַלע עקן און ענדן פון דער וועלט, איז אונזער ירושה, כמעט אונזער עקזיסטענץ־בארעכטי־קונג אַלס א פאָלק, און וואָס איז שייך די נביאים זיינען זיי אונ־זער שטאָלץ.

עס בעט זיך דערפאַר שוין היינט אַן אנטשולדיקונג, ווען מען מאַכט אזא פאַרגלייך. פונדעסטוועגן גלויב איך ניט, אז דאָס איז נויטיק אין אונזער פאַל.

דעבס קען האַסן, ווי ער קען ליבן. ווען ער פרעדיקט, ווען ער קומט אריין אין עקסטאַז, דערהערט זיך דער אידישער נביא, ווייל ער האַסט דאָס שלעכטע אין דער מענטשהייט און קיינמאָל ניט אין דעם מענטשן, און ווער רעדט דעם מענטשן גופא, דעם יחיד אַליין. מיט דעם איינציקן באַשעפטיקט ער זיך קיינמאָל ניט, ניט לויבנדיק, ניט שמייסנדיק. אַזוי פעלט אויך אין זיינע רעדעס דער „איך“. ער אַליין שטייט כסדר אָן א זייט, הגם אין יעדער פראַזע מערקט זיך, פילט זיך זיין גרויסע אינדיווידואַלי־טעט. אַזוי רעדט עמוס, אַזוי רעדט ישעיה, אַזוי רעדן די מייסטע אַנדערע נביאים.

און ווי זיי איז ער א פּאָעט, אַן אמת׳ער, „גאָט־געבענטשטער“ פּאָעט. דער געוויינטלאכער אמת קריגט ביי אים א דיכטערישן אויסדרוק, די איינפאַכסטע באַמערקונג קומט ביי אים ארויס מיט א פּאָעטישן שוואונג, מיט א מעלאָדישן ריטם, מיט א צוגעגעבע־נעם ספּעציעלן חן. און איר הערט זיך צו צו אים און איר זאָגט צו זיך אַליין: דאַכט זיך, גאָר ניט קיין נייעס און דאָך עפּעס ניי; דאַכט זיך, א וואָרט פון דעם אַל־טעגלאַכן, וואָכעדיקן ווערטער־

בוך, און דאָך עפּעס יום־טוב׳דיק אין זיין אַנבליק!

און ווי אונזערע נביאים שטראָפט ער און טרייסט, שמייסט ער און גלעט, גיט ער אַ נחמה בעת ער שילדערט יסורים.

און ווי זיי באַשעפטיקט ער זיך ווייניקער מיט דער פאַרגאַנגענהייט ווי מיט דער צוקונפט, בליקט ער כסדר מאחורי הפרגוד, שטרעבט ער צום העכסטן: צו אַ מין פאַרבאָרגענער גאָטהייט, צו אַ גרויסן ליכט לעתיד־לבוא, ליבט ער צו פּראָפעצייען וועגן דער קומענדיקער הערלאַכקייט פאַר דער מענטשלאַכער ראַסע.

ער לייענט, ווי זיי, כסדר יענע אומגעשריבענע, דערווייל נאָך אומגעשריבענע, בלעטער פון אַ קינפטיקער וועלט־געשיכטע וועגן קומענדיקע צייטן. און זיין בליק איז קלאָר, און יענע צייטן שטייען אים פאַר די אויגן, און ער לעבט אין דער וועלט, פאַר וועלכער מיר שטרעבן.

און דאָס קומט אים אָן לייכט, ווייל ער זעט ניט בלויז מיט די אויגן, נאָר אויך מיטן הארצן, מיט זיין גרויסן, ליבע־פולן הארצן.

⁂

איצט נאָך איין וואָרט, און איך בין צו־ענדע.

מיט עטלאַכע יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אונזער דזשיען אין זיין האָטעל אין ניו יאָרק ביי אַ געוויסער געלעגנהייט. איך האָב מיט זיך גענהאַט צוויי פריינדינס, איינע פון זיי זייער אַ נאָענטע קרובה — מיין טאָכטער.

אַז ער האָט זייערע יונגע הערצער דעראָבערט אָן אַ קאַמף, איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך. עטלאַכע ווערטער לוינט זיך צו פאַרלירן וועגן דעם פאָלגנדיקן אינצידענט ביי יענעם באַזוך.

בעת מיר דריי האָבן זיך מיט אים אונטערהאַלטן, האָט מען אים צוגעטראָגן אַ וויזיט־קאַרט פון אַ מאַן, וואָס האָט אים געוואָלט זען. מיר האָבן אים געבעטן זיך ניט צו לאָזן שטערן, און דער באַזוכער איז אַריינגעקומען.

דאָס איז געווען, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַ רע־פּאָרטער פון אַ צייטונג.

ער האָט דעבס'ן געשטעלט עטלאַכע פראַגן און איידער דער אָרימער רעפּאָרטער האָט געהאַט צייט זיך אַרומצוזען, איז ער גע־ווען מיט לייב און זעל געפאַנגען פון אים, וועלכן ער האָט גע־וואָלט עקספּלואַטירן.

פון צייט צו צייט, אַריינגעמענדיק דעם רעפּאָרטער'ס ביידע הענט אין זיינע און אים אַדרעסירנדיק אַלע ווײַלע אַלס „ברו־דער“, האָט ער אים באַארבעט אויף אַלע זייטן, פאַרוואַנדלענדיק אַ וואולגאַרן צייטונגס־מאַן אין אַ מאָדערנעם סאָציאַליסט.

דער ערנסט, די רעדנער־קונסט, דער ענטוזיאַזם, וועלכע דער גרויסער פאָלקס־טריבון האָט געברויכט פאַר איין איינציקער רע־פּאָרטערשער נשמה, זיינען געווען די זעלביקע, פּונקט די זעלביקע, מיט וועלכע ער אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג פון דריי־טויזנט מענטשן. בלויז דער קול איז געווען, כּדרך הטבע, שטילער, כּמעט אַ „וויספּער“, אָבער, דווקא צוליב דעם, ליידנשאַפטלאַכער און איינדרוקספולער.

(1918)

א טאָג מיט יעקב גאָרדין

אין דעם שאָטן פון טויט

דאָנערשטאָג פרי.

דער זייגער איז ערשט 7, און איך בין שוין ארויס פון בעט. עס איז גוט צו זיין געזונט: אויפגעכאפט זיך, אויפגעשטאַנען און ארויס פון בעט, ארויס פון דעם טעמפּאָרערן קבר, וואו מען איז געלעגן אַן באוואוסטזיין, דאָס הייסט אַלזאָ, אָן לעבן גאַנצע זעקס שעה.



יעקב גאָרדין און מאָריס ווינטשעווסקי

ע ר איז מיין ערשטער געדאַנק.

ע ר קען דאָס ניט. ער כאַפּט זיך אויך אויף, עפנט אויך אויף די אויגן, אָבער ער שטייט ניט אויף און גייט מער שוין ניט ארויס פון בעט... יעדנפאַלס ניט אַליין.

ווען איך זע אים אין בעט, קומט מיר פאָר, אַז איך זע אים אין אַן אומבאַרעקטן אַרון, אַז איך זע אים שוין טויט, מער־נישט ער איז אַזוי ווי באַוועגלאַך־טויט, ווי אַ זייגער, וואָס זיין ספּרו־זשינע איז שוין כמעט אָפּגעלאָפן און ער באַוועגט די ווייזערלאַך אויף זיין ציפערבלאַט מיט די לעצטע כוחות, און הגם זיי דער־לאַנגען זיך נאָך אַלע ווײַלע אַ ריר — ווייניקסטענס דער לענגע־רער, אָבער ווייניקער באַדייטנדיקער, ווייזער: דער, וואָס ווערט בטל בששים לגבי דעם קלענערן, אָבער וויכטיקערן באַגלייטער זיינעם — ווייזן זיי שוין מער ניט די צייט, פּראָקלאַמירן זיי זי ניט מער דורך דעם קלאַנג פון זייער גלאָק־פּאַרקינדער, ווייסן זיי שוין ניט מער פון טאָג און נאַכט און איר מעגט זיך ריכטן, אַז אָט־אָט שטעלן זיי זיך אינגאַנצן אָפּ.

אַמאָל וואָלט איך געגלויבט, אַז יבוא יומו: קומען וועט די צייט, ווען עס וועט זיך דערהערן אַ קול שופר און אַן אַלמעכטי־קע האַנט וועט פון דאָס ניי אָנציען דעם וואונדערבאַרן מעכאַ־ניזם, און ער וועט דאַן גיין אויף אייביק מיט יענעם „פּערפּע־טואום־מאָבילע", פון וועלכן זיין אייגענער „מטורף" האָט גע־טרוימט. אַמאָל, יאָ, אָבער לאַנג, לאַנג צוריק.

⁂

ווי געזאָגט, דער זייגער איז ערשט 7. נאָר־וואָס האָט דער קירכנגלאָק געקלונגען זיבן. איך שרעק זיך ניט פאַר קיין גלאָק. איך בין אַ איד... מיר, אידן, שטאַרבן אָן גלאָקן און ווערן באַ־גראָבן אָן מוזיק; פאַר אונזער מענה־לשון האָט מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי ניט געשריבן קיין נאָטן און צו אונזער הספד איז ניט נויטיק קיין האַרמאָניע... אידישע טרערן גיסן זיך שטיל, העכסטענס, באַגלייט זיי אַמאָל — דאָ און אַרויסגעריסענער וויל־דער אויסגעשריי, דאָרטן אַ האַלב אונטערדריקטער שלוכץ, אַ שוואַכער זיפץ: קיין שום פּאָליציי־אָרדאָנאַנץ קען נאָר נישט האָבן געגן זיי.

דער גלאָקנקלאַנג דערשרעקט מיך ניט. דאָס ציינט מען ניט אָן ז י י ן טויט... דאָס איז נאָר אָן אָנצייג, א געוויינט־לאַכער אַלטער אָנצייג, אַז דער טאָג איז זיבן שעה אַלט און אַז איך מעג אויפשטיין, אויב איך וויל, — איך, וואָס קען דאָס דערוויייל נאָך טאָן, ווען איך וויל.

געמעגט האָב איך אַל־פּי יושר שלאָפן נאָך אביסל לענגער, מחמת איך האָב זיך די נאַכט פריער שפּעט געלעגט, און זעקס שעה אין אַ מעת־לעת שלאָפן, הגם דאָס הייסט זיין זעקס שעה געשטאָרבן, איז פאַר מיר ניט גענוג.

מחשבות'ן! ע ר שלאָפט אלע וויילע איין היינטיקע צייטן. מיר דוכט טאקע, אַז דאָס שטאַרבט ער אַלע וויילע און שטייט אַלע וויילע אויף תחית־המתים, אפשר געגן זיין אייגענעם ווילן, ווער ווייסט.

יאָ, איך וואָלט געווים געמעגט נאָך שלאָפן, א האַלבע שעה לכל־הפּחות, אָבער איך פיל, אַז די אויגן וועלן זיך שוין ניט צו־מאַכן צוריק, און אַז שוין יאָ אויפגעשטאַנען, לאָז שוין זיין איינ־גאַנצן.

איך וואַש זיך אָרום און ראַזיר זיך... ער, קלער איך, זיך ראַזירנדיק, האָט אויסגעהאַלטן זיין שיינעם לאַנגען באָרד ביז איצט. אמת, ער אַליין ליגט א פאַרברענטער, ליגט אָן איבער־געברענטער, ווייל איך זאָגן, זעט אוים שוואַרץ, בעת דער אַמאָלי־קער שוואַרצער, פעך־שוואַרצער באָרד איז איצט ווייס — ווייס ווי דעם קינד'ס אָדער דעם בר־מינג'ס אומשולד — און איז היינט מער א שטער ווי א תכשיט, מחמת זיין אייגנטימער הוסט נאָכ־אַנאַנד... הוסט אַרוים פון זיך שטיקער לעבן און ווען עס קומט צום אָפּווישן די ליפּן — וואָס דאַרף ווער וויסן, אַז א שטיק לעבן איז דורך זיי אַרוים? — דאַן איז דער אַמאָליקער שיינער באָרד טאַקע אָר א שטער.

בקיצור, איך וואַש זיך אָרום, ראַזיר זיך און גיי אַריין אין עס־צימער.

מיין גלאָז טיי ווערט קאַלט

אויף מיר וואַרט אַ גלאָז טיי.

איך וויל זיך אַנידערזעצן ביים טיש, אָבער דער שיינער, העלער, פרישער מאַי־נאָרגן מאַכט מיך אַרויסקוקן אויף דער גאַס. מיין בליק באַגעגנט די גרינע, לעבעדיקע בלעטער אויף דעם בוים, וואָס בליקט אַריין אין די פענסטער פון מיין עס־צימער און שיינט צו מאַכן חנ'דעלאַך צו מיר און שיינט זיך צו רייצן מיט מיר, ווי איינער זאָגט: „אַלטער פעפער! האָסט שוין גע־מענט לאַנג זיין אין גאַס, אַנשטאָט צו אָטעמען די האַלב־פאַר־שטיקטע לופט צווישן די ענגע ווענט פון ציגל און וואַפּנע!"

ע ר, טראַכט איך, האָט אויך לעבן זיין פענסטער בוימער מיט אַ נייעם פרילינגס־לעבן אין זייערע בלעטער. ווען די יסורים לאָזן אים מינוטנווייז אָפּ, מאָלט זיך אָפּ די דאָזיקע ווידער־אויפ־געלעבטע נאַטור מיט איר שיינקייט און פרישקייט און איר ריח־ניחוח אין זיינע איצט מאַטע אויגן, — די אויגן, וועלכע האָבן נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק אַרומגענומען אַ וועלט מיט יעדן בליק און האָבן היפּנאָטיזירט יעדן מענטשן, וואָס דער דאָזיקער שאַר־פער בליק האָט דורכגעדרונגען.

און ווידער זע איך אים — ווי מיט אַ פּאָר טעג צוריק — אַרויסבליקנדיק פון זיין פענסטער אין גאַס; זע איך, ווי זיין בליק, פול מיט רחמנות פאַר זיין אייגענעם לעבן, פול מיט מיטלייד פאַר זיינע, פאַר דער צייט אָפּגעשניטענע יאָרן, פאַר זיינע אומ־נעבוירן געבליבענע גייסטס־קינדער, פאַר זיינע ניט געשאַפן, ניט פאָרמירט געבליבענע מענטשנטיפּן, פון וועלכע זיין גרויסער מוח איז פול דעם גאַנצן לעצטן יאָר — זע איך, בקיצור, דעם דאָזיקן בליק נעוועגדט צו דער בליענדיקער נאַטור אין זיין פענסטער. און מיר דאַכט זיך, אַז ער פרעגט זיי, צי איז דאָס אמת, אַז דער מענטש קען מער ווי איין פרילינג ניט האָבן, אַז —

„דעם לעבנס מאַי בליט איינמאָל און ניט ווידער"

ווי שילער באַהויפּטעט? איז דאָס אמת? שיינט מיר זיין אויג

צו פרעגן. דארף דאָס זיין אמת? איז דאָס א יושר, אז דאָס זאָל זיין אמת? און אויב ניט א נייער פרילינג, אויב ניט א נייען חג־האביב, טאָ וואו איז לכל־הפּחות דער הערבסט — וויל ער וויסן — זיין חג־האסיף? ער האָט זיך דאָך די גאַנצע צייט גע־קליבן צו שניידן און ארייננצונעמען די זאנגען אין זיין שייער אריין, מחמת וואָס ער האָט ביז איצט גענאָסן פון דער פרוכט פון זיין זריעה איז דאָך נאָר געווען א מין זומער־הערבסט, אַן אומ־רייפער, פאַרדערצייטיקער, אומגעזונטער שניט מיט אומרייפע אייפּס, וועלכע האָבן אים דאָס אזוי קראַנק געמאַכט.

אויף מיר וואַרט א גלאָז טיי — א קאַלטע.

קיין סכנה ניט, קלער איך. נאָך א קאַלט־געוואָרענער גלאָז טיי קען מען קריגן א וואַרימע. שווערער איז א נייער וואַרימער, פון דאָס ניי אויפגעוואַרימטער, לעבנסהויך, ווען דאָס האַרץ ווערט אָפּגעקילט...

וואונדערבאַר, ווי אַלע מיינע געדאַנקען דרייען זיך, אזוי ווי באַ'כשופ'ט, אַרום דעם טויט!

פונדעסטוועגן עס איך פרישטיק. דאָס לעבן באַשטייט אויף זיינע רעכטן.

א גרויסער שווייגער

דער זייגער איז אַכט.

אויפשטייענדיק פון טיש נאָכן עסן, גיב איך ניט ווילנדיק ווידער א קוק אויף די גרינע בלעטער, וועלכע דער ווינט בלאָזט איצט, זיי באַוועגנדיק הין און צוריק, פון מזרח צו מערב.

און מיינע געדאַנקען זיינען ווידער אין ברוקלין און מיר דוכט זיך פון דאָס ניי, אז דאָס בליק איך אַרויס, ווי יענעם טאָג, פון זיין צימער, ניט פון מיינעם.

און מיר דוכט, אז זיין אונטערהאַלטונג מיט די בלעטער פון די בוימער מוז זיין זייער א פּאָעטישע, ווייל קיינער קען אזוי שיין, אזוי מליצה'דיק, אזוי אינהאַלטסרייך ניט ש ו ו י י ג ן ווי ער.

איך דערמאָן זיך אָן א טאָג אין ווינטער מיט עטלאַכע יאָר

צוריק, וועלכן מיר האָבן ביידע צוגעבראַכט אויפן לאַנד אין ניו־דזשוירסי.

אַט גייען מיר, דאַכט זיך, שולטער ביי שולטער און, זיך פילנדיק גאַנץ אַליין, דערציילן מיר זיך איינעם דעם אַנדערן אינטימע זאַכן, ער אָבער רעדט מער ווי איך: ער האָט אינטערעסאַנטע, דראַמאַטישע עפּיזאָדן אין זיין לעבן. די נאַטור אַרום אונז איז טויט, די מאַמע ערד ליגט איינגעוויקלט אין אַ ווייסן קיטל פון שניי ווי פאַר דער קבורה. אַרום און אַרום איז שטיל; קיין ווינט בלאָזט ניט, קיין הונט בילט ניט, קיין האָן קרעט ניט, קיין זאַך הערט זיך ניט אויסער אונזערעביידנס טריט, פון וועלכע עס סקריפּעט, מיט אַ פּראָטעסט, דער שניי אונטער די פיס; אויכער אונזערע ביידנס שטימען, וועלכע הילכן אָפּ אין דער ריינער אַטמאָספערע, צעשטערנדיק איר רו און איר שטילקייט.

און ער, ווערנדיק מער און מער אַנימירט בעת ער רעדט, בעת ער וואַנדערט אין ווערטער און בילדער אַרום זיין טאַטנרייכער יוגנט, ער דערציילט און דערציילט... זיין קול איז שטילער און גלאַסענער ווי געוויינטלאַך, דערביי אָבער ליידנשאַפטלאַך־איינדרוקספול: מיר קומט פאָר, אַז דער דראַמאַטורג רעדט ווי אַן עפּיקער וועגן אַ ליריקער — דער מיטל־אַלטער, ווי דער עלטער וועגן דער יוגנט — די טאַט ווי דאָס וואָרט וועגן דעם געפיל... איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין.

און מיט אַמאָל ווערט ער שטיל. איך וויל וואָס זאָגן, נאָר איך שווייג, מחמת מיין מוח האַלט אין פאַרדייען די רייכע גייסטיקע שפּייז, וועלכע ער האָט מיר אָקאָרשט געגעבן מיט אַזאַ פּולער האַנט.

און איך שווייג אויך.

און מיר גייען ווייטער שולטער ביי שולטער אויף דעם דאָזיקן לאַנגען שמאָלן וועג, מיט דער טויטער נאַטור אַרום און אַרום, מיט דעם אומפּריינטלאַכן, מרה־שחורה׳דיקן הימל איבער אונזערע קעפּ, פאַרטיפט אין דער פאַרגאַנגענהייט. און איך, פול מיט אים און פון אים, הער, דאַכט זיך, ווי ער שווייגט; הער אים,

פאָרטזועצנדיק זיין דערציילונג אָן ווערטער; הער אים, רעדנדיק מיט געשלאָסענע ליפּן און, מיר דאכט, איך הער אים קלערער, דייטלאכער, בארעדטזאמער ווי פריער.

דאָן שוין באשלים איך ביי זיך דאָס, וואָס איך האָב אייך נאָר־וואָס געזאָגט:

קיינער קען אזוי שיין, אזוי מליצה'דיק, אזוי אינהאלטסרייך ניט שווייגן, ווי ער.

און איצט איז צייט ארויסצוגיין אין גאַס. האלב ניין! איך טו זיך אָן.

אויף וואָס ער האָט קיין שליטה ניט

אָנקומענדיק צו דער סאָבוויי־סטאַנציע, פאַרטראַכט איך זיך: „זאָל איך גיין צום סיטי האָל, ארונטער צו נאַסוי סטריט און דאָן, שפּעטער, צום איסט־סאיד, וואו איך פאַרדין מיין חיונה, אָדער קיין ברוקלין—צו אים—וואו איך פארליר איצט מיין...?

איך באשלים פארלויפיק קיין ברוקלין ניט צו גיין. גלייכער אָפּצורופן אויפן טעלעפאָן מיין פריינט פּ., וועלכער וועט געוויס האָבן נייעס ארום צען אזייגער.

אַ פערטל צו ניין איז שוין איצט.

איך טו אַ פּאָר שפּרייזן איבערן פּלאַטפאָרם. פאַר מיר איז אָן אויטאָמאַטישער וואָג, מיט אַ קיילעכדיקן פּנים, מיט אַ לאַנגען ווייזער, מוכן ומזומן מיר צו זאָגן וויפיל איך וועג פאַר אַ קליינ־קייט. איך דארף נאָר אריינווארפן אַ פעני אים אין מויל אריין. דאָס שלינגט ער ארונטער, און דעם ווייזער שיקט ער ארויף, און איר ווייסט אייער געוויכט, יאָ, אייער וויכטיקייט.

איך פאַרטראַכט זיך פון דאָס ניי.

ווען ער וואָלט זיך דאָ קענען ארויפשטעלן און וואָלט אריינ־ווארפן אַ פעני, ווי ווייט, אַ שטייגער, וואָלט דער ווייזער איצט גיין? פאר־אַ־יאָרן אין דער צייט וואָלט ער אריבערגעשטיגן די ציפער 200, און היינט?

ווי זאָגט זיין אלישע בן אבויה? „פריער ווערט מען פאַר־ענדערט, נאָכדעם ווערט מען פאַרקלענערט און פאַרקלענערט, ביז בען גיסט זיך צונויף מיט דער מוטער־נאַטור“.

דער בייזער פיינט אין זיין קערפּער האָט זיך באַזעצט, ווי דער וואָרעם אין דעם עפּל, און ער צערט און צערט אָן אָן אויפ־הער, פאַרניכטענדיק וואָס ער קען ניט אויפעסן, נעגנדיק און צופּנדיק וואָס ער קען ניט פאַרניכטן.

און דערווייל גייט זיין אַמאָליקער קערפּערלאַכער ריזנגעבוי ארונטער און ארונטער. נאָר אויף דעם מארך, נאָר אויף דעם מוח שיינט דער שונא קיין שליטא ניט צו האָבן. וואָלט מען גע־קענט דעם גרויסן מוח וועגן — עס וואָלט פון פאַר־א־יאָרן ביז היינט זיכער ניט געפעלט ניט איין איינציקער גראַם.

אויב דער קרעבס, וואָס איז אין אים, איז אַזאַ ריקשריטלער, אַזאַ רעאַקציאָנערע מאכט ווי דער סאָציאַלער קרעבס ארום אים און געגן אים, אין פאַרשידענע צייטן פון זיין לעבן, דאַן איז דער עסק קלאָר:

דעם מאָגן, די לונגען, דעם לופטראָר קען ער אָנגרייפן; פלייש קען ער אויפצערן, נערוון קען ער אויפרייצן, בלוט קען ער אויס־זויגן, דאָס גרויסע, גוטע, ליבנדיקע הארץ קען ער פאַרוויסטן, אָבער דעם מוח — אויף אים האָט ער קיין שליטא ניט.

אַלע קאַמפּמיטל פון דעם גייסטפּיינטלאַכן, געדאַנקען־פאַר־פאָלגנדיקן, רעגרעסיוון קרעבס, פון אים וואָס גייט ריקווערטס, זיינען אַזוי מאַכטלאָז געגן אַ מוח ווי זיינעם, ווי פרעה'ס שווערד איז געווען לגבי משה רבינו'ס האלז.

פונדעסטוועגן, ווער ווייסט וואָס מאַכט ע ר? מען וועט דאַרפן...

אהאַ! אַט איז דער צוג!

„סאוטה־פעררי עקספּרעס!“ זינגט אויס דער קאָנדוקטאָר — „וואָטש יור סטעפּ!“

„וואַטש יור סטעפּ!“

איך גיי אריין אין וואַגאָן.

איך נעם אריין אין האַנט מיין מאָרגנצייטונג און וויל אָנ־הויבן לעזן. איך קען ניט. איך ווייס ניט וואָרום, אָבער אין די אויערן קלינגט מיר דעם קאָנדוקטאָר'ס וואָרנונג „וואַטש יור סטעפּ!“ מאַכט דער טייטש: „זעט וואו איר גייט!“

וואָרום? דאַכט זיך, איך הער דאָס אַלע טאָג שיינע עטלא־כע מאָל. וואָרום בלייבט און הילכט דאָס היינט מיר נאָך אין די אויערן?

נו... וואָס מיינט איר? אפשר, מיט יאָרן צוריק, בעת ע ר איז ערגעץ ארויף אויף אַן עקספּרעס, אויף אַ שנעלצוג אין לעבן, איך פּיליכט אין אַ טונקעלן אָרט, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט עקסטרא־אימפּעט אויף אַ נסיעה צו אַ געפערלאַך־געשמאַקן מאַלצייט אָדער אַן אַנדערן גיפטיק־מחיה'דיקן גענוס, פאַרנדיק אפשר טאַקע אָן אַ געקויפטן טיקעט, אָבער דאָך ווייט, ווייט ניט אומזיסט, פאַרקערט, צאָלנדיק (בלא יודעים) אַ שרעקלאַכן פּרייז, טאַקע ניט האָבנדיק פּיליכט די סכנה פאַר זיך, אַז זיין פוס זאָל דורך אַ פאַלשן שריט שעדיקן זיך אַליין, אָבער האָבנדיק די גרעס־טע געפאַר פאַר זיך אויף דער יאַזדע פאַרגיפטעט צו ווערן אויף יאָרן, כדי ענדלאַך צו ווערן אַן אָפּפער פון אַזאַ העסלאַכן ראַק, — אפשר, זאָג איך, וואָלט דער מחבר פון „גאָט, מענטש און טייוול“ נאָך היינט געלעבט, געליבט, געווירקט און געקעמפט, — גע־קעמפט טאַקע געגן דעם רעאַקציאָנערן קרעבס אין דעם אָרגאַ־ניזם פון דער מענטשהייט, ווען ערגעץ אַ קאָנדוקטאָר וואָלט אים אין דער צייט, הגם אין אַן אַנדער זין, צוגערופן:

„וואַטש יור סטעפּ, סער!“

אפשר יאָ, און אפשר ניט. גיכער ניט. נאָך אַלע מעשות, ווער ווייסט? מיט אַ טעמפּעראַמענט, ווי זיינעם, וואָגט מען ווייט, קלעטערט מען הויך, לאָזט מען זיך ארונטער טיף, שפּילט מען מיט אַזעלכע סטאַווקעס, אַז דאָס לעבן ווערט אָפט געשטעלט אין קאָן, און מען פאַראַכטעט די געפאַרן, און מען הערט ניט

דעם פריינטלאַכסטן קאָנדוקטאָר ביים האַסטיקן שנעלצוג, אין דעם טונקעלסטן טונעל.

שווער צו זאָגן.

אלישע, בעאַטאַ און די דרייאייניקייט

כ'נעם אַרויס פון קעשענע ז י י ן „גאָט, מענטש און טייוול". האָב נעכטן אָנגעהויבן עס (ווידער אַמאָל) צו לייענען. איך האַלט אין מיטן פונם צווייטן אַקט. אוריאַל מזיק האַלט שוין זייער ווייט מיט הערשעלע דובראָוונער און דער דאָזיקער איז שוין פון יענער זייט צדקות און נאָענט צו פריידעניו...

מיינע געדאַנקען וואַנדערן דורך דער גאַנצער הערלאַכער דראַמאַ און שטעלן זיך אָפּ אויף דעם טיטל:

„גאָט, מענטש און טייוול!"

און דאָ דערמאָן איך זיך אָן אַן אַנדער ווערק זיינס, וועלכעס איז מיר נאָך ליבער ווי יענע. איך דערמאָן זיך אָן „אלישע בן־אבויה", וועלכער איז טיילווייז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון דעם פּראָפעסאָר.

איך וועל אייך פּאָרלעזן אַ טייל פון אַ „ספּיטש" אין דער דאָזיקער פּיעסע.

דאָס רעדט בעאַטאַ, אַ מין מאַריאַ מאַגדעלאַנאַ, וועלכע איז נאָך דערוויילע אַ פּולקאָמענער בשר־ודם און ליבט דעם גרויסן דענקער און פריידענקער, ליבט אים מענטשלאַך, הגם זי פּאַרערט אים כמעט ווי אַ גאָט.

אָט איז וואָס בעאַטאַ זאָגט:

„ערלויב מיר מיט מיין אומווירדיקן אויג דיך צו זען ווי דו ביסט אין דער ווירקלאַכקייט, ניט ווי דו שיינסט צו זיין פאַר די אַלע פרעמדע... איך וויים, אַז אונטער דער געשטאַלט פון דעם דאָזיקן אָפּגעזונדערטן, שטאָלצן, צאָרניקן, אַלעס קריטיקירנדיקן און אָפּשטויסנדיקן מענטשן איז פאַרבאָרגן אַן אַנדער מענטש, אַ גוטער מענטש, אַ ליבנדיקער, אַ צאַרטער, אַ גוטהאַרציקער, אַ גרויסמוטיקער, אַ ליידנשאַפטלאַכער... דו ביסט פאַרשלאָסן אין

זיך אליין — עפן מיר אויף דיין הארץ, ליב מיך! איך וויל דיר אָפּפּערן מיין לעבן, מיין זעלע, מיין הארץ... קענסטו מיך ניט ליבן?"

דערויף טוט איר אלישע א שלעפּ צו זיך אין א ליידנשאפט־לאכן פּאראָקסיזם און שטויסט זי ווידער אָפּ פון זיך א רגע שפּעטער, זאָגנדיק:

„אומגליקלאכע, איך וועל דיך פארברענען, ווי די זון פארברענט א צארטן בלום; איך וועל דיך צעברעכן, ווי א שטורם־ווינט צעברעכט א יונגען בוים!"

די לעצטע ווערטער, סיי אלישע'ס, סיי בעאַטאַ'ס, זיינען דאָ ניט וויכטיק. צונויז וועלן זיי אייך נאָך קומען, ווען איר וועט וועלן פארשטיין ז י י ן פּסיכאָלאָגיע אין פארבינדונג מיט אנדערע זייטן פון זיין כאראקטער, מיט אנדערע עפּיזאָדן און דער־שיינונגען אין זיין פּילזייטיקן, פיל בלעטערדיקן לעבנס־בוך, וועלכן ער האָט זיך אליין געקליבן צו שרייבן אין דער פאָרם פון אן אויטאָביאָגראפיע נאָך גאָר ניט לאנג צוריק.

דאָ אין דעם דאָזיקן צוזאמענהאנג זיינען אָט־די לעצטע ווער־טער געווען ניט וויכטיק און איר האָט געמעגט זיי איבערהופּן.

אָבער נאָכאמאָל זאָלט איר מיר לייענען דעם ערשטן טייל פון בעאַטאַ'ס רעדע, וואו זי כאראקטעריזירט דעם אינעווייניקסטן אלישע, וועלכער איז אזוי גרונדפארשידן פון דעם אויסעווייניק־סטען. די דאָזיקע ווערטער זיינען א שפּיגל, אין וועלכן דער פּאָרפאסער האָט זיך אליין באטראכט בעת זיין פּענזיל האָט גע־צייכנט דאָס בילד פון זיין העלד. ער אליין איז אלישע'ס מאָדעל, — אי דער מאָדעל, אי דער מאָלער.

אָבער בעאטא ווייסט ניט אלעס, און, האלטנדיק אין האנט זיין אנדער דראמא: „גאָט, מענטש און טייוול", בעת דער שנעל־צוג דערנענטערט זיך צו סיטי האָל, זאָג איך צו זיך אזוי:

אזא מין דריי־אייניקייט איז דאָ אין יעדן מענטשן. אין די גרויסע מענער איז דאָס דאָ אין א העכערן גראַד, ווי ביי זיי איז אלץ אין א גרעסערן מאסשטאב, סיי גוטס, סיי שלעכטס. אין

יעדן מענטשן, אַלזאָ, איז דאָ די קראַפט וואָס שאַפט — דער גאָט, די קראַפט וואָס צעשטערט — דער טייוול, און צווישןביידן דער מענטש, וועלכער ווערט באַאיינפלוסט און געפירט צו גוטן און צום בייזן פון די דאָזיקע צוויי קרעפטן: די שאַפנדיקע און די צעשטערנדיקע.

און רואיק, אָבער תמיד טעטיק און תמיד ערנסט, איז דער גאָט אין דעם מענטשן. דער טייוול, דאַגעגן, דער מעפיסטאָפעל, איז תמיד אומרואיק, תמיד רעבעליש, תמיד אויפרייצנדיק, תמיד זיך רייצנדיק, תמיד ברעכנדיק מיט לאַמען, תמיד שטעכנדיק מיט שפּילקעס, שטעכנדיק וואו ער קיצלט, ברעכנדיק וואו ער שטעכט.

די דריי־איינקייט ביי די אַלטע הינדו׳ס באַשטייט פון בראַהמאַ דעם באַשאַפער, ווישנו דעם אויפהאַלטער (קאָנסערוואַטער) און סיוואַ דעם צעשטערער.. ענלאַך דערצו איז אונזער אידישער בורא, דער יצר־טוב און יצר־הרע, הגם אָפיציעל האָבן מיר קיין דריי־איינקייט ניט.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, זי, די דאָזיקע דריי־איינקייט פון גאָט, מענטש און טייוול, געפינט זיך, ווי געזאָגט, אין יעדן מענטשן און איז קלאָר און זיכטבאַר (פאַר יעדן, וואָס איז ניט בלינד דורך אומוויסנהייט, אָדער פאַרבלענדעט דורך אמונה) אין די גרויסע מענער.

ספּעציעל אין א י ם. דאָס איז דער איינציקער שליסל, מיט וועלכן איר קענט עפענען דאָס הארץ און צוקומען צו דעם אינהאַלט אירן ביי אים... מיר וועלן וועגן דעם נאָך רעדן. אין דעם דאָזיקן אויגנבליק איז מיר שווער צונויפצונעמען די רעיונות און זיי אַזוי צו קאָנטראָלירן, אַז עס זאָל מעגלאַך זיין ווייטער צו גיין אין דעם דאָזיקן וועג, און ניט צו פאַרבלאָנדזשען אָדער צו פאַרקריכן אָן אַ זייט.

דאָ וויל איך נאָר זאָגן, אַז אין אים איז פאַראייניקט מיט דער שאַפנדיקער קראַפט דער מ ע נ ט ש און דער ג ײ ס ט. ניט פון צעשטערונג, געוויס ניט, אָבער פון שפּאָט, סאַרקאַזם,

אומליבע און אַמאָל אפילו פאַראַכטונג פאַר שוואַכערע און צערט־לאַכערע נאַטורן אַרום אים.

די קורציזיכטיקע האָבן געזען תמיד נאָר איין דריטל, זעלטן ווען צוויי דריטל פון דער דאָזיקער הויך־קאָמפּליצירטער נאַטור; ווער־ניט־ווער האָט געזען דעם גאַנצן מאַן און נאָר דער האָט אים ריכטיק פאַרשטאַנען.

אַן אומגעדולדיקער וואָרעם

איר האָט דאָך געוויס געהערט פון דער חיה היענאַ, וואָס מאַכט אַ לעבן פון טויט, אויסגראָבנדיק מתים וואו נאָר זי קען, כדי זיי צו עסן. איר האָט, אויסערדעם, געוויס אויך געהערט פון די פויגעלאַך, רויבפויגעלאַך, וואָס באַגלייטן אַרמייען אין די מלחמות, וואַרטנדיק אויף די געפאַלענע, די טויטע, כדי זיי צו פאַרצערן. זיכער קענט איר אַלע די היימישע חברה־קדישא, די קברנים, די שמשים, די ווערים אין די קברים, און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אַ מאַטעריעלן אינטערעס אין טויט?

נו, צו אַט־די אַלע מעגט איר צורעכענען דעם היינטיקן רע־פּאָרטער פון צייטונגען, וועלכער באַטראַכט אויך דעם טויט, אמת נאָר פון רייכע, באַרימטע, אָדער געקרוינטע מענטשן, אַלס אַ וויכטיקן טייל פון זיין פּרנסה.

און ווי ער וואַרט, אויסקוקנדיק די אויגן, אויף גרויסע שׂרפות, ערדציטערנישן, מלחמות, זעלבסטמאָרדן, גט־פּראָצעסן, רעוואָלוציעס (אויסער ייד־אַמעריקאַנישע, וועלכע זיינען מעשׂים בכל יום און דערפאַר קנאַפּ וואָס אינטערעסאַנט), סטרייקס מיט געבראָכענע שאַרבנס, „פּריוויז־פייטס" צווישן באַרימטע קולאַק־גאונים און דאָסגלייכן, — ווי, זאָג איך, ער וואַרט אויף דעם אַלעמען, אַזוי וואַרט ער מיט דער גרעסטער אומגעדולד אויף דעם טויט פון מענטשן, מיט וועלכע דער עולם, אָדער אַ טייל פון אים, אינטערעסירט זיך.

אַזאַ נפש פלעגט מיט אַ וואָך צוריק יעדן אָוונט טעלעפאָנירן צו אים אין הויז.

דערביי פלעגט זיך אָפּשפּילן אזא טראַגי־קאָמישע סצענע.

„נאָרדינ'ס הויז?" פרעגט ער איבערן דראָט.

— יאָ, — ענטפערט אים איינע פון די טעכטער.

„דאָס איז פון דער „סאָן", שוין טויט? דערמיט איינגעט־לאַך וועלנדיק זאָגן: „איז ער נאָך אַלץ ניט טויט?" און אפשר בורבלענדיק אונטערן נאָז פאַר זיך: „אַ מאַרודניק אביסל! עס קריכן ארויס די אויגן פון קאָפּ ביז מען דערלעבט צו קריגן דאָס שטיקל נייעס! כ'לעבן, גוסס'ע מענטשן האָבן ניט קיין גאָט אין הארצן! וואָס טראַכט זיך, ווער ווייסט, אזא מענטש?"

און ער טרייסט זיך געווויס מיט אַ שטיק קיי־טאַבאַק, וועלכן ער קנייפּט ארויס פון זיין בייטעלע און מאַכט זיך דערמיט אַ געשוואָלענע לינקע באַק און לייכטער אויפן הארצן.

משמעות, איז אים מיאוס געוואָרן פרעגנדיק, מחמת דער אומגראַציעזער ענטפער, וועלכן ער פלעגט קריגן, פלעגט אים ניט שטערן זיין געמיט און ניט אָפּשטעלן אין זיין ארבעט; ער האָט אויפגעהערט אָפּקלינגען דאָס הויז.

אָרימער וואָרעם, ער מוז זיך גערולדן.

ער, טאָלסטאָי און קונסט

אין דער ענגלישער צייטונג געפין איך אין עטלעכע שורות די שטיקל נייעס, אז פאַר לעוו טאָלסטאָי'ס בראָשורע „לא תרצח!" האָט מען זיין ארויסגעבער סעלדען אין מאָסקווע געגעבן זעקס חדשים טורמע, בעת דער מחבר אליין האָט פארלאַנגט זיין שטראָף און האָט עס ניט געקענט קריגן.

אָבער אָנשטאָט זיך צו פארטראַכטן וועגן דעם גרויסן קינסט־לער-פרעדיגער, דעם שלמה־קהלת פון אונזער צייט, דעם, וועלכן יעדער קריטיקירט און יעדער פארערט, פארטראַכט איך זיך וועגן אַן אנדער זאַך. אייגנטלאַך, וועגן צוויי אנדערע זאַכן.

ערשטנס, דערמאָן איך זיך, אז ע ר איז דאָך איינער פון די ערשטע טאָלסטאָווצעס. און איך פארטיף זיך אין דעם דאָזיקן געדאַנק.

ע ר, קלער איך, ווייס ווי ער איז היינט פון א קאָנסעקווענטן טאָלסטאָוועץ אין דעם פּרט פון ניט שטעלן זיך געגן דעם שלעכטן, פון שטרעבן צו א מין צעליבאַט, צו א מין אייביקער בחור'שאַפט, באַקעמפנדיק די נאַטור אין זיך, אלס א אידעאל פון געשלעכטלאַכער ריינלאַכקייט און אין אַנדערע פּרטים, איז פונדעסטוועגן נאָך היינטיקן טאָג טאָלסטאָי'ס א שילער אין זיין אויפפאַסונג פון קונסט און איר צוועק. גאָרדין, צום ביישפּיל, האָט סיי אין זיינע פּובליציסטישע שריפטן, סיי אין זיינע וויכטיקערע סקיצן, סיי אין די נאָך וויכטיקערע דראַמאַטישע ווערק, תמיד געזוכט, ווייל ער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן צו זיינע מיט־מענטשן, כדי זיי צו מאַכן בעסער, און ערלאַכער, און געבילדעטער, און פריינדלעכער ווי ער האָט זיי געפונען. אין קונסט לשם קונסט האָט ער קיינמאָל ניט געגלויבט. דאָס הייסט ניט, אז פון זיין שטאַנדפּונקט מוז דאָס טעאַטער זיין א טעמפּל און די דראַמע א קרבן־מנחה סידור און דער שוישפּילער א שליח־צבור ביים עמוד און דאָס פּובליקום א זינדיקע קהילה, וואָס מען דאַרף פרימער מאַכן, מיט זיי דאַווענדיק פונם סידור, אָדער פאַר זיי פּרעדיקנדיק א דירנדיקע דרשה אויף דעם קעלמער מגיד'ס שטייגער, אָדער מיט זיי זאָגנדיק אשמנו. געוויס ניט. פון דער אַנדערער זייט אָבער, האַלט ער, אז די בינע, אָדער די סקיצע, אָדער די ציימונג האָט א געוויסע מיסיע צו ווירקן אויף דער מענטשלאַכער זיטלאַכקייט און אויף מענטשלאַכע זיטן, וואָס דאָס קען ניט זיין אין ווידערשפּרוך מיט דער אמת'ער קונסט, וועלכע קען און מוז ווירקן אויף די הערצער און די מוחות, זיי מאַכנדיק ריינער און אויפגעקלערטער אין דער זעלביקער צייט, וואָס זי זעטיקט דאָס עסטעטישע געפיל און באַפרידיקט די אויגן, זיי געבנדיק בילדער פון שיינקייט...

געוויס, די פראַגע איז אַלט, אזוי אַלט ווי די געשיכטלאַךבאַקאַנטע מענטשהייט. גאָרדין מעג זיין גערעכט, אָדער ניט, און טאָלסטאָי מעג זיין גערעכט אָדער ניט. אָבער פּלאַטאָ איז מיט עטלאַכע און צוואַנציק הונדערט יאָר עלטער פון זיי ביידן,

און ווער עס וויל קריטיקירן גאַרדינג'ס ווערק, מוז פריער זיך אָפּרעכענען מיט אַלע, וואָס שטייען אויף זיין שטאַנדפּונקט פון די צייטן, ווען פּלאַטאָ האָט געשריבן זיין „רעפּובליק" ביז די צייטן פון לעאָ טאָלסטאָי.

דאָס איז דער ערשטער גערדאַנק, אויף וועלכן די שטיקל נייס פון רוסלאַנד ברענגט מיך אַרויף. אָט איז דער צווייטער:

איינער פון טאָלסטאָי'ס טיף־פּסיכאָלאָגישע קונסט־ווערק, אויך געשריבן ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין... לשם קונסט, איז „דער טויט פון איוואַן איליאַטש".

איך זע מיטאַמאָל די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי דער ריכטער, אַ מיטגליד פון דער סודעבנער פּאַלאַטאַ, איוואַן איליאַטש גאָלאָווין, גייט לאַנגזאַם אָבער זיכער אַרויס פון דער וועלט.

איך דערמאָן זיך אָן די פילע סצענקעלאַך ביי טאָלסטאָי צווישן דעם קראַנקען און די אַרומיקע מענטשן, וועלכע זיינען אין פילע הינזיכטן אַזוי ענלאַך צו דעם, וואָס איך זע אַלע טאָג בא א י ם, אין ברוקלין.

די איינצלהייטן זיינען, פאַרשטייט זיך, גרונד־פאַרשידן. ז י י נ ע דאָקטוירים זיינען גוטע ערגעבענע פריינט, וועלכע נעמען גאָר נישט און גיבן אַלץ, וואָס אין זייער מאַכט שטייט; ז י ן פרוי איז ניט קיין פּראַסקאָוויא פיאָדאָראָוונאַ, ביי וועלכער דעם מאַנ'ס קראַנקהייט איז אַ שטער אין אירע וויזיטן — מאַכן און עמפּפאַנגען, — אין אירע פּלענער מכוח אַ שידוך פאַר דער טאָכטער; אַזאַ טאָכטער איז אויך מיין פריינט'ס ווערא ניט, וועלכע פאַרדעט טאָג און נאַכט ענטוועדער אַרום איר קראַנקען פאָטער, אָדער העלפנדיק דער אויסגעקוועלטער מוטער, אָדער טראַכטענדיק וועגן די הילפלאָזע קלענערע קינדער.

אמת, די איינצלהייטן זיינען גאַנץ אַנדערע, שוין גאָר ניט רעדנדיק דערפון, וואָס ע ר איז אַזוי ווייט פון איוואַן איליאיטש, ווי אַ גרויסער מאַן קען נאָר זיין פון גלאַט אַ לאַנגען און דיקן מאַן, הגם ביידע זיינען אפשר גלייך הויך געשטיגן און זיינען

איצט גלייך מאַכטלאָז און אומבאַוועגלאַך אויסגעצויגן אויף אַ בעט, וואָס קען ווערן אַ מ ט ה אַלע אויגנבליק.

דאָס איז אַלעס אמת, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך איצט אין די געדאַנקען אָן אַ שיעור קליינע סצענקעלאַך, פּילע, פּילע עפּיזאָדן אין דעם גאַנג פון דער מערדערישער קראַנקהייט ביי איוואַן איליאיטש, וועלכע מאַכן מיך מאָמענטווייז דענקען, אַז דער אַלטער טאָלסטאָי האָט באַספּקלריה המאירה פּאָראויסגעזען דעם סוף פון זיין גרויסן אידישן שילער פון אַמאָל.

דער אידישער רום

דער זייגער איז 10. מיר ווילט זיך זייער שטאַרק וויסן, וואָס עס הערט זיך אין ברוקלין.

דערווייל פּאַלט מיר איין, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר אַריינצוגיין אין פּאָסט־אָפיס און קויפן אַ פּעקל פּאָסטקאַרטן. איך גיי אַריין און געפין אַרום און אַרום די קאָרידאָרן אַ מאַסע מענטשן, כמעט אַלע שטאַרק פאַרטאָן, אַלע פאַרסמאָיעט, — אַלע עפּעס אַזוי, ווי עס וואָלט אין ערגעץ קיינער גאָר ניט האַלטן ביים שטאַרבן; אַלע מיט בריוו אין די הענט אַוועקצושיקן, מיט בריוו אין די געדאַנקען, וועלכע זיי ווילן דערהאַלטן; אַלע פול ענטוועדער מיט געשעפטס-פּלענער, אָדער מיט ליבעס-געפילן, די און יענע אין בריוו, וועלכע אָנקעל סעמ'ס פּאָסטשטאַליאָנען דאַרפן אַוועקפירן אָדער ברענגען.

די פּאָסט? אַ קאָמערציעלע — ע ר וואָלט געזאָגט אַ קאָמערטשעסקע — אינסטיטוציע היינט. דער אַלטער בערנע איז געווען גערעכט: „די ליבע האָט די פּאָסט ערפונדען און די קויפמאַנשאַפט באַנוצט זי“.

יאָ, ע ר וואָלט געזאָגט אַ „קאָמערטשעסקע“ אינסטיטוציע.

איך פאַרטראַכט זיך פון דאָס ניי.

וואונדערבאַר, ניין? אָט האָט אַ מענטש אָנגעשריבן און אַדאַפּטירט בסך־הכל אַ שטיקלאַך 70 דראַמען, אויב ניט מער, פאַר דער אידישער בינע. אין זיי, כמעט אין יעדער פון זיי, זעט

זיך מער אידישקייט, מער תלמודישע אידישקייט ווי ביי ערגעץ אַן אנדערן פון אונזערע דראַמאַטורגען. זיינע רבנים, חזנים, שמשים, מלמדים, סופרים, גבאים, בטלנים, סוחרים־לומדים, יונגעמאַנטשי־קעס זיידענע, — אַלע רעדן זיי ביי אים מיט אַ רייכן לומדישן ווערטערשאַץ. אַלע זיינען זיי אידן ניט נאָר אין יעדער באַוועגונג, וואָס דאָס קען אַמאָל זיין צו אַ געוויסן גראַד די אַרבעט פון די אַקטיאָרן, אָבער טאַקע אין זייער לשון, אין זייער „פּראָזאַ".

הערנדיק פון דער בינע זיינע אַ פּיעסע, וואָלט איך מיינען:

אַזעלכע זאַכן שרייבט געוויס אַ איד אַ למדן, איינער וואָס זיצט איבער ספרים, וואָס לעבט אין אַן אַטמאָספערע פון אידיש־קייט, וואָס איז אין אַזאַ „סביבה" געבוירן געוואָרן און האָט זיך אין איר געהאָדעוועט. דאָס איז, בקיצור, אַ איד בכל משפטו וחקתו, אַ איד מיט אַלע קליפּערלאַך, און איר וואונדערט זיך דאַן, ווי קומען ביי אים אַרויס אַזוי שאַרף אָפּגעטאָקט די רוסישע ווערטלאַך, אידיאָמען און פראַזן, דאָרטן וואו ער באַדאַרף זיי?

און דער אמת איז, אַז נאָך היינטיקן טאָג — און איך זאָג דאָס, ניט לויבנדיק און ניט טאַדלענדיק, נאָר קאָנסטאַטירנדיק אַ פאַקט — איז דער מחבר פון דעם „רוסישן איד" אַליין נאָך אַ אי־דישער רוס; נאָך היינט איז ער אין דער היגער רוסיש אידישער קאָלאָניע דער איינציקער, וועמען עס „קליידט" דער נאָמען „יאַ־קאָוו מיכאַילאָוויטש", ווי כמעט יעדער נאָענטער באַקאַנטער וואָלט אים אינסטינקטיוו און עפּעס כדרך הטבע אָנרופן, אַרייג־נייענדיק אין אַ געשפּרעך מיט אים. ער איז נאָך היינט אַזוי רו־סיש אין זיין אומגאַנגשפּראַך, אפילו ווען ער רעדט אידיש, ווי אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבן אין רוסישע צייטונגען. ער איז נאָך היינט אין זיין סאַרקאַסטישן אָנגריף אויף אימיצן דער „איוואַן קאָליוטשי" פון די זיבעציקער יאָרן.

און ניט אַכטנדיק דערויף, וואָס אין די לעצטע 15 יאָר האָט ער געלייענט מייסטענס ענגליש און דייטש, אָפּגעבנדיק אפשר נאָך ווייניקער צייט דער רוסישער שפּראַך ווי דער אידישער; ניט אַכטנדיק דערויף, וואָס איבסען, הויפּטמאַן, זודערמאַן און

סטרינדבערג האָבן אים איצט פיל מער אינטערעסירט ווי די רו־סישע מאָדערנע דראַמאַטורגען פון אָסטראָווסקי ביז אַנדרעיעוו; ניט אַכטענדיק דערויף, וואָס ער האָט שוין אפילו ניט מער געהאַט קיין זייער שטאַרקען וואונטש זיך אומצוקערן און ווייניקסטענס צו באַזוכן זיין אַלטע היים; ניט אַכטענדיק דערויף, וואָס ער איז שוין אפילו געקומען אַזוי ווייט ניט נאָר זיך צו לאָזן נאַטוראַלי־זירן, נאָר אויך צו געפינען אַ סך זאַכן צו באַוואונדערן אין אַמע־ריקע, — ניט אַכטענדיק, זאָג איך, אויף דעם אַלעמען, איז ער נאָך היינט אין האַרצן אַ רוס, טאָקע אַ אידישער רוס, אָדער דאָך אַ רוס, און ווען אַלץ ווערט אים נמאס, לאָזט ער זיך נאָך אַלץ מיט די עראינערונגען אָן גריבאָיעדאָוו'ס טשאַצקי און גאָגאָל'ס כלעסטאַקאָוו.

דעמאָקראַטיזם און דרך־ארץ

כדי עובר צו זיין אויף אַ לאו פונם דאָקטאָר — איך בין אויף אַ דיעטע — גיי איך אריין אין איינעם פון יענע ביליקערע רעס־טאָראַנען אַרום סיטי האָל, וואו מען קען זיך פאַרשאַפן אַ טאַסע קאַפע, ניט זייענדיק געצוואונגען צו עסן, ווען מען וויל ניט. אין אידישע „קאַפע־סאַלונס" איז מען געוואוינט דערצו, אַז מענטשן זאָלן זיך לאָבן מיט איין איינציקער גלאָז טיי אָדער קאַפע און ווייטער גאָר נישט, דערביי אָנפירנדיק לאַנגע שקלאַ־ווטריאַ'ס וועגן פּאָליטיק — צווישן איין אָפּערא־סעזאָן און דעם צווייטן, — וועגן סטרייקס, וועגן די „גדולים" אין דער באַוועגונג, וועגן ליטעראַ־טור, איבערהויפּט דעקאַדענטיש־סימבאָליסטיש־מאָדערניסטיש־אימפּרעסיאָניסטישער, וועגן דער פרעסע און איר פירונג, וועגן סאַנין און סאַניניזם און אַ סך אַנדערע אַזעלכע זאַכן.

ביי זיי ביניהם קען מען היציקע דעבאַטן אפילו אין די בי־ליקע רעסטאָראַנען ניט אָנפירן, אָבער אין די דאָזיקע קען מען שוין זיין אָרעם אָדער קאַרג געגוג, כדי ניט צו דאַרפן אויסגעבן מער ווי איין איינציקן ניקעל.

וואָלט — פאַלט מיר איין — גאָרדין אריינגעגאַנגען אין אַ

ניט־אידישן רעסטאָראַן נאָך אַ גלאָז טיי און ווייטער גאָר נישט? איך גלויב, אַז ניט.

ער איז תמיד אין אַזעלכע פאַלן געווען פריער פאַר אַלץ אַ דזשענטלמען, אפילו אַ שטיקעלע אַריסטאָקראַט. ער האָט ניט אין זיך, דאָס איז אמת, די גאוה, וואָס וואָלט אים שטערן אַריינ־צוגיין אין אַ ביליקן רעסטאָראַן איבערהויפּט, האָט אָבער די גאוה, אָדער ווי איר וועט דאָס אָנרופן, ניט אויסצוזען קאַרג אָדער אָרעם. מיר דוכט, אַז ווען ער וואָלט ניט האָבן מער ווי איין ניקעל, וואָלט ער אפילו אין אַ אידישן קאַפע־סאַלון ניט אַריינגיין, מחמת ער וואָלט אין אַזאַ פאַל דעם איינציקן ניקעל גיכער אַוועקגעגעבן דעם קעלנער, איידער פאַר אים טרינקען טיי.

אָבער ניט דאָס אַליין.

ער האָט זיך אין אַמעריקע איבערהויפּט ניט אַקלימאַטיזירט, און קען זיך עד־היום ניט באַפריינטן מיט אונזער היגן דעמאָ־קראַטיזם. ער האָט זיך געמאַכט שונאים דורך דעם, וואָס, למשל, ביי אַ לעקטשור, וועלכע ער האָט ערגעץ־וואו געהאַלטן, האָט ער, ווי מיר זאָגן דאָ, „אָנגעריבן אַ מאָרדע" ערגעץ אַ יונגענמאַן, וואָס זיין דעמאָקראַטישער גלייכהייטס־פּרינציפּ האָט אים אַרויסגע־בראַכט אין דער דיסקוסיע מיט אַ געוויסער חוצפה געגן אים, דעם לעקטשורער. מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער פאַרטראָגט ניט קיין ווידערשפּרוך. דאָס איז אָבער קיינמאָל ניט געווען ריכטיק. ער האָט ניט פאַרטראָגן און פאַרטראָגט עד־היום ניט קיין „דע־מאָקראַטישע" חוצפה, און בושה פאַר אַן עלטערן איז אַ פּרינציפּ, אַ היימישער, אַלטמאָדישער, פון וועלכן ער וויל זיך ניט אָפּזאָגן.

און אַזוי וויל ער זיך אויך ניט שיידן פון זיין שטעקן, וועלכן דאָ טראָגן מענטשן אַזוי זעלטן; פון טיי „ס'פּריקוסקאָי", וועלכע מיר אַנדערע האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו פּראַקטיצירן; פון זיין לאַנגען באָרד, וועלכער איז אַזוי אומאַמעריקאַניש, און פון פיל אַנדערע געוואוינהייטן, וועלכע זיינען געגן דער היגער ציוויל־ליזאַציע.

דערביי איז ער אַן אמת'ער דעמאָקראַט און אויך אַ מאמין

אין דער צוקונפט פון אמעריקע. ווען ער איז פאַר־צוויי־יאָרן צוריקגעקומען פון קאַרלסבאַד, האָט ער גערעדט מיט גרויס באַ־וואונדערונג פון היגע אינסטיטוציעס: פּאָסט, פּאָליציי, געריכט, באַנקען, עפנטלאַכע אַנשטאַלטן, פאַרגלייכנדיק דעם איינפאַכן, דעמאָקראַטישן, אומביוראָקראַטישן גייסט, וואָס הערשט דאָ, מיט דער קאָזיאָנשטשינאַ, מיט דער פּאָליציייסקער ווירטשאַפט, מיט דער ביוראָקראַטישער אָפּעקונסטוואָ, מיט דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סאָרטירונג פון בירגער (אין הויכע, העכערע און העכ־סטע; נידעריקע, נידעריקערע און נידעריקסטע) און מיט דער פוסטער, צערעמאָניעלער, אויפגעבלאָזענער העפלאַכקייט („גנע־דינער הער“; „איך קיסע אירע האנד“; „איר דינער“; „האבע די ערע“; „צו באפעל“; „יאסנע־וועלמאָזשני פאַן“ א. א. וו.), פון וועלכע מיר זיינען דאָ צו אזא הויכן גראַד פריי, אז מיר זיינען כמעט שוין גראָבע יונגען.

מיר דאכט, אז דאָס איז געווען זיין רייזע אין אייראָפּע, וועלכע האָט אים דאַן באַוואויגן ענדלאַך צו ווערן אַן אמעריקאנער בירגער.

„יאָ, עס איז אַ גוטע זאַך — ווערט צו זיין אַן אמעריקאנער סיטיזן!“ האָט ער דעמאָלט געזאָגט.

שלכטע נייעס

דער זייגער איז עלף.

אין דער „ווארהייט“, קלער איך, וועלן זיי איצט האָבן נייעס פון ברוקלין.

איך טעלעפאָניר אהין און קריג אַן ענטפער, וועלכער מאכט מיך אביסל מער צעטראָגן ווי איך בין געווען ביז איצט דעם דאָזיקן מאָרגן.

דער ענטפער איז זייער אַ לאַקאָנישער: „טעמפּעראַטור הויך, האָט פיל געהוסט, האָט צוגעבראַכט זייער אומרואיק די נאַכט“.

עס רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ זיפץ, וועלכער פאַרטייטשט די דאָזיקע בשורה אַן ווערטער אומגעפער אַזוי:

דער פיבער וויל אים, משמעות, באפרייען פון דעם נעגעדיקן, אומבארמהארציקן קרעבס; אפשר וואלט ער ניט ווי זען ווי שלעכט אים איז, קומט דער הוסט און דערקלערט דאס אים; קומט און רירט אים אויף מיט אן אכזריות'דיקן אימפעט, א שטייגער, ווי עס רירט אויף די ערד ארום זיך דער פייער־שפייענדיקער בארג; קומט מיט איין אויסברוך נאך דעם אנדערן, עקספלאדירנדיק מיט א פארניכטענדיקער קראפט — איינמאל און צוויי מאל און צען מאל, ביז דער וואולקאן האט שוין מער ניט קיין לאווע צום אויסשפייען, ביז דער אמאליקער שיינער קערפער ציט זיך צונויף און פאלט איין אין די קישנס ווי א צוזאמענגעבראכענע חורבה נאך א שרעקלאכן פארוויסטענדיקן שטורם.

האלדעק אין נאסוי־סטריט

איך בין אין גאס.

מיר ווילט זיך אביסעלע זיך צערשטרייען. מיר ווילט זיך א ווייליגקע פארגעסן אן ברוקלין, אן מעדיסאן סטריט, אן נומער 256, אן דעם קראנקענצימער אויפן צווייטן עטאזש, אן דער בעט, וואו ע ר ליגט, ווען דער הוסט לאזט אים איינלינן.

איך גיי, הגם לאנגזאם, ארונטער — אזוי רופט מען דאס דא: אייגנטלאך איז דאס ארויף, ווייל דא הויבט זיך אן דער הייקער: דער בארג־ארויף פון נאסוי סטריט — גיי און קוק אין אלע שויפענסטער פון די קראמען, וואו עס איז דא צום פארקויף פון כל טוב סלה.

„האללא, האלדעק!" ווילט זיך מיר אויסרופן.

עס גייט נעמלאך פארביי א גאסנהענדלער, וואס „פעדעלט" מיט טראגבענדער און שיך־בענדלאך און אנדערע אזעלכע קליי־ניקייטן. איך זע אים זייער אפט און מיר דאכט, אז מיין פנים איז אים באקאנט: ער זעט מיך געווים אויף מיטינגען, און גע־ווינטלאך גיי איך אים פארביי, אפילו זיך ניט ארומקוקנדיק.

היינט זע איך אים עפעס אנדערש ווי שטענדיק, און לאז אים אריין א פאר פארטראכטע אויגן, און מיר דוכט, אז ער איז גאר

ניט ער, אַז ער איז גאָר חאַלדעק, גאָרדינ׳ס חאַלדעק, דער „סי־טיזנער״, דער „פּאָליטישינער״, דער בריה, וואָס שטעלט זיך געגן אַן אמת׳ן פּאָליסמען אין דעם „רוסישן איד אין אַמעריקע״ מיט אַ ברייטקייט און מיט אַ חוצפּה, וועלכע האָבןביידע אפשר מורא פאַר קלעפּ, אָבער אין חאַלדעק׳ן זיצט אַן אומרו, אַ „סיטיזנער״־שד, און ער איז ניט אַבי־וואָר. חוץ דעם ווייסט ער דאָך די היגע זאַקאָנעס, איז קלאָר אין זיי „לאַיק אַ וואָטער״; וואָס הייסט אים פרעגן פראַגן? „נאַיס קוועשטשען יו קוועשטשען מי!״ ער און דער געזונטע זיינען פון איין שטעטל און ער ווייסט היינט, אַז ווען אַ פּאָליסמען גרייפט אָן דעם רוסישן אידנ׳ס גרינע מיידל ביים שטענד און וויל אויסלאָזן צו איר דאָס האַרץ פונם זאַקאָן, דאַרף חאַלדעק מער נישט אויפמישן יענע (אויך גרינע) בלעטל, וואו עס שטייט אַ פינף, און דאַרף זי ניט נאָר ווייזן, נאָר פון הינטן טאַקע דערלאַנגען דעם „מיסטער פּאָליסמען״, — פון הינטן, מחמת די אויגן טאָרן ניט זען וואָס די האַנט נעמט — און אַלץ ווערט כשר־וישר. חאַלדעק, פאַרשטייט איר מיך, איז דאָך עפּעס ניט אומזיסט אַ „סיטיזנער״, האָט דאָך עפּעס ניט אומזיסט זיינע פּייפּערס!

„אַ נאַיס קוועשטשען יו קוועשטשען מי!״

און, מיר דוכט, אַז איך זע אים דאָ איצט אין נאַסוי סטריט. מיר ווילט זיך אויסרופן:

„האַללאָ, חאַלדעק! וואָס מאַכט איר? ווי איז ביזנעס? וואָס מאַכט דער שטאָלצער סאַלאָמאָן גרינשטיין און זיין זון, וועלכער איז, וועלנדיק מאַכן אַ לעבן מיגיע כפּיו, געקומען אין אַ קאָנ־פליקט מיט אַ יוניאָן, וואָס ווייסט ניט פון רוסישע אידעאַלן און אידעאַליסטן און באַהויפּטעט, אַז זי, די יוניאָן, דאַרף ניט קיין שכל, מחמת זי האָט אַ קאָנסטיטיושען? וואָס מאַכט ער? ער, נאַטהאַן, און זיין שוועסטער, און מעקעלע, המכונה מעק־קעללי, און אַלע אַנדערע גייסטקינדער פון אים, וואָס ליגט איצט אין ברוקלין און האָט צו טאָן מיט אַ „פריגאָוואָר״ פון אַ ריכטער, וואָס זיין „עקזעקוציע״ קען מען ניט משוה זיין מיט אַ פינפערל...

איך זאָג, איך וויל אויסרופן: „האַללאָ, חאַלדעק!" אָבער איך דערמאָן זיך, אַז דאָס איז ניט דאָס טעאַטער, ניט די אַלטע רומעניא אָפּעראַ הויז אויף דער בויערי, און דער פּעדלער איז ניט מיין גוטער אַלטער פריינט פונם רוסישן אידן. דאָס איז אַן אַנדערער, אַ פּרעמדער, אַ ווילד־פרעמדער.

און אָנשטאָט זיך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ דעם ברוקלינער קראַנקעצימער, פאַרבלאָנדזשען מיינע געדאַנקען דורך דעם אַנ־בליק פונם פּעדלער אין אַן אַנדער אידישן טעאַטער מיט עטלאַכע יאָר שפּעטער.

דאָרטן ווערט פאַרגעשטעלט דער טויט פון דעם רוסישן אידן אין אַן איין־אַקטער, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן — „אָנ־געשריבן" איז זיינער אַ כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק — פאַר יעקב אדלער.

סאָלאָמאָן גרינשטיין, אין אַ לענשטול, שטאַרבט מיט אַ מאָ־נאָלאָג, אין וועלכן זיין נשמה נעמט אָפּשיד פון דער וועלט, וועלנ־דיק נעמען אָפּשיד פון אַמעריקע, מחמת ער בענקט נאָך רוסלאַנד, ער בענקט נאָך דער מדינה, וועלכע איז מיט אַלע אירע פּאָגראָ־מען, און געזעצלאַכע פאַרפאָלגונגען, און אַלערליי דערנידעריגונגען סיי אין דער אַרמיי, וואו אַ איד מעג נאָר דינען אָבער טאָר זיך ניט דערדינען, סיי אין דער שול, וואו נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון אים מעג לערנען, סיי אין לאַנד, וואו ער טאָר ניט אומעטום וואוינען — די מדינה, הייסט עס, וועלכע, ניט אַכטענדיק אויף דעם אַלעמען, בלייבט דאָך, ווי געווען, סאָלאָמאָן גרינשטיינ'ס פאָטערלאַנד.

און מיר האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז אַזוי וועט אַמאָל שטאַרבן אונזער יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש און אַז זיין רוסישע נשמה וועט זיך אַ לאָז טאָן אַרויס פון דער וועלט אויף אַ שליטן, מיט אַ טראָיקע, אויף אַ כרוסטקען, גלאַנציקן, ביינאַכטיקן שניי; מיט גלעקעלאַך, וואָס קלינגען; מיט וועלף, וואָס הוילן און וואָיען, און קענען אים ניט דערגרייכן — אַ שטייגער ווי ביים לעבן זיינע קריטיקער; מיט אַ ווייסן וואָלקען אויפן בלויען אויסגעשטערנטן

הימל, וואָס באַגלייט אים; מיט אַ לבנה צווישן די שטערן, הינטער די וואָלקענס, וואָס באַלייכט זיין לעצטע יאזדע; מיט קאָרפּולענטע דעמבעס און שלאַנקע, הויכע, ווייסע סאָסנעס אויף ביידע זייטן וועג און מיט אַ קאַלטן ווינט, וואָס פירט אים אונטער צו דער וואַלהאַלאַ, וואו זיין נאָמען וועט לעבן און לעבן...

עס איז אַזוי ניט געקומען. דאַכט זיך, ניט; אָבער עס איז שווער צו וויסן.

לעבנס־עליקסיר

און אַט בין איך שוין ניט ווייט פון טשעטעם סקווער, וואו עס פאַנגט זיך אָן איסט־בראָדוויי, די אידישע „ברייטע גאַס" פון ניו יאָרק. קומענדיק אַהין איבער פּאַרק־ראָו, דערמאָן איך זיך, אַז ע ר האָט פיינט די דאָזיקע גאַס מיט דער הויכבאַן (עלעווייטעד, וועלכע אידן רופן עלעווייטאָר און די אַמעריקאַנער — בטבע פויל צו רעדן — „על") איבער די קעפּ, פאַרשטעלנדיק דעם זונענשיין פון די אויגן דורך דעם אייזנבאַן־בנין און הילכענדיק אין די אויערן דורך דעם רויש פון די צוגן (טריינס), וואָס גייען פון און צו סיטי־האָל. יאָ, ע ר האָט זי שטענדיק פיינט געהאַט און זייער אָפט, ווען מיר פלעגן דאַרפן גיין פון דעם טעאַטער־קוואַרטאַל צו דעם אַלטן ברוקלינער בריק, פלעגט ער תמיד פאַרשלאָגן צו גיין אַרום דורך קאַנאַל סטריט און סענטער סטריט און אַזוי ווייטער צו דעם בריק צו.

און היינט, אפשר צום ערשטן מאָל, שטעל איך זיך אַליין די פראַגע: וואָרום האָט ער אייגנטלאַך אַזוי פיינט פּאַרק־ראָו? טאַקע נאָר צוליב דעם רויש? פיליכט, קלער איך, איז דאָס דערפאַר, ווייל די דאָזיקע גאַס איז פול מיט שענקען און פאַונשאַפּס און שכורים, און אַלטע קליידער, און אַלטע ביכער, און אַלטע אייזנוואַרג, און אַנדערע פאַרזעצטע, ניט אַרויסגענומענע, אַלטע, אַלטע סחורה, פון אַ גרויסער זעג ביז אַ נאָדל, פון טערקישע שאַלן ביז ווינדעלאַך, פון טעלעסקאָפּן ביז טאַשן־שפּיגעלאַך. אַלץ איז אַלט אין פּאַרק־ראָו, אַלץ איז איבערגעניצעוועטע, סעקאָנד־הענדיקע

סחורה, זאכן וואָס האָבן „געזען בעסערע טעג" און וואָס גע־דענקען אליין שוין ניט, ווען זיי זיינען געווען ניי. אפילו די מענטשן זיינען ניט ניי, אפילו די פאון־בראָקערס מיט די בייכ־לאך מיט די גילדערנע שווערע קייטן איבער די דאָזיקע בייכלאך, מיט די פנימ'ער, פון וועלכע יעדער האָט זיך צוויי־דריי מאָרדעס, אפילו די קינדער זייערע, אזוי ווייט ווי עס זעט זיך איבערהויפּט א קינד אין פארק־ראָו, זעען אויס סעקאָנד־הענדיקע, אָפּגעטראָגע־נע, איבערגעניצעוועטע מענטשן, וועלכע מען האָט צונויפגע־קליבן אויף אויקציאָנען, ביי ערגעץ אַן אויספּארקויף, ווייל עס ווערן דאָך אזעלכע גאָר ניט באשאפן...

אפשר, קלער איך, האָט ער מורא, אז אין אזא גאס ווי פארק־ראָו, צווישן סיטי־האָל און טשעטעם סקווער, קען זיך געפינען א שכור'ער בעלן אויף אזא באָרד ווי זיינעם און הגם ער איז פיזיש שטארק גענוג פארטיק צו ווערן אפילו מיט א ניכטערן בויאַן, וויל ער פיליכט פאָרט בעסער אויסמיידן אזא באגעגעניש, איבער־הויפּט ביינאכט.

און דאָ דערמאָן איך זיך אַן דער סקיצע זיינער: „לאכט נאָך!", וועלכע איך האָב מיט 14 יאָר צוריק געדרוקט אינם „אמת", דעם באָסטאָנער „אמת". מיר שטייט פאר די אויגן די סצענע אויף דער פערי, וואו מען רייסט דעם „קאָמישן פאסאזשיר" זיין דריי־עקיגן באָרד איינפאך „פאר פאַן", צו האָבן „א גוטן לאך", ווייטער גאָר נישט; וואו דער אָרימער איד מיטן באָרד ווערט זיך נעגן זיין אַנגרייפער, אָבער דער דאָזיקער ענטפערט מיט א מעסער א שארפן אויף א הוילן הארטן קולאָק. עס גיסט זיך בלוט!

און ווי איך טראכט אזוי, הויבט מיטאמאָל אַן צו שפּילן א קאטערינקא, וועלכע עס דרייט מיט גרויס התמדה, אָבער אָן התלהבות, אַן אלטע איטאַליענערקע.

וואָס שפּילט די אלטע שארמאנקע? איך וויים ניט, דאכט זיך, א באקאנטע מעלאָדיע, אָבער וואָס דאָס איז, וויים איך ניט. ע ר וואָלט שוין געוואוסט. עס זיינען דאָ ווייניק פראָ־

פעסיאָנעלע מוזיקער מיט אזא פיינעם געהער ווי זיינער, מיט אזא טיפער, שארפער, קלאָרער מבינות אין דער מוזיק, ווי ער האָט.

איך גיי ווייטער. אויף א שטענד פון צייטונגען אויף איסט-בראָדוויי זע איך א „ווארהייט", וואו עס איז דאָ נייעס וועגן א י ם.

איך קויף און לייען אונטער דעם קעפּל אין גרויסע אותיות: „יעקב גאָרדינ'ס בעסטער טאָג", אז ער איז דעם טאָג פריער גע־זעסן אויף א שטול ביים אָפענעם פענסטער און האָט געזאָגט א באזוכער, אז אלץ וואָס ער וויל איז נאָר געזונט ווערן.

דאָס גלויב איך.

אָה, יאָ! ער וויל געזונט ווערן. ער איז גלייכגילטיק צו אלץ חוץ געזונטהייט, חוץ לעבן, חוץ נאָך אביסעלע, נאָך עט־לאכע יאָר לעבן אין דער וועלט.

און טאקע דעם טאָג, ארום וועלכן די צייטונג רעדט, האָב איך דאָס געזען. דאָס איז געווען ביים עסן.

ער האָט געהאט א גוטן אַפּעטיט און מען האָט אים געגעבן אלץ, וואָס ער האָט געקענט שלינגען. זיין מאָלצייט האָט זיך געענדיקט מיט עטלאכע וויינטרויבן. און אזא מין עסן האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען.

ער האָט געגעסן, ווי מען עסט נאָך א תענית, אָדער נאָך א קרענק; ער האָט געגעסן אזוי ווי אין יעדן זופּ, אזוי ווי אין דער זאפט פון יעדן וויינטרויב וואָלט געווען א לעבנס־עליקסיר, א מעגלאכקייט צו ראטעווען זיינע יאָרן פון דעם טויט'ס קאָסע, א מעגלאכקייט צו קריגן קרעפטן גענוג, כדי צו באקעמפן דעם מלאך־המות, ווי יעקב האָט באקעמפט און באזיגט זיין מלאך אמאָל... אין די צייטן, ווען נסים זיינען נאָך ניט געווען איבערנאטירלאך...

ער ווייסט, אז עס האָלט שמאָל מיט אים, אָבער ער קלערט: מאָלע וואָס פּאסירט... יעקב אבינו האָט עס געקענט, אפשר וועט דאָס יעקב גאָרדין אויך קענען.

און ער שלינגט אריין לעבנסזאפט אין זיך!

ארם־נהרים און ער

פאָלגנדיק דעם מאָגן, גיי איך אריין אין אַ רעסטאָראַן, וואו איך עס געוויינטלאַך ביטאָג.

איך באַשטעל עטוואָס און קוק זיך אַרום אין דעם זאַל, באַטראַכטענדיק די פילע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פּנים'ער.

און מערקווירדיק איז אָט וואָס:

די פאַרשידענע מענטשן, וועלכע איך קען צווישן די שפּייזנעסט, אינטערעסירן מיך היינט ניט אויף דער זעלביקער אַרט ווי שטענדיק. איך קוק אויף יעדן פון זיי און קלער: ווי און וואָס דענקט ער פון א י ם? איז ער אַ פריינט אָדער ניט? פאַרדריסט אים ז י י ן קראַנקהייט? דענקט ער וועגן אים לכל־הפחות אויף אַזוי פיל, כדי צו זיין צופרידן מיט זיין אייגענעם שטיקעלע געזונט? וואָס, אַ שטייגער, האַלט ער פון „גאָט, מענטש און טייוול", וועלכע איך האָב דאָ ביי זיך?

אַז יעדער פון זיי קען האָבן אַנדערע אינטערעסן, אַנדערע געדאַנקען, אַנדערע געפילן, פאַלט מיר אויפן ערשטן בליק גאָר ניט איין.

איך קלייב אויס אַ ווינקעלע און זעץ זיך אַוועק.

איך בין שטיל און, ניט ווילנדיק, הער איך זיך צו צו מיינע שכנים רום טיש. קאָמיש! אַרום וואָס מענטשן געפינען צו רעדן!

„דזשייקאָב שיף — ארם־נהרים — צוויי הונדערט מיליאָן — מעריטאָריע" און ענלאַכע זאַכן. דאַכט זיך, ווער מען אינטערעסירט דאָס?

געלט, גאָר די געלט, וואָס דזשייקאָב שיף פאַרמאָגט, וועט ניט ראַטעווען דזשייקאָב גאָרדין... און מעסאָפּאָטאַמיע איז ניט פאַר אים... ראשית, ווייל ער אַהין גאָרניט גיין און חוץ דעם קען ער ניט... אָט רעדט מען גלאַט אין דער וועלט אריין! — דאָ אַ צונג אין מויל, דאָ אַ צונג אין גלאָק, דאַרף ער ניט הענגען ליידיק... נו, דינג—דאָנג, דינג—דאָנג! השתא עבדי לשנה הבאה בארם־נהרים! ווילדע ברואים!

אָבער איך כאַפּ זיך אויף פון מיין חלום און געפין אויפן טיש לעבן מיר מיין זופּ. איך פאַנג אָן צו שלינגען: א לעפל נאָך א לעפל און, כ׳לעבן, עס גייט! איך ווארג זיך ניט, איך הוסט עס ניט אַרויס! איך קען אפילו אַראָפּשלינגען דעם ביסן ווייסע ברויט, וואָס באַגלייט יעדן זופּ! וואונדערבאַר... און ע ר, זעט איר, ער קען ניט! יעדנפאַלס ניט קיין סאָלידע שפּייז. געווים, עס וואָלט אפשר געווען א יושר, אז אידן זאָלן זיך ערגעץ וואו באַזעצן... פון מיינעטוועגן, כאָטש טאַקע אין ארם־נהרים, און דער געלטבאַראָן שיף איז פּילייכט טאַקע א נאַר, און די צוויי הונדערט מיליאָן קען אפשר טאַקע זיין ניט שווער צו קריגן, אָבער וואָס טויגן מיר די אַלע קונצן? ארם־נהרים אהין — ארם־נהרים אהער, אז ער קען ניט שלינגען... און די היץ אינעווייניק פאַרברענט אים... פּלאַפּערן מענטשן: מעסאָפּאָטאַמיע!

אָבער איך צוכע זיך ווידער אוים... דער קעלנער וויל וויסן, וואָס איך זאָל נעמען נאָך דער זופּ. דאָס וואָלט איך אַליין אויך וועלן וויסן. מיר פאַרשטענדיקן זיך ווי עס איז, און איך עס ווייטער.

און דאָ קריג איך מיין גלאָז טיי. צו הייס, זאָג איך צו זיך... מען זאָגט, די דאָקטוירים זאָגן, אז מען טאָר ניט טרינקען קיין הייסע... ע ר האָט תמיד געטרונקען זודיקע, קאָכעדיקע געטראַנקען.

איך קלייב געזונטהייט־ווייסנשאַפט היינטיקע צייטן. איך ווייס כמעט שוין אַלץ, וואָס מען טאָר ניט.

משמעות, עס איז טאַקע אָט ווי דער עולם זאָגט: ווען מען שערט די שעפּסן, ציטערן די לעמער.

קריטיק און קריטיקער

צווישן די מענטשן אַרום די פאַרשידענע טישן זע איך שויינע עטלכע, וואָס קענען א י ם פון יאָרן, און אייניקע, וואָס האָבן אים שטענדיק געאַכטעט. איך קלער, אז זיי דאַרפן איצט ניט האָבן קיין אַנדער געדאַנק חוץ אים... איך וואונדער זיך,

ווי אַזוי זיי קענען זיך ווינצלען און לאַכן כמעט אויפן קול... אמת, אין דער „ווארהייט" שטייט, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטן טאָג, אָבער זיי ווייסן דאָך דאָס, וואָס קיין צייטונג טאָר ניט אויס־טייטשן צוליב דער פאַמיליע: די קראַנקהייט זיינע. טאָ, ווי אַזוי קענען זיי לאַכן?

צווישן די טיש־געסט דערקען איך אויך אייניקע פון זיינע שטרענגע קריטיקער.

דאָס זיינען ניט פּראָפעסיאָנעלע רעצענזענטן, לאָמיר זאָגן, פון טעאַטער־שטיקער; דאָס זיינען נאָר טיש־קריטיקער, וועלכע רעדן זייער עמפּאַטיש און אורטיילן זייער שטרענג, ווייל זייערע צוהערער ענטוועדער קענען ניט באַשטרייטן זייערע „פאַקטן", אָדער זיי האַלטן, אַז עס לוינט ניט צו ברענגען אין ניוועץ אַ האַלב טוץ ווערטער געגן זיי. דאָס איז אמת. עס איז אָבער אויך ניט ווייניקער וואָר, אַז זיי זיינען ניט מער און ניט ווייניקער אין זייערע רעדעס ביים טיש ווי פאָנאָגראַף־רעקאָרדס פון די פּראָפעסיאָנעלע רעצענזענטן.

די מעטאָדן זיינען געוויינלעך די זעלביקע. למשל:

זיי שטעלן אויף די באַהויפּטונג, אַז גאָרדין איז לגבי הויפּט־מאַן אַ לאַטוטע, אַ גאָרנישט. דאַן אורטיילן זיי איבער זיינע ווערק ניט ווי איבער די ווערק פון אַ גאָרנישט, אַ לאַטוטע, לגבי הויפּטמאַן, נאָר פאַרגלייכנדיק אים מיט הויפּטמאַנ'ען ווי גלייך מיט גלייך, און — ווען זיי רעדן לאַנג גענוג — דעררעדן זיי זיך ביז דעם „לאַגישן" שלוס, אַז גאָרדין איז ניט אַזוי גרויס ווי הויפּטמאַן, ווייל געוויסע פּערזאָנען ביי אים זאָגן צו קלוגע זאַכן, — אַזעלכע וואָס זיי, די קריטיקער אליין, וואָלטן אפשר ניט גע־האַט דעם שכל צו זאָגן, און, ואחרי ככלות הכל, איז הויפּטמאַן אַליין אויך ניט אַי־אַי־אַי!

אַן אַנדער מעטאָדע איז אָט־די:

מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אידישע בינע דאַרף זיין הימל־הויך אין פאַרגלייך מיט דער אַמעריקאַני־שער, אָדער דער פראַנצויזישער, און דער לאָגישער שלוס דערפון

איז, אַז אונזערע אידישע פּיעסן דאַרפן זיין פריי פון די זינד געגן זייערע, די קריטיקער׳ס, אייגענע דראַמאַטישע געזעצן (מצוות עשה ומצוות לא תעשה), וואָס דערפון פריי דאַרף ניט זיין די ני־דעריקערע, אומזיניקע, אומרעאַליסטישע דראַמע פון די אומות העולם. דערפאַר מעג ראָסטאַנ׳ס „סיראַנאָ דע בערזשעראַק" זיין משוגע, בערנאַרד שאָ׳ס דראַמע פול מיט בערנאַרד־שאָאיזמען און גלייכווערטלאַך, וואָס די קריטיקער אליין וואָלטן זיי ניט גע־ברויכט; דערפאַר מעגן קליינ׳ס אַמעריקאַנישע פּיעסן זיין באָמ־באַסטיש־ראָמאַנטיש און דערפאַר מעג אַזאַ אומזין ווי דער „מכשף פון אָז" זיין אַ צירונג פאַר דער בינע, מחמת זיי זיינען דאָך ניט אידישע, זיי זיינען דאָך ניט מער ווי דער שונד, וואָס פּאַסט פאַר נידעריקע, ניט דערוואַקסענע, אָדער אומגעלומפּערטע ליטעראַטורן פון אַמעריקאַנער, פראַנצויזן און ענגלענדער, מיט רעספּעקט צו מעלדן.

אַ דריטע מעטאָדע איז צוצוגעבן, אַז גאָרדין, למשל, האָט געשריבן גוטע פּיעסן, אָבער אין זיי צו זוכן פּגימות. און הגם די דאָזיקע פּגימות קען מען פּונקט אַזוי לייכט געפינען ביי שעקס־ספּיר, ביי שיללער, ביי שערידאַן, ביי וויקטאָר הוגאָ, ביי קאַל־דעראָן און... ביי וועמען ניט? צו קומען מיט אַזאַ טענה:

אָט־די אַלע זיינען אַמאָליקע, געוועזענע, אויסגעשפּילטע, אפשר אפילו אויסגעוועבטע דראַמאַטורגן. אין זייער צייט, נאָך זייער בילדונג, נעבעך, נאָך זייערע פאַרהעלטענישן, — מ ו ז מען זיי דן זיין לכף זכות. מיר אָבער, וועלכע זיינען היינטיקע, מיר מוזן זיין פריי פון יענע פּגימות און פעלערן. על־כן דאַרף מען נעמען אַלע פּיעסן פון דעם דאָזיקן אידישן שרייבער און זיי פאַרברענען, אַז עס זאָל פון זיי קיין שריד־ופליט ניט בלייבן.

אַ פערטע מעטאָדע איז צו „באַווייזן", אַז אויב די פּיעסן זיינען זיינע, דאַן טויגן זיי ניט, און אויב זיי טויגן, דאַן זיינען זיי ניט זיינע, און טאָמער פּאַסירט על־פּי סיבה, אַז אַ פּיעסע איז אי זיינע אי זי טויג, איז דאָס אַדלער׳ס אַרבעט, אָדער די ליפּ־צינ׳ס שולד.

עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע מעטאָדן, אָבער היינט האָב איך ניט קיין מוח זיי אויסצורעכענען.

ערלאַכע באַטריגער

איך גײ ארויס אין גאַס. דער זייגער איז צוויי.
זאָל איך גיין קיין ברוקלין אָדער ניט? איך באַשליס איי־דער וואָס־ווען אריינצוגיין אין מ'ס בוכהאַנדולנג אין גרענד סטריט און דאָרטן, ארומבלאַנדזשענדיק ארום די פּילע, פּילע בי־כער, זיך ווי עס איז ארויסצושלאָגן דעם שרעקלאַכן ראַס פון די געדאַנקען.
איך גיי איבער סוארד „פּארק" צו סאָפאָלק סטריט צו, כדי דורך יענער גאַס צו קומען צו מ.
נעגנאיבער דער גרויסער, פּראַכטפולער געביידע פון דער העסטער־סטריט שול, וואו טויזנטער אידישע קינדער ווערן טעג־לאַך געלערנט און אַמעריקאַניזירט, בלייב איך אויף אַ מינוט שטיין.
איך דערמאָן זיך אָן איין פאַרמיטאָג מיט אַ וואָך אַכט ביז צען צוריק, ווען איך בין מיט אים געגאַנגען צו דער זעלביקער בוכהאַנדלונג צו, דורך דעם זעלביקן פּארק, און דאָ אויף דעם אָרט האָט ער געזאָגט:
„דו ווייסט? טאָמער געפין איך ארויס, אַז מיין קרענק גייט שנעל און אַז מיר בלייבט ניט פיל לענגער צו לעבן, דאַן זעץ איך זיך אַוועק און שרייב אויף מיין ביאָגראַפיע".
איך האָב אים אויסגעלאַכט, אָבער איך גלויב, אַז מיין שטי־מע האָט אין זיך געהאַט אַ פאַלשע נאָטע, וועלכע זיין שאַרפער, מוזיקאַלישער אויער, מיט דער פייאיקייט צו מערקן אַ זעכצענטל פון אַ פאַלשן טאָן, האָט זיכער ניט דורכגעלאָזן.
און מיך קוועלט איצט דער געדאַנק: האָב איך דאַן פאַר־ראַטן דעם אמת אין מיין הארצן, אָדער ניט?
איצט, זינט ער ליגט אין בעט, פאַסירט מיר זייער אָפט, אַז

נאָך אַ וויזיט ביי אים צווייפל איך, צי איך האָב דורך מיין שטים, אָדער מיין פּנים פאַרראַטן מיין אינערסטן געפיל, צי ניט.

און מאָל פאַר מאָל איידער איך גיי צו אים אַרויף, טראַכט איך ביי זיך: וואָס טוט מען? ניט זען אים וועט אים מאַכן דענ־קען, אַז מען האַלט אים פאַר אַזוי געפערלאַך, און מען איז דער־פאַר אַזוי צעטראָגן, אַז מען האָט שוין מורא זיך צו ווייזן, ווייל אַז מען איז אין הויז ווייסט ער דאָך. אַריינגיין ווידער צו אים אין צימער מוז מען זיין זיכער, אַז דער פּנים זאָל ניט פאַר־ראַטן דאָס זעלביקע וואָס צייטנווייז דער קול: מען קען ווייניקער, אָדער גאָר ניט רעדן, אָבער ווייניקער, אָדער גאָר ניט אויסזען קען מען ניט...

טאָ וואָס־זשע טוט מען? מען דאַרף עפּעס אַ מאַסקע... אָבער דורך אַ מאַסקע קען ער דורכזען... יאָ, אפילו איצט, הגם אַ גרויסער טייל פון אים איז שוין טויט. איך באַשליס אים צו נאַרן מיטן אמת, דעם האַלבן אמת: אים, פאַרקערט, טאַקע ווייזן אַ באַזאָרגטען, מיט־ליידנדיקן פריינטשאַפט־געזיכט, אָבער ניט קיין פאַרצווייפלונג אין אים.

און אויף אַ מאָמענט שטעל איך זיך אָפּ ביים טיר פונם קראַנקענצימער און מאַך צורעכט מיין פּנים, כדי ער זאָל אויסזען האַלב-נאַטור, האַלב־מאַסקע.

און דאָס טוענדיק, קום איך מיר תמיד פאַר ווי ש ל מ ו ן בעת ער גייט מיט אַ „דאָקלאַד“ צו מירעלע אפרת (אין ז י י ן פּיעסע), אָפּטרייסלענדיק דעם שטויב פון זיין קאַפּאָטע, אַראָפּ־גלעטנדיק מיט דער האַנט דעם לאַנגען באָרד, צורעכטמאַכנדיק זיין יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און זיך אויסגלייכנדיק איידער ער קלאַפּט אָן אין איר טיר.

און איך פיל, אַז זיין אויג זוכט דעם אמת אין מיין פּנים, אין יעדן פּנים, און צו דער זעלביקער צייט האָט דאָס אויג זיינס אויך מורא פאַרן אמת, ווייל ער האַפּט געגן דער ווירקלאַכקייט, געגן דער האָפענונגסלאָזיקייט, געגן דעם הוסט, געגן דער הויכער טעמפּעראַטור, געגן דעם טויט, וואָס שוועבט שוין אַרום די

פענסטער פון זיין צימער און שפּילט זיך איצט מיט זיין לעבן ווי די קאַץ מיט דער מויז, זיכער אַז זי האָט איר קרבן, אים לאָזנדיק אביסעלע באַוועגונגס־פרייהייט, ווי צום שפּאַס, אויף נאָך א מינוט.

און גייענדיק צו מ.'ס בוכהאַנדלונג און זיך דערמאָנענדיק אַז יענעם געשפּרעך מיט אים דאָ אין סוארד־פּארק אנטקעגן דער גרויסער, פּרעכטיקער העסטער־סטריט סקול, קוועלט מיך איצט דער דאָזיקער געדאַנק:

„האָב איך אים דאָן אָפּגענאַרט, אָדער ניט?" און איך גיי ווייטער.

אין א ביכער־אַטמאָספערע

אין דער בוכהאַנדלונג האָב איך ווייניק־וואָס נייע זאַכן צו זען: בין דאָרטן ניט לאַנג צוריק געווען. פאַרשידענע מענטשן, זיך ראָיענדיק אַרום די ביכער, פרעגן מיך וואָס ע ר מאַכט, איך ענטפער זיי: ניט גוט, אָבער ניט ערגער ווי נעכטן, און ווער פון זיי פּטור. איינער צעפּעט זיך צו מיר שטאַרק צו. ער וויל וויסן „דעם אמת". איך קוק אים אָן. איך וויל אים זאָגן, אַז קיינער ווייסט ניט דעם אמת, נאָר צו־וואָס זאָל איך אים זאָגן א ליגן? דעם דאָזיקן מאַן אָבער וואָלט איך דעם אמת ניט געזאָגט אויף להכעיס, אָט טאַקע ווייל ער וויל וויסן.

ער פרעגט ניט ווי איינער, וואָס איז זייער באַזאָרגט אַרום דעם קראַנקען און וויל וויסן אפשר מיט א וואונטש פאַר אים עטוואָס צו טאָן, אים מיט עטוואָס צו צייגן סימפּאַטיע, אָדער גלאַט ווי א גוטער אויפריכטיקער פריינט. איך הער אין זיין פראַגע אַן אנדער נוסח ווי זיינעם, רעדנדיק מיט מיר.

איך פיל, אַז אונטער די ווערטער: „זאָגט מיר דעם אמת, איז דאָס טאַקע..." א. א. וו., וועלכע ער רעדט אַרויס, זיינען פאַרדעקט די ווערטער: „אַ, ווי גוט, וואָס דאָס איז ניט ביי מיר!" און טאָמער זאָג איך אים „דעם אמת", אויף וועלכן ער וואַרט,

וועט ער גלייך דעפּעשירן א גראַטולאַציע צו זיין אייגענעם שלינג-אַפּאַראַט, דאַנקענדיק גאָט, וואָס ער איז אָן עין-הרע פריש און געזונט.

און דאָס איז אויף קיין פאַל ניט קיין שלעכטער מענטש און, אויב ניט קיין פריינט, יעדנפאַלס ניט קיין שונא פון גאָרדין. דאָס איז נאָר א מענטש, וואָס ליבט זיין אייגענעם גוף און שעצט זיין אייגענע געזונטהייט, און דאָס אַלץ מער וואָס קראַנקער אַנדערע מענטשן זיינען.

אים פאַלט געוויס איין, אַז דער קראַנקער איז געווען א ריז לגבי אים און —

אם בארזים נפלה שלהבת

מה יעשה אזובי-הקיר?

אָבער ער געדענקט די מעשה מיט דעם דעמב און דעם שוואַכן בוימעלע, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן דעם גרויסן שטורם בעת יענער, דער מעכטיקער דעמב, איז געבראָכן געוואָרן און טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט זיך ניט געקענט בויגן אין דרייען. דאָס געדענקט ער און טרייסט זיך דערמיט.

צופרידן מיט זיך, ראַיעט ער זיך אין די פּילע ביכער; איך ראַיע זיך אויך, אָבער ווייניקער מיט זיך צופרידן, פיל ווייניקער.

מיט אַמאָל דערזע איך אויף א פּאָלקע אין דעם מאַגאַזין זיין „קרייצער-סאָנאַטאַ“ און זיין „סאַפאָ“.

דאָס ברענגט מיך אויף נייע געדאַנקען.

„קרייצער-סאָנאַטאַ“ טראָגט דעם נאָמען פון א דערציילונג פון טאָלסטאָי; „סאַפאָ“ איז דער נאָמען פון דאָדע'ס א ראָמאַן (שפּעטער דראַמאַטיזירט); חוץ די דאָזיקעביידע געפינען זיך ביי אים: „דער אידישער קעניג ליר“ און „מירעלע אפרת, די אי-דישע קעניגין ליר“; „דער שוואַרצער איד, אָדער מאיר יאָזע-פאָוויטש“; „מעדעאַ“ און „מעדעאַ'ס יוגנט“.

און די דאָזיקע אַלע דראַמען איז ענטוועדער (ווי אין די ער-שטע פיר) די אידייע גענומען ביי א באַקאַנטן שרייבער, אָדער

דער גאַנצער סוזשעט (ווי אינם „שוואַרצן אידן"), אָדער דאָס איז איינפאַך אַן איבערזעצונג (ווי אין „מעדעאַ").

דאַגעגן זיינען דאָ באַאַרבעטונגען פון פרעמדע דראַמען אונ־טער אידישע נעמען, ווי, צום ביישפּיל, „זעליג־איציק דער בלי־זמר" (פון שילער'ס „קאַבאַלע און ליבע"), „די שבועה" (פון הויפּטמאַנ'ס „פורמאַן הענשעל"), „דער ממזר" (פון וויקטאָר הו־גאָ'ס לוקרעטשיא באָרדזשיאַ") און אַנדערע.

אין „גאָט, מענטש און טייוול" איז די אידייע גענומען פון איוב, אָדער געטהע, אָדער אפילו מאַראָך, אויב איר ווילט, אָבער נאָר די אידייע, און אין דעם דאָזיקן פאַל איז דער טיטל אַן אָריגינעלער.

חוץ די דאָזיקע זיינען דאָ איבערזעצונגען, וועלכע טראָגן אין אידיש דעם נאָמען פונם אָריגינאַל, ווי „ראָזאַ בערנט" פון הויפּטמאַן, „מיעשטשאַנע" פון גאָרקי, „דער פאָטער" פון סטרינד־בערג און אַנדערע.

און אָט איז וואָס איך וויל אויספירן.

ווען גאָרדין האָט אָנגעהויבן צו שרייבן און האָט גענומען קאָנקורירן געגן דעם רעפּערטואַר פון דער אידישער בינע פון יענער צייט מיט אַזעלכע פּיעסן ווי „סיביריאַ" און דער „גרויסער סאָציאַליסט", האָט ער געפונען, אַז דאָס איז אַ שווערער באַרג־אַרויף־גאַנג און חוץ וואָס מען דאַרף דערצו האָבן ריזן־כוחות, ווייל דער וועג צום ציל איז פול ניט נאָר מיט שטיינער און מיט ביינער און מיט דערנער, נאָר אויך מיט פאַרשטאַנענע זומפּן, אין וועלכע עס פּלאָדן זיך פרעש און אַנדערע שרצים, וואָס מאַכן אָן אַן עפּוש מיט יעדן ריר אין דער גרינער בלאָטע, — אַלזאָ, חוץ וואָס מען דאַרף דערצו כוחות און אַ פאַרשטאָפּטן נאָז, נאָר מען בלייבט, שטייגענדיק אַרויף־באַרג, אָן ברויט, כדי צו קענען קלע־טערן און שטייגן אַרויף און אַרויף. מען דאַרף, נעמלאָך, ניט פאַרגעסן, אַז ברויט שטאַמט פון דער ערד און ברויט צו פאַר־דינען איז בעסער צו זינקען וואָס נענטער און טיפער צו דער ערד, איידער צו שטייגן העכער און נענטער צו די אויבערשטע ספערן.

האָבנדיק דאָס ארויסגעפונען און האָבנדיק שיינע עטלאָכע מאָנענס חוץ זיין אייגענעם און זייענדיק פּאַרלויפּיק נאָך אין א לאַגע גוט און לייכט צו שלינגען, וואָלט ער זיך געדאַרפט א לאָז טאָן צו דעם זומפּ, וואו די „בלימעלע" וואַקסט, און ביי דער דאָזיקער „בלימעלע" אויך די רייכע תבואה און די געשמאַקע אייפּס. ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט צו שרייבן שונד און האָט געמאַכט אַזאַ מין קאָמפּראָמיס.

„סיביריא" און דער „גרויסער סאָציאַליסט" באַצאָלן זיך ניט, שונד דאַגעגן איז ניט זיין עסק — דאַרף מען איבערזעצן. עס איז דאָ א שיללער, א גרילפּאַרצער, א וויקטאָר הוגאָ, לאָמיר נע-מען זייערע פּיעסן און איבעראַרבעטן אָדער איבערזעצן אויף אידיש.

פון שיללער'ס „קאַבאַלע און ליבע", צו נעמען פאַר דער האַנט נאָר איין ביישפּיל, איז געוואָרן „רייזעלע, אָדער זעליג-איציק דער כלי־זמר". מען האָט דאָס געטאָן, וואַרשיינלאַך, צו־ליב צוויי גרונדן (איך זאָג: „וואַרשיינלאַך", מחמת איך פּרוביר דאָ טרעפן): ערשטנס, ווייל אַן איבערזעצונג, ריכטיקער, אַן אי־בערפירונג איז שוין אויף דער אידישער בינע געווען. אין לאָנ־דאָן האָט מען שוין געשפּילט „קאַבאַלע און ליבע" אין דעם יאָר 1884; צווייטנס, ווייל איבערזעצונגען מיט גויאישקע נעמען זיי־נען ניט געגאַנגען אין ניו יאָרק, און לאָמיך דאָ, אגב־אורחא, זאָגן, אז דער עולם האָט א געזונטן אינסטינקט: אויב יאָ א אידיש טעאַטער, לאָז מען אונז געבן דעם אידישן לעבן אויף די ברעטער. דעם ניט־אידישן געפינען מיר אַנדערש־וואו.

גאָרדין, אָבער, ווען ער זעצט זיך אידישן ניט-אידישע פּיעסן, פילט ער, אז ווען ער איז שיללער'ס גייגער משנה־שם און רופט אים זעליג־איציק, מוז דאָס שוין ווערן א איד מיט אַלע קליפּערלאַך, און זיין קאַבאַלע און ליבע קומט שוין ארויס אַן אַנ־דערע, א אידישע פּיעסע, מיט אידישע טיפּן, מיט אידישע רייד און א בילד פונם אידישן לעבן.

און אין אָנהויב, אַזוי ווי דער נאָמען יעקב גאָרדין איז דעם

עולם נאָך אומבאַקאַנט, איז וויכטיק אויף די פּלאַקאַטן (פּאָסטערס) „דער גרויסער דייטשער דיכטער א. א. וו., א. אַ. וו. פרידריך פאָן שיללער"; מיט דער צייט אָבער ווערט גאָרדין מער און מער באַקאַנט און עס הויבט שוין באַלד אָן צו לוינען, אַז מען זאָל די פּיעסן האַלטן פאַר גאָרדינ'ס אָריגינעלע פאַרפאַסונגען. אויף דעם אופן ווערט אויף די פּאָסטערס שיללער'ס נאָמען קלענער און קלענער אין דרוק, ביז ער פאַרשווינדט ענדלאַך אינגאַנצן, און מען ציינט שוין אָן: רייזעלע, אָדער זעליג־איציק דער כלי־זמר, א דראַ־מאַן אין 5 אַקטן פון יעקב גאָרדין.

דער דאַזיקער ערגערט זיך, בייזערט זיך, הויבט דעם שטעקן (קיינמאָל ניט אַראָפּלאָזנדיק אים) און מוז אַם ענדע זיך אונטער־געבן. עס ווערט דערפון א מנהג און אַזעלכער, וואָס איז מעכטי־קער ווי א דין.

אים אָבער קוועלט דאָס.

ער האָט קיין מורא ניט פאַר א באַשולדיקונג אין פּלאַגיאַט: דעמאָלט איז די גענגערשאַפט אַזוי ווייט נאָך ניט געגאַנגען, אָבער ער איז ניט דער מענטש עטוואָס אַרויסצוגעבן פאַר זיינס, וואָס איז ניט זיין אייגענס, און ער הויבט אָן די פּיעסן צו געבן אַזעלכע נעמען, אַז עס זאָל ביי קיינעם ניט קענען מער זיין קיין שום ספק, אַז ער האָט געבאָרגט דאָ די אידייע, דאָרטן דעם סיוזשעט.

די נעמען „סאַפּאָ", „קרייצער־סאָנאַטאַ" און די אַנדערע זיי־נען פאַר די פּיעסן גאָר ניט נויטיק. ביי די דאָזיקע צוויי ספּע־ציעל ווייניקער נויטיק ווי ביי אַנדערע. ווען ער רופט זיי אַזוי, איז דאָס נאָר ווייל דאָס איז זיין גאַראַנטיע, אַז אויפן פּאָסטער וועט בלייבן אין דעם נאָמען גופא א באַווייז דערפון, אַז דער פאַרפאַסער האָט עטוואָס געבאָרגט ביי אַנדערע.

דאָס, וואָס מען וועט מיט דער צייט איבעראַל און אַלגעמיין פאַרשטיין, איז, אַז דעם דאָזיקן מאַנ'ס לעבן און ליידן און ווערק קענען אויסגעלייגט ווערן מיט די דריי אותיות פון דעם וואָרט א מ ת.

נאָך צערשטרייט האָט מיך די בוכהאַנדלונג מיט די ביכער

זייער, זייער ווייניק. עס איז שווער צו אַנטלויפן פון אים היינ־טיקע צייטן, כמעט אַזוי שווער ווי צו אַנטלויפן פון זיך אַליין.

מיר אַנטלויפן פון זיך

דער דאָזיקער געדאַנק גופא צערשטרייט מיך גראָד אויף אַ ווײַלע.

אַנטלויפן פון זיך! האַלטן מיר דען, אין גרונד גענומען, ניט אַלע אין איין אַנטלויפן פון זיך? און ווען מיר אַנטלויפן פון אַנדערע, אַנטלויפן מיר דען ניט פון זיך?

ווען מיר פּאַסן זיך צו צו די פאַרהעלטעענישן; ווען מיר בויגן אונזער ווילן, פאָלגענדיק דער מאַיאָריטעט; ווען מיר געדולדן זיך אין ערגעץ אַ פאַרלאַנג, כדי שפּעטער זאָל זיין בעסער, הגם דער „שפּעטער" קען, פיליכט, שוין קיינמאָל ניט קומען; ווען מיר קאַרגען אָפּ פון דעם היינט, כדי צו פאַרזיכערן דעם מאָרגן; ווען מיר לעבן ניט נאָך אונזער וואונטש, ניט נאָך דעם ווי דאָס האַרץ דיקטירט אונז; ווען מיר פאַרבויגן אונזער ליבע און דער־טרינקען זי אין וויין, אין אַ גוטן שדוך, אין קאָרטן, אין ביכער, אין לוסט־רייזן, אין פּאָליטישער טעטיקייט, אין קירכן און סי־נאַגאָגן, אין רייסעס, אויף דער בערזע און אויף טויזנט אַנדערע אופנים, הייסט דען דאָס ניט, אַז מיר אַנטלויפן פון זיך?

און ווען מיר דרוקן ניט דאָס, וואָס מיר שרייבן, און ווען מיר שרייבן ניט דאָס, וואָס מיר זאָגן, און ווען מיר זאָגן ניט דאָס, וואָס מיר דענקען, און ווען מיר דענקען ניט מיט ניכטערע, נאָר מיט שכור'ע, דורך וויין, ווייבער, ווייטאָג אָדער וואוילטאָג פאַרטויבטע, אין עסיג אָדער אין האָניג איינגעמאַכטע, דורך גליק־נעקטאַר, אָדער דורך אומגליקסגיפט געשטערטע געדאַנקען— אַנטלויפן מיר דען ניט פון זיך אַליין?

און ווען מיר דענקען יאָ אונזערע אמת'ע געדאַנקען, און זאָגן זיי און שרייבן זיי, און דרוקן זיי און פאַרברייטן זיי, אָבער דאָס קאָרמעט אונז ניט, דאָס קליידט אונז ניט, דאָס שוכט אונז ניט, דאָס הויזט אונז ניט, דאָס פאַרזאָרגט אונז ניט מיט יענעם קליי־

נעם לוקסוס, וועלכער איז אונזער גרעסטע באדערפעניש, און כדי דאס אלעס צו האבן, מאכן מיר אונזער עיקר־לעבן פון פאלשע אדער קאלירטע נייעס; פון געדיכטן, וואס דאס הארץ האט ניט דיקטירט; פון לייטארטיקלען, אין וועלכע מיר גלויבן ניט; פון ראמאנען מיט אזא ריח פון זיי, אז מיר מוזן צוהאלטן דעם נאז, זיי שרייבנדיק; פון וויסנשאפט, וואס — מען וועט אנטשולדיקן דעם ווארטשפיל — וואס ווייסט ניט און שאפט ניט; פון קונסט, וואס גייט אויף שטאלצעס; פון רעליגיע, אין וועלכער עס איז ניטא קיין נשמה; פון נשמות, אין וועלכע עס איז ניטא קיין רע־ליגיע און קיין ממשות; פון די דאזיקע און הונדערטער אנדערע זאכן, אלע פרעמד צו אונז, פרעמד און פאלש און העסלאך — הייסט דאס ניט אנטלויפן פון זיך אליין, פון דעם אמת'ן איך, פון דעם מענטשן אין אונז, ווי ער וואלט געקענט זיין, ווי ער איז, ביז מיר, זיך בויגנדיק אונטער די פארהעלטעגישן, מורא האבנ־דיק צו לעבן אונזער לעבן, צו שיינען וואס מיר זיינען, צו גיין אונזער וועג, ביז, זאג איך, מיר דערמארדן בידים דעם דאזיקן מענטשן אין זיך?

און ווען מיר פארקויפן פאר דעם שטיקל ברויט העגט פון א מאלער, אדער א סקולפטאר, אדער א מוזיקער, אדער א שרייבער צום האלץ־האקן, צום שטיינער־פירן, צום ציגל־ברענען, צום ביכער־האלטן, צום ארגעל־דרייען, צום שרייבן מליצה'דיקע אנאנסן פאר פראזאאישע סחורות, צום זעצן אין דרוקערייען אידיאט־סטווא בעת אונז ווילט זיך אליין עטוואס שאפן מיט אונזער איי־גענעם מוח, ווען מיר טוען הונדערט אנדערע אזעלכע זאכן — הייסט דאס ניט, אז מיר אנטלויפן פון זיך, אז מיר אפפערן גייסט און הארץ, געדאנקען און געפילן אויף דעם מזבח פון אונ־זער גוף, אז מיר אפפערן א קרבן־שלמים, אפפערן, כדי צו קענען האבן דאס שטיקעלע פלייש און דאס ביסעלע שמאלץ, וואס די כהנים לאזן איבער פאר אונז?

הייסט דאס ניט... דאך האלט!

נו, און ע ר?

ווען די צייט וועט קומען, און איר וועט אפשר לאנג ניט האָבן צו וואַרטן, וועל איך אייך ווייזן, אַז ער איז פון זיך אויך אָפּט און פיל געלאָפן, מער נישט ער איז פון יענע שטאַרקע נאַטורן, וואָס לאָזן אין אַלץ איבער א גרויסן טייל פון זיך, אפילו ווען זיי לויפן פון זיך אוועק.

אָי, עס ווערט שפּעט! דער זייגער איז באַלד דריי.

איך גיי אַרוים אין קאָס, פון דער ביכער־אַטמאָספערע און דער אַטמאָספערע פון ביזנעס — ביזנעס סיי אין די קראָמען, ס ייאויף די ווענעלאך אין גאס, סיי אויף די „סטענדס" אין די ווינקלען פון די קוועך־גאַסן, סיי אין די הערצער פון די אַלע קרעמער און הענדלער, און מוכרים און קונים.

ער און זיין פאָלק

גייענדיק דורך גרענד סטריט, בליק איך ניט ווילנדיק אַרונטער אין די קוועך־גאַסן, דאָס הייסט, אין א פּאָר פון זיי צו ועסט צו.

היינט איז דאָ ווייניקער ביזנעס אין דעם אידישן קוואַרטאַל פון ניו יאָרק: דאָס איז דער צווייטער טאָג שבועות. פונדעסטוועגן איז די „גרויסע גאַס" גופא פול מיט מסחר, אָבער מסחר אָדער ניט מסחר — די גאַסן זיינען שמוציק, אָנגעוואָרפן מיט שטיקלאך פּאַפּיר און שטיקלאך האָלץ; מיט שאָלאכץ פון באַנאַנעס, פון אָפּעלסינען, פון אייער; מיט נעכטיקע צייטונגען און א היינטיקן קעציש ן בר־מינן ערגעץ אין א רינע. די דאָזיקע גאַסן, איבערהויפּט קלינטאָן סטריט, סאָפאָלק סטריט און עסעקס סטריט זעען אוים ווי גרויסע, לענגלאכע מיסטקאַסטענס, וואו די אָנגעקליבענע זאכן זיינען ניט הויכע מיסטהויפנס, ווייל די קאַסטענס זיינען גערוימיק און דער ווינט יאָגט פאַנאַנדער די אָנגעוואָרפענע זאכן און צעשפּרייט זיי און צעזייט זיי.

אָ, ווי דאָס קרענקט א י ם!

ער, בטבע, א זויבערער, ציכטיקער מענטש, פלעגט אָפּט רויט ווערן פאַר זיין פאָלק, פאַרגלייכנדיק אונזערע אידישע גאַסן

מיט די ניט־אידישע אפילו דאָ אין ניו יאָרק אליין. אין פיל פון זיינע דראַמען לערנט ער זיי דרך־ארץ, ציכטיקייט, זויבער־קייט, ארויסרופנדיק שפּאָט און עקל פאר דער אומריינקייט אין און ארום די אידישע הייזער, אויפשטעלנדיק אין קאָנטראַסט א מירעלע אפרת, למשל, געגן א נחומצע־חנה־דבורה׳ס, אָדער די ניט אידישע לאַנד־הייזל געגן דער אידישער. אין דער פּיעסע „ווארהייט“.

און ווי אין דעם פּרט אזוי אויך אין פיל אנדערע ציינט ער דעם אידן זיין האנדל און וואנדל, ציינט ער אים אלץ, וואָס אין אים איז גייסטיק און קערפּערלאך ניט שיין און ניט גלייך.

און דערפאר, פאלט מיר איצט איין, ווערט ער אָפט גערופן אנטיסעמיט. ווער ווייסט — אפשר האָבן זיי פארצייטן אזוי גע־רופן אמוצ׳עס זון ישעיה, אים און ירמיה׳ן און עמוס׳ן און די אנדערע חברה, וועלכע האָבן ניט נאָר אליין געזען די חסרונות פון זייער פאָלק, נאָר האָבן די דאָזיקע חסרונות אויפגעדעקט פאר דער גאַנצער וועלט, האָבן זיי פאַנאַנדערגעגלידערט און דורכ־געליפטערט און קלאָר־געשטעלט אין זייער נאַקעטער העסלאַכ־קייט.

דערפאר, ווייל ער ליבט זיי.

און זיי, די, וועלכע ער שמייסט דאָס אזוי „מיט בייטשן און מיט סקאָרפּיאָנען“, ליבן אים און אכטן אים און ווייזן איצט זייער ליבע און אכטונג צו אים ארויס יעדן טאָג, בעת די קאָנ־סערוואַטיווע „יודאָפילן“, אזוי ווייניק געאַכטעט ווי אמאָל די נביאי־הבעל, זיינען געצוואונגען זיך צו באַשעפטיקן מיט זיין קראַנקהייט, זיך צו אינטערעסירן מיט זיין דערלעבטער צור־קונפט, מיט זיין ניט־אויסגעלעבטן לעבן, מיט זיין ניט־געענדיק־טער ארבעט, ווייל דאָס פאָלק, אויף וועמענס קאָרק זיי זיצן, פון וועמעס פלייש זיי קאָרמענען זיך, פון וועמעס בלוט זייערע באַקן זיינען רויט, — דאָס דאָזיקע פאָלק פארלאַנגט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין יענעם צימער פון ברוקלין, וואו ער ליגט א פאר־משפּט׳ער צום טויט.

ער איז געווען א באַנבּרעכער אין זיין גאַנצער טעטיקייט, דורך זיין גאַנצער קאַריערע. ער איז א מענטש מיט א מיסיע, מיט א ציל פאַר זיך, אָבער כל־זמן ער דערפילט זיין מיסיע, איז אים ניט וויכטיק דער וועג — צי דער, צי יענער. און אַזוי ווי ער קלייבּט ניט און ווילט ניט, ניט אין דעם פּרט פון וועג, ניט אין דעם פּרט פון מיטלען, אָדער פאַרגעציייג, צי ער רייט, צי ער פאָרט, צי ער באַנוצט אין זיין פּראָגרעם פּעדערקראַפט, דאַמפּ-קראַפט אָדער עלעקטריציטעט, — אַזוי ווי דאָס אַלעס אינטערעסירט אים זייער ווייניק, קימערט ער זיך אויך ניט אַרום די פאַרשידענע „איזמען", קיינעם פון זיי ניט פאַראַכטענדיק און קיינעם ניט פאָלגנדיק.

ער זאָגט: מיין ציל איז פרייהייט און גערעכטיקייט, מיין פאָלק איז מיר נעענטער ווי אַנדערע פעלקער, און איך פאַרלאַנג פרייהייט און גערעכטיקייט, צווישן אַנדערע און צווישן אַלע, הויפּטזאַכלאַך פאַר מיין פאָלק. בּכדי אָבער, אַז דער איד זאָל קענען באַנוצן די פרייהייט און דערגרייכן די גערעכטיקייט, מוז ער זיין זויבּערער, מוז ער זיין ערלאַכער צו זיך און צו אַנדערע, מוז ער זיינע מיט־מענטשן ניט אָפּשטויסן פון זיך דורך אינערלאַכער קרומקייט, אָדער דורך אויסערלאַכן שמוץ.

וואו דער שפּאַניער־קעניג, פיליפּ דער צווייטער, זאָגט: „שטאָלץ וויל איך דען שפּאַניער!" (נוסח שיללער), דאָרטן זאָגט גאָרדין: „ריין זאָל מיר זיין דער איד!"

איז ער גערעכט? איז ער אומגערעכט? — דאָס איז אין דעם דאָזיקן אויגנבּליק ניט וויכטיק צו אונטערזוכן, וויל די הויפּטזאַך איז דאָס, צו וואָס איך קום איצט:

דער אידישער רום אין אַמעריקע

ניט קלייבּנדיק ניט דעם וועג, ניט די מיטל, גייט ער צו זיין ציל, פאָלגנדיק אַן אינערלאַכן דראַנג. אַזוי ווי דער וועג איז ניט אומעטום אַן אויסגעטראָטענער, אַזוי ווי דעם וועג מוז ער ערטער־

ווייז ערשט פאר זיך מאכן, דורכברעכן, איז דער פועל־יוצא דער־פון, אז ער מוז, גייענדיק, דאָ צעטרעטן אַ ווילדן געוואוקס, דאָרטן פאַנאַנדערטרייבן אַ כאַליאַסטרע פון מוראַשקעס, אַמאָל אפילו אריינשפרייזן אויף אַ מאָמענט אין אַ זומפּ.

אָבער דאָס איז ניט אַלעס. זיין גאַנג צום ציל איז ניט דורך אַ ווילדערניש, נאָר דורך מענטשן־מאַסן באַזעצט אין גרופּן און קלאַסן דאָ און דאָרטן אויף זיין וועג. און גייענדיק און צו זיי רעדנדיק, דערביי זיך תמיד מאַכנדיק אַ וועג, קומט אים אויס דאָ אַרויפצוטרעטן אויף אַ נאַגניאָטקע, דאָרטן אימיצן צו טאָן אַ שטויס אין עלנבויגן, דעם — אין וועג — צו האַסטיק אויפצור־וועקן, יענעם — פאַרמויערט אין זיין פאַרטיי, אָדער קלאַס — צו דערלאַנגען אַ צו האַסטיקן שטופּ.

די דאָזיקע אַלע ווערן אים שונאים, מחמת ער האָט זיי גע־שטערט, ער האָט זיי געשטויסן, ער האָט זיי וויי געטאָן, בעת זיין ציל זענען זיי ניט און זיין מיסיע פאַרשטייען זיי ניט.

און דאָ קומט אים אויס צו טרעפן זיך מיט אַן אַנדער סאָרט ברואים אויף זיין וועג צו זיין ציל. דאָס זיינען די מענטשן פון דעם הערשנדיקן קלאַס דאָס אין לאַנד, די וואָס מען רופט אַמע־ריקאַנער.

זייער רעפּרעזענטאַנט איז רוזוועלט, פאַר וועלכן לעאָ טאָל־סטאָי איז אוממאָראַליש; זיי האַלטן, אַז ליבעס־לוסט איז אַ חטא, און אויב מען קען ניט — און זיי אַליין קענען ניט — גובר זיין די זינדיקע פליישׁ אין זיך, טאָ זאָל מען, לכל־הפחות, דער־פון ניט רעדן. און אפילו אויב עס איז אמת, אַז אויף לאָ תנאָף זיינען עובר במחשבה אַלע, און במעשה כמעט אַלע, איז דאָס אַן אמת, וואָס דאַרף ניט ראַויסקומען דורך טינט מיט אַ פעדער אויפן פּאַפּיר. און טאָמער באַווייזט ווער, אַז די „פּאָליציי־ווידריקע“ פּראָסטיטוציע בליט און פּרוכפּערט זיך אין אַלע פיר ווינקלען פונם לאַנד און אינם צענטער אויך, נו, לאָז עס זיך באַווייזן, אָבער, למען השם, ניט אין ראָמאַנען, ניט אין דראַמען, ניט אין סקיצן. און טאָמער איז ברודער־ליבע און שוועסטער־ליבע אין

די מייסטע פאַמיליען א פּוסטע פראַזע; און טאָמער לעבט מען אין 999 זווגים ווי א קאַץ מיט א מויז; און טאָמער איז עס טאַקע א פאַקט, אז אין די מייסטע פאַמיליענבעטן ליגן און שלאָפן פרעמדע מענטשן פארבונדן דורך א הרי את מקודשת — טאָר מען דאָס אַלעם זיך אַליין ניט דערציילן, טאָר דאָס דער צונג ניט זאָגן דעם אויער, כדי דער פּנים זאָל ניט רויט ווערן פון דעם הארצ'ס מעשים תעתועים.

פאַר די דאָזיקע אַמעריקאַנער ענדיקט זיך יעדע ליבע גליקלאַך, ווערט יעדער פארברעכער אַנטדעקט און באַשטראָפט, ווערט תמיד די גוטע טאַט באַלוינט מיט גאָלד און לאַנגע יאָר, איז דאָס וואָס איז שעדלאך תמיד העסלאַך, קומט דער זינדיקער, וואָס נעמט ניט איין א מיתה משונה, צוריק צו זיין בורא — קומט דאָס אַלעם פאַר און אויס, פּילייכט, טאַקע ניט אין לעבן, יעדנפאַלס אין סקיצן און אין דראַמען און אין ראָמאַנען.

און דאָ טרעפט ער, גאָרדין, זיך צוזאַמען מיט די דאָזיקע גוטע און פרומע מענטשן און ער שרעקט זיי אויך איבער מיט זיין אומפארהילטן אמת, מיט זיין שפּיגל, אין וועלכן זיי דערזעען זייערע אייגענע פּנימ'ער איידער זיי פאַספּייען אויף די דאָזיקע פּנימ'ער אַנצוטאָן א פרומען שמייכל, א גוטן בליק, א האַרעלע רחמנות אין די ליפּן, אביסעלע אומשולד, אביסעלע צניעות, אביסעלע געטלאַכקייט צו פארשטעלן די מענטשלאַכקייט.

און ער מאַכט זיך נייע שונאים.

זייערע גאַסן זיינען ריין פון באַנאַנאַ־שאָלאַכץ, פון שטיקער ציימונג, פון נפטר־געוואָרענע קעץ, אָבער זייערע הערצער זיינען נאָך ווייניקער ריין ווי די אידישע; זייערע מאַגנס זיינען ביר־און־בראַנפן־סקלאַדן; זייערע מוחות זיינען אָנגעשטאָפּט מיט פערד, וואָס לויפן, מיט פּילקעס, וואָס פליען; זייערע ליפּן באַוועגן זיך מיט צירלאַך־מאַנירלאַכע קאָנווענציאָנעלע פראַזן, — יעדע פון זיי גענומען אויף פראַקאַט, אָדער אימפּאָרטירט פון דעם מוזיקהאָל; זייער קוש איז א סאַניטאַריש־היפּאָקריטישער און זייער האַנט־דרוק אזוי ווייניק ממשות'דיק ווי דער מלקות־שלאָגן ערב

יום־כפור ביי אידן; זייער הכנסת־אורחים איז א צערעמאָניע באַ־שרענקט און באגרעניצט פון אלע זייטן מיט אלערליי דינים פון דער עטיקעטע.

און דאָ קומט ע ר און וויל זיי ווייזן ווי זיי זעען אויס, אָבער זיי קערן זיך אָפּ פון אים. זיי האָבן ליב אידן אזעלכע, ווי דער גרויסער קליין און אנדערע, וואָס „קענען זיך צופּאסן", וואָס טוען אָן אַן ענגן אמעריקאנישן פּידזשאַק אויף אַ אידישן קרומען רוקן און פילן זיך אַ מחיה!

אים, גאַרדינ'ען, ווילן זיי ניט קענען, אָדער זיי ווענדן זיך פון אים אָפּ, אויב זיי קריגן אים יאָ צו קענען. דאַן, ווי געזאָגט, קריגט ער נייע שונאים.

אָבער דורך די אידישע אָדער אמעריקאנישע גאסן גייט ער זיך זיין וועג, נאָכאנאַנד ארויפטרעטנדיק אויף הינער־אויגן, נאָכ־אנאנד איבערשרעקנדיק רואיקע, פרידלאכע, געזעצלאכע בּרואים.

דער דאָקטאָר, איך און דער שד

אין סוארד פּאַרק זע איך אַן אומגעהויערע מאסע קינדער, לויפנדיק, זיך שפּילנדיק, זיך „גליטשענדיק" אויף רעדלאך, זיך ווינגנדיק, ווארפנדיק פּילקעס און אויף פיל אנדערע אופנים לעבנ־דיק אַ גוטן טאָג.

און מיר קומט ארויף אויפן זין, אז ע ר האָט ליב קינדער אויף אַ מערקווירדיקער אָרט. ער קנייפּט זיי, צום ביישפּיל, ניט, ווי דאָס טוען אנדערע ליידנשאפטלאכע ליבהאָבער פון קינדער,— איינער אזעלכער איז געוועזן מיין פאָטער. ער קושט זיי נאָך ווייניקער, אָבער ער רייצט זיך מיט זיי. ער שרעקט זיי איבער.

מיט עטלאכע חדשים צוריק האָב איך אים געכאפּט, איבער־שרעקנדיק אַ קינד, און האָב אים מתרה ומודיע געווען, אַז אויב איך וועל זיך מיט אים ווען־עס־איז צעקריגן, וועט דאָס זיין צו־ליב אַ קינד, וועלכעס ער וועט אויף אַזאַ'ן אופן ליבן. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַ שלעכטע געוואוינהייט.

דערביי ליבט ער קינדער, ליבט זיי פּיליכט ניט ווייניקער, ווי איך אליין. ווי קומט דאָס?

עס אונטערברעכט די דאָזיקע געדאַנקען א מאַן, וועלכער זאָגט מיר, אַז אימיצער ווארט אויף מיר אין דעם אָפיס פון דער „ווארהייט".

דער מאַן נעמט אוועק א סך צייט פון מיר און דאַן געפין איך אינם אָפיס ארבעט, מיינע געבענטשטע־פארפלוכטע ציפערן, וועלכע זיינען אי מיינע ברויט־געבער אי מיינע גיפט־מישער, אי דער קוואַל פון מיין אומאָפּהענגיקייט, איר די גרוב, וועלכע פארשלינגט מיינע בעסטע קאָפּ־ארבעטס־שטונדן, — און שלינגט און ווערט ניט זאַט.

און דערווייל גייט די צייט. עס איז שוין ארום 5 אזייגער און ע ר גייט מיר ניט ארויס פון די געדאַנקען. איך לייען, איך רעד, איך ארבעט, איך גיי און שטיי און זיץ, און תמיד איז ער אין מיינע רעיונות: צווישן די שורות ציפערן, צווישן די ווערטער אין מיין געשפּרעך, צווישן דער טיי און דעם צוקער ביים גלאָז, צווישן דעם זופּ און די ליפּן ביים טרינקען... אזוי פילט מען אין דער ערשטער ליבע, אזוי פילט מען נאָך דעם ערשטן גרויסן פארלוסט אין לעבן. און ער, דאַכט זיך, לעבט נאָך...

איך גיי ארונטער אינם קאַפע־סאַלון. מיינע אויגן זוכן איינעם פון די דאָקטוירים, וואָס גייען צו אים. אים געפין איך דאָרטן כמעט יעדן טאָג ארום דער דאָזיקער צייט. ער איז דאָ.

מיר רעדן פון אַלע גלייכגילטיקע זאַכן אין דער וועלט — און וואָס איז היינט ניט גלייכגילטיק? — מיר פּרובירן זיך נאַרן, אַז מיר זיינען ווירקלאַך אינטערעסירט אין דעם געגנשטאַנד פון אונזער געשפּרעך, אָבער עס גייט ניט. דער אמת איז, אַז מיט דעם מאַן ווילט זיך מיר ניט רעדן וועגן גאָרדינ'ען. ער איז אליין אַ שוואַכער מענטש און ער ליבט אים, דאָס ווייס איך. ער, ווי־דער, ווייסט מיין ליבע צום קראַנקען. מיר ווילן איינער דעם אַנ־דערן שאַנעווען. מיר ווייסן ביידע, אַז דער פּראָצעס איז פארלוירן; דער „פּריגאָוואָר" איז: טויט; אַז קיין אַפּעלאַציע קען דאָ ניט זיין,

ניט קיין באַגנאַדיקונג פון אויבן; אז דער פאַראורטיילטער וואָלט אפילו ניט אַפּעלירן, ווען עס וואָלט זיך געלוינט, און אַז עס לוינט ניט.

און אַזוי רעדן מיר וועגן אַלץ, וואָס אונז קימערט ניט פיל מער ווי די שלאַכט ביי קעניגגרעץ, בעת דער איינציקער געגנשטאַנד, וועלכער האַלט אונזערע ביידנס מוחות און הערצער ווי אין אַן אייזערנער פויסט, ווערט פון אונז ביידן פאַרמידן.

מיר ביידע פילן די פאַלשקייט פון אונזער ערלאַכן מיטלייד פון איינעם פאַרן אַנדערן. צו־וואָס זאָלן מיר זיך געגנזייטיק אַנטאָן די יסורים און רעדן, וואו קיין רייד אין דער וועלט וועט שוין מער ניט העלפן? און אַזוי רעדן מיר וועגן גלייכגילטיקע זאַכן.

פונדעסטוועגן פילן מיר ביידע ערגעץ־וואו הינטער אונז אַ קול פון אַ שד, וואָס מישט זיך אריין אין דעם געשפּרעך, און פאַרטייטשט ריכטיק אונזערע אמת'ע געדאַנקען.

למשל:

ע ר: ווי געפעלט אייך די נייעס פון פעטערבורג?

א י ך: איר מיינט וועגן דובראָווינ'ען?

ד ע ר ש ד: ע ר האָט היינט געשפּיגן מיט בלוט און די טעמפּעראַטור איז 103.

ע ר: שטעלט זיך נאָר פאָר! דובראָווין זאָל האָבן געדונגען שוואַרצע־מאה'ניקעס צו דערמאָרדן דר. הערצענשטיין.

א י ך: דאָס, מיינט איר, ברענגט קלאָר אַרויס די אינטערפּעלאַציע אין דער דומאַ?

ד ע ר ש ד: אָרימע, אָרימע פרוי! זי האָט נאָך נעכטן גערעדט וועגן דעם, וואָס זי וועט טאָן, ווען ער וועט געזונט ווערן... זיין טאָכטער נעטטיע אויך...

ע ר: פּראָפעסאָר מיליוקאָוו האָט אין זיין רעדע...

ד ע ר ש ד: געוויכט פאַלט אָפּ, בלוט באַווייזט זיך און דער הוסט פאַרמוטשעט אים.

א י ך: מיליוקאָוו, זאָגט איר?

ד ע ר ש ד: דר. ה. זאָגט, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון וואָכן, אפשר טעג.

ע ר: יע, פּראָפעסאָר מיליוקאָוו, דער פירער פון די קאַ-דעטן...

ד ע ר ש ד: און אויב דער סוף איז אַזוי נאָענט...

א י ך: וואָס זאָגט איר וועגן פּראָפעסאָר מיליוקאָוו?

ע ר: זיין רעדע האָט אויפגעהויבן אַ שטורם ביי די רעאַק־ציאָנערע דעפּוטאַטן אין דער דומא.

ד ע ר ש ד: אויב דער סוף קען קומען יעדן טאָג, טאָ וואָס העלפט...

א י ך: רוסלאַנד איז אינגאַנצן פאָרט ניט טויט. אָט איז, לכל־הפּחות, דאָ וואו צו אינטערפּעלירן.

ד ע ר ש ד: ! ! !

איך פאַרשטיי אַליין ניט, וואָס ער זאָגט, וואָס מיין פריינט זאָגט, וואָס איך זאָג... אָט זיצן מענטשן און מולירן איינער דעם צווייטן.

ער שעמט זיך מיט זיין גוטסקייט

אַ אינגעלע, אַלט אַ יאָר זיבן, איז מיין ליפעראַנט פאַרן „קאָל“, וועלכן ער ברענגט מיר יעדן טאָג. דער סוף־מיי־נער האָט אַ פּאָר שיינע קלוגע אויגן, און יעדעס מאָל ווען איך נעם ביי אים די צייטונג, פאַרהאַלט איך אים אויף אַ מינוט איידער איך באַצאָל אים, כדי אַ בליק צו געבן אויף זיין ליבי, קלוגן פּנים׳על. אָפט, ווען איך בין ניט פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך, באַטראַכט איך אים עטוואָס לענגער און פרעג אים ערגעץ אַ פראַ־גע, כדי צו הערן זיין קול׳כעלע.

היינט צאָל איך אים פאַר דער געקויפטער סחורה און, קו־קענדיק אויף דעם אינגל, קלער איך: וואָרום זאָל ע ר הנאה האָבן פון שרעקן קינדער?

וואָרום? ווייל איך ווייס, אַז ער ליבט זיי... אָבער האַלט! דאַכט זיך, ער רייצט זיך גערן מיט מענטשן בכלל. ער האָט ליב

איבערצושרעקן דערוואַקסענע אויך. איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיך אָנגענומען צו מאַכן, אַז אייניקע אונזערע ביידנס באַקאַנטע דאַמען, וועלכע זיינען געווען אין איין זומער־האָטעל מיט אים אויפן לאַנד, זאָלן פאַר שרעק אַרויס־שפּרינגען פון די בעטן, הגם ער האָט זיי דערויף פאָרבאַרייטעט, און האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיין אין קאָרידאָר לעבן זייערע צימערן. זיי האָבן זיך געכוואַטעוועט און האָבן געזאָגט, אַז ער וועט דאָס אין לעבן ניט קענען. ניט געברויכנדיק קיין אַנדער מיטל ווי זיין שטימע, האָט ער אויסגעפירט. ערשט אַ מינוט שפּעטער האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז אין קאָרידאָר זיין קול און נאָר אַ שפּאַס... און ער האָט זיי דערביי אפילו ניט גע־שראָקן מיט פייער, גנבים אָדער ענלאַכע זאַכן.

און איך דערמאָן זיך איצט, אַז ער האָט גלאַט האָלד צו שטיפן, צו איבעראַשן מענטשן, צו געבן אין שפּאַס אַ קלאַפּ, צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ מין (אידישן) גזלן, צו זאָגן שטאָכ־ווערטלאַך, צו געבן צווייפלהאַפטע קאָמפּלימענטן א. א. וו.

ווי קומט דאָס, פרעג איך ביי זיך?

איך האָב אייך געזאָגט: „די דאָזיקע דריי־אייניקייט פון נאַט, מענטש און טייוול געפינט זיך אין יעדן מענטשן און איז קלאָר און זיכטבאַר פאַר אַלעמען אין די גרויסע מענער, ספּע־ציעל אין א י ם“.

עס איז געקומען די צייט עס דייטלאַכער צו מאַכן.

אין דעם דאָזיקן מאַן זיצט אַ מעפיסטאָפעל, וועלכער פּראָ־טעסטירט בסדר געגן דער אומענדלאַכער גוטסקייט פון דעם מ ע נ ט ש ן אין אים. ביי מעפיסטאָ׳ן קומט אויס, אַז גוט זיין איז, ערשטנס, ניט פּאַסענד פאַר אַ מאַן, וואָס איז אַ מאַן; און, צווייטנס, אַז גוטסקייט איז שלעכטע פּאָליטיק, מחמת זי ווערט מיסברויכט פון סקרופּעללאָזע מענטשן. צווישן דעם גוטן און דעם בייזן פּרינציפּ האַלט דער גאָט אין אים דאָס גלייכגע־וויכט — ער, דער שאַפנדיקער גייסט, וועלכער קימערט זיך ווייניג ווענן גוטס און שלעכטס, ווייל זיין עסק איז שאַפן, טאָן,

ווירקען און פּראָדוצירן — לאָז דערפון ווערן וואָס עס וויל, צו אים איז דאָס ניט שייך.

געוויינטלאַך זיגט ביי אים דער גוטער פּרינציפּ, אָבער ערשט נאָך אַ קורצן קאַמף.

דער ערשטער אימפּולס איז ביי אים תמיד גוט, תמיד! דאַן רעדט מעפיסטאָ אריין אַ וואָרט. שעמט זיך דער מענטש פאַרן שד. ווערט ער, דער בעל־דבר, שטייף און הארט, מיט דעם ראָק פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלאַך און דאָס הארץ געשטעלט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. „קיינע דומהייטן מאכן!" איז די פּאַראָלע.

דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. באַלד פּלאַצן אין ראָק אַלע קנעפּלאַך, די וואך ווערט ארונטערגענומען פונם הארצן, מעפיסטאָ בלייבט אַ נאַר, דער יצר־טוב קומט ארויס דער זיגער.

מאָל פאַר מאָל די זעלביקע זאַך.

איך וואָלט דערפון געקענט דערציילן פאַרשידענע כאראַק־טעריסטישע אַנעקדאָטן. איך פויל זיך. לאָמיך גיין ווייטער.

אזא קאַמף קומט פונדעסטוועגן נאָר פאָר ביי אים אין וויכ־טיקערע זאכן, — אזא קאַמף און אזא אויסלאָז.

וואו עס קען אזוינס ניט פאָרקומען, דריקט זיך אוים ביי אים אַ גוטער וואונטש אין אַ שטעכעדיקער פאָרמע, די גרעסטע באַשיידנהייט אין דער געשטאַלט פון בלומר'שט באַרימעריי, אַ גליקוואונטש מיט אַ סאַרקאַסטישן קיצל גלייך דערביי, אַ טובה מיט די הענט באַגלייטעט פון אַן איראָנישער באַמערקונג מיטן מויל.

רק שעמט ער זיך צו טאָן גוטס און טוט. ער וויל אויסזען שטאַרק און טוט דערצו אָן די מאַסקע פון אַ בייזן. אמאָל גיט עס זיך אים איין צו שפּילן זיין ראָלע — דער בייזער פּריץ מיטן גרויסן שטעקן — מייסטענס ניט. די האַרטקייט, וואָס ער שלעפּט אויף זיך ארויף, פאַרשווינדט אזוי ווי צעשמאָלצן פון דער וואַ־רימקייט פון זיין גרויס גוט הארץ. די כמארע, מיט וועלכער אים געלינגט אויף אַ ווײַלע צו פאַרציען זיין געזיכט, האַלט זיך נאָר ביז דעם ערשטן ליכט־שטראַל, וואָס פאַלט אויף אים פון

זיינע גרויסע אויגן. די דיקע ברעמען איבער זיי שיינען צו זיין אַן אוועקגעשטעלטע וואַך, כדי די דאָזיקע אויגן זאָלן ניט אומגע־שטערט אָפּשפּיגלען די גאַנצע אינערלאַכע גוטסקייט פון זיין הארצן, אָבער אַ ליכטשטראַל באַווייזט זיי צום גוטן.

ער שעמט זיך צו טאָן גוטס און אויסצוזען אַ גוטער. דער־פאַר נעמט די גוטסקייט זיינע אָן די פאָרמע פון שטרענגקייט אפילו אין זיין אומגאַנג מיט קינדער.

איך האָב אַ מינוט צוריק געזאָגט, אַז איך האָב צו דערציילן אייניקע כאַראַקטעריסטישע אַנעקדאָטן וועגן אים. לאָמיך זיך ניט פוילן און אייך דערציילן כאָטש איינעם פון זיי.

„וואָס מענטשן קענען זיך דערלויבן, — דערציילט ער מיר מיט אַ האַלב יאָר אָדער עטוואָס מער צוריק — אָט קלינגט מען אָן ביי מיר היינט פאַרטאָג . איך שפּרינג אַרויס אין אַ כאַלאַט: איך מיין עס ברענט.

„הערסט! אַ לאַנדסמאַן, אַ יעליסאָוועטגראַדער. אַ חוצפּה אַבּיסל!"

ווי ער דערציילט דאָס מיר, ווערט זיין פּנים פאַרצויגן ווי מיט אַ וואָלקן. איך זע, אַז ער ווערט אין כעס. „ווירקלאַך, גע־ווים, אַ חוצפּה" — טראַכט ער ביי זיך. ער דערציילט ווייטער:

„וואָס וויל ער? נו, אימיצער, אַ פריינט, איז געשטאָרבן, דאַרף מען הונדערט דאָלאַר! עס שיטן זיך הונדערטער! אַ מי־ליאָנטשיק!"

דאָס וואָרט עראינערט מיך אָן אַ סך מעשה'לאַך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון גאַליציען, וואו מען האָט ביי אים פון אַלע זייטן געשנאָרט, אים האַלטנדיק פאַר אַן אַמעריקאַנער „מיליאָנ־שטשיק".

ער איז דערווייל שוין גוט בייז. איך האָב געוואוסט, אַז פינאַנציעל איז זיין לאַגע גראָד דאַן ניט געווען זייער גלענצענד. איך דערוואַרט צו הערן, אַזער האָט דעם מאַן גענומען פאַרן כאַ־כאָל און אַרויסגעוואָרפן. ער שווייגט.

— נו, פרעג איך, האָסטו אים געגעבן די הונדערט דאָלאַר?

— מכות! — שרייט ער אויס, — האָב אָפּגעדונגען צוואַנ־ציק, געגעבן אכציק, מער ניט אַ פּעני.

דאַן האָט זיך אויף זיין פּנים געוויזן אַ גוטמוטיקער, צו־פרידענער, מענטשנליבנדיקער שמייכל.

דער פאַרשוואונדענער קוואַרטאַל

פון קאַפע-סאַלון בין איך אַרויסגעגאַנגען אַ פערטל נאָך 6. אַרויף קאַנעל סטריט צו דער בויערי צו בין איך געגאַנגען צום סאַבוויי. אויפן וועג, ביי דעם פּלאַץ, וואָס איז אָפּגערייניקט גע־וואָרן, כדי צו מאַכן אַ וואַרע פאַר דעם נייעם בריק צו ברוקלין, פאַרטראַכט איך זיך. דורך קאַנעל סטריט און דיוויזשאָן סטריט, און איסט בראָדוויי און הענרי, און מעדיסאָן, און מאַנראָו, און טשערי סטריטס זיינען גאַנצע בלאָקס אַרונטערגענומען געוואָרן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם דאָזיקן בריק. אַ גאַנצע שטאָט, — אפשר אַ שטאָט פון וועלכע־ניט־איז 50 ביז 60 טויזנט איינ־וואוינער איז אַראָפּגעראַמט געוואָרן. דאָס אַלטע, הייסט עס, מוז גיין, כדי מעגלאַך צו מאַכן דאָס נייע. דאָס אַלטע מעז זיין וועד וויסט ווי איינגעפּונדעוועט, דערין מעגן זיין אַלטע, פיינע בנינים, גרויסע געשעפטן, קאַפעס, אין וועלכע עס האָט אַמאָל געלעבט און געקאָכט, צייטונגס־געביידעס, וואו מען האָט אַמאָל געקערט וועלטן — נאַטירלאַך ניט אויסקערנדיק, ניט איבערקערנדיק: זיי, די וועלטן, ניט רייניקנדיק און ניט רעוואָלוציאָנירנדיק, אָבער דרור־קענדיק יאָרנלאַנג אידישע בלעטער. אַלעס פאַרשוואונדן!

פּנו דרך!—האָט מען געזאָגט, און דאָס אַלטע איז פאַר־שוואונדן ווי דורך אַ מאַגישן קונץ. און וואָס וועט אויפטאָן דאָס נייע? וועט עס ווערט זיין, אַז מען זאָל דערפאַר האָבן אַזוי פיל מענטשן אַרויסגעקרוישקעט? אַזוי פיל געביידעס אַרונטערגע־ריסן? אַזוי פיל אַלטע איינגעפירטע געשעפטן פאַרניכטעט? וועט עס ווערט זיין? פיליכט. זיכער איז, אַז דער נייער בריק איז אַ נויטווענדיקייט.

דערוויילע אָבער פעלט מיר א טייל פון די אַלטע בנינים, וועלכע איך האָב געקענט אויף דעם גרויסן בלאָק צווישן קריסטיע סטריט און דער בויערי. וואו איז דער רעסטאָראַן, אין וועלכן טויזנטער און טויזנטער זיינען דורך פיל ווינטער-נעכט געקומען נאָך אַן „ערנסטער נאַכט" אין טעאַטער, וואו גאַרדינ'ס דערפאָלגן און דורכפאַלן זיינען געפייערט אָדער באַדויערט געוואָרן?

און איך עראינער זיך דאָ, אַז יעדעס מאָל, ווען די פאָרשטע־לונג איז געווען צו־ענד, און מיר פלעגן צוריקקומען פון טעאַטער צו יענעם רעסטאָראַן און ער, דער גרויסער, שיינער מאַן, די צענ־טראַל־פיגור אין דעם צימער, פלעגט זיצן דאָ מיט איין גרופע, דאָ מיט אַן אַנדערער פון פריינט און פאַרערער... שטענדיק דער זעלביקער, רואיקער, שטאָלצער מאַן. ער היצט זיך ניט מיט אויפרעגונג און ערגער, ווען ער פאַלט דורך, ער איז ניט צעטומלט אָדער צעהיצט פון פרייד איבער א דערפאָלג.

ער איז צו שטאָלץ ארויסצואווייזן, וואָס ער פילט, סיי ווען ער איז גליקלאַך, סיי ווען ער איז אומגליקלאַך. איר רעדט מיט אים און ער ענטפערט: יאָ, ניין. אויב ער רעדט איבערהויפט, איז דאָס איבער גלייכגילטיקע זאַכן.

מער ווי דאָס.

איר קומט מיט אים צוריק פון טעאַטער און מען האָט אים נאָר־וואָס געגעבן א וואונדערבארע אָוואציע. ער איז ניט גליק־לאַך. ער האָט געפילט ווי גראַד דעם מאָל איז זיין ווערק גע־מאָרדעט געוואָרן פון יענע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן ניט געהאַט אויסגעלערנט זייערע ראָלן. אויף דער אידישער בינע ווערן די רעפעטיציעס אָפט געמאַכט פאַר געפאַקטע הייזער, גוט באַצאָל־טע, און מען רופט עס ערשטע פאָרשטעלונגען. נו, דער דער־פאָלג איז געווען א ריזיקער, מען האָט אים גראַטולירט פון אַלע זייטן, אָבער ער איז ניט געווען גליקלאַך.

דאָגעגן האָט אָפט פאַסירט, אַז ווען א פיעסע איז מיזעראַבל דורכגעפאַלן און מען האָט אים געוואָלט טרייסטן דערמיט, וואָס די אַקטיאָרן האָבן ניט גוט געשפילט, האָט ער זיי ווארים פאַר־

טיידיקט, הגם ער האָט קיינמאָל ניט באַהאַלטן זיין מיינונג, וועל־כע איז געווען געגן דעם אָדער יענעם פון זיי. די נאַכט נאָך דער „מפלה" איז ער געווען אַזוי רואיק און שטאָלץ ווי שטענדיק, און גראָד ניט אומגליקלאַך.

און שטייענדיק אויף אַ מאָמענט אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, זוך איך מיט די אויגן דעם גוטן אַלטן רעסטאָראַן, מיט דעם המון פון טעאַטער־נעכט, מיט די שוישפּילער נאָך דער פאָרשטעלונג ועל כולם די ליבע, שטרענגע, שיינע פיגור פון דעם פּראָפעסער... אַלעס פאַרשוואונדן. עס קומט אַ בריק אַריבער פון ברוקלין אַהער, אַ גרויסער וואונדערבאַרער שפּאַן איבערן טייך. ע ר וועט אים וואַרשיינלאַך שוין ניט באַנוצן. ניט ער.

דער ספר־החיים

איך גיי צו סענטער סטריט, וואו איך וועל ביי קאַנעל סטריט זיך זעצן אויף דעם סאָבוויי־צוג און פאָרן אַהיים.

איך קויף אַ צייטונג און מיט אַ מינוט שפּעטער בין איך שוין אויפן וועג אַהיים־צו. איך פּרוביר לעזן די צייטונג. איך לייען. וואָס? נו, מיינע אויגן שיינען צו וויסן, מחמת זיי גייען ריכטיק פון צייל צו צייל, ווי מען דאַרף, און שיינען ניט דורכצולאָזן קיין בוכשטאַב, ניט צו מאַכן קיין „דרוקפעלערן". כסדר גייען זיי און לייענען דאָס געדרוקטע אין דער צייטונג, אָבער וואָס? דער מוח הויבט ניט אָן צו וויסן. אַ מעכאַנישער פּראָצעס...

אַזוי קען מען דורכגיין ניט נאָר דורך פיל שפּאַלטן אין אַ צייטונג, נאָר אויך דורך אַ סך יאָרן אינם לעבן. די אויגן זיינען אָפן און וואָס אַרום אייך פּאַסירט ווערט ריכטיק אין זיי אָפּגע־שפּיגלט. אַ, יאָ! און, דאַכט זיך, די אויערן דערהערן וואָס די אויגן דערזעען ניט, און וואָס זיי דערהערן ניט, דערשמעקט דאָך דער נאָז, דערטאַפּט די האַנט, דערפילט דער גומען. אַלץ, דאַכט זיך, כדבעי, ווי עס באַדאַרפט צו זיין, און דאָך... דער מוח איז נאָר אָנגעפילט מיט איינדרוקן, אָבער וואָס דאָס אַלץ באַטייט ווייסט ער ניט. און מיט אַלע פינף חושים „אין בעסטער אָרדע־

נונג" גייט איר דורכן לעבן, ניט פאַרשטייענדיק וואָס איר האָט מיט אייער געהירן אין זיך אַריינגענומען, ניט פאַרשטייענדיק וואָס דאָס אַלעס באַטייט... אָפּן ווי מיין צייטונג פאַר מיר איז פאַר אייך געווען אייער ספר־החיים און אָפּן זיינען פאַרן ספר־החיים געווען אייערע אויגן, און געלייענט האָבן די אויגן, אָבער וואָס? דאָס ווייסט איר ניט.

און וואָס מכוח די יחידי סגולה, וואָס בלעטערן דעם לעבנס־בוך מיט פאַרשטאַנד? נו, און ע ר, למשל? ער, וואָס האָט אַזוי קלאָר און אַזוי פיל פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען...

ניט צו פאַרגעסן! ביז ער איז אַלט געוואָרן 50 יאָר, האָט ער געהאַט די שאַרפסטע פינף חושים צווישן טויזנטער מענטשן. ער האָט איבערהויפּט געקענט דערזען, דערהערן און דערשמעקן זאַכן בעסער ווי די מייסטע אַרום אים. דערפאַר, צווישן אַנדערע זאַכן, איז זיין אויער געווען אַזוי מוזיקאַליש־שאַרף און „טשוט־קע", אַז דער מינדסטער פאַלש האָט אים אַ הויב געטאָן. דערפאַר איז ער געווען, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַזאַ מבין אויף מוזיק, סיי וואָקאַלע סיי אינסטרומענטאַלע, סיי די מוזיק אין דער נאַטור און אין אַלע מעגלאַכע פיזישע באַוועגונגען, הגם ער אַליין האָט ניט געזונגען, האָט ניט געשפּילט אויף קיין אינסטרומענט, און איז ניט פּייאָיק געווען צו שאַפן קיין ריטמישן שפּראַך־אויס־גוס, ווי דאָס מערקט זיך אַזוי שטאַרק אין זיין פּראָלאָג צו „גאָט, מענטש און טייוול".

נחזיר לענייננו.

און ער, זאָג איך, ער וואָס האָט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס זיין שאַרף אויג האָט געזען? ע ר, וואָס פאַרשטייט נאָך איצט אַלץ, וואָס ער זעט און הערט, נאָך איצט, ניט אַכטענדיק אויף זיינע שרעקלאַכע יסורים? און ער, פרעג איך נאָכאַמאָל?

ער ליגט הילפלאָז, רעטונגסלאָז, האָפענונגסלאָז אויף אַ קראַנקענבעט און וויל קיין זאַך מער ניט זען, און וויל קיין זאַך מער ניט הערן, און וויל קיין זאַך מער ניט פאַרשטיין, און פון

זיינע פינף חושים איז איצט אים ניצלאָך נאָר דער געשמאַק אין גומען און ווייטער, דאַכט זיך, גאָר נישט.

זען וויל ער ניט.

צו־וואָס? די בוימער דרויסן מאַכן חוזק פון אים. דאָס איז זיכער. זיי, אַ שטייגער, וועלן נאָך האָבן מער ווי איין שיין־טויט און מער ווי איין תחית־המתים... בעת ער... און דאָס לאַכן זיי פרעך אין פנים אריין... שטייען און באַוועגן מיט יעדן ווינט די קעפּ, מיט די הערנער זייערע, וואָס זיי רופן צווייגן, אין אַלערליי ריכטונגען... אויסגעפּוצט אין גרין... אויסגעפּוצט אין דער גאַנצער פּראַכט פון זייער מאַי־לעבן, און לאַכן...

אַנדערע קען ער זען, וואָס וואָלטן גערן וויינען דאָס זיינען די מענטשן אַרום אים. און זיין אויג פאַרמאַכט זיך, ווען זיי קומען צו נעענטער, ווייל, ווי זיי זאָלן זיך ניט פאַרשטעלן, וואָס זיי זאָלן ניט טאָן צו פאַרציען מיט אַ דיקן שלייער די מרה־שחורה אויף זיך, וואָלט זיין אויג קענען לייכט לייענען דאָס וואָרט: „טויט” אויף זיי, און דאָס וויל ער ניט.

און אויב ער בלעטערט נאָך איצט ווייניקסטענס אין זיין אייגענעם ספר־החיים, וואָס זעט ער? וואָס דענקט ער? וואָס פילט ער? ער, מיט די לונגען וואָס פוילן, מיט דעם לעבן וואָס פּאַקט זיך שוין איין און איז שוין רייזע־פאַרטיק... מיט דעם אָטעם וואָס ווערט דערשטיקט דורך דעם סאַמע דראַנג פונם לעבן, וואָס וויל אַרויס, אַרויס!

און איך קלער:

וואָלט ניט בעסער זיין פאַר אים צו לייענען ווי איך לייען איצט? צו בלעטערן אין זיין ספר־החיים, צוריקצובלעטערן, צו זען, אָבער גאָרנישט, גאָרנישט צו לייענען!

***

און אפשר ניט. ווער ווייסט? אפשר, ווען ער בלעטערט איצט צוריק און זעט איין גלאָררייכן קאַפּיטל נאָך דעם אַנדערן, איין גרויסע אָוואַציע נאָך דער אַנדערער, איין ליבעס־דעמאָנסט־

ראַציע נאָך דער אַנדערער — אפשר פאַרזיסט דאָס אים די לעצ־טע טעג, אפשר באַצאָלט אים די דאָזיקע עראַינערונג פאַר די פילע ביטערע בעכערס גיפט און גאַל, וואָס ער האָט געטרונקען און ווי־דער אויסגעבראָכן אַל־די יאָרן אויף דער אידישער בינע,—די בי־נע, וועלכע איז אין זיינע הענט געוואָרן פון אַ באַלאַגאַן אַ טעמפּל, פון אַ טינגל־טאַנגל אַ טעאַטער!

אפשר שטעלט זיך אָפּ זיין אויג, בלעטערנדיק אין זיין לע־בענסבוך, אויף דעם יום־טוב פון זיין צען־יאָריקן געבורטסטאָג אַלס אידישער דראַמאַטורג?

אפשר דערמאָנט ער זיך אָן דעם אָפּשידס־אָוונט פאַר זיין אַוועקפאָרן פון אַמעריקע מיט צוויי יאָר צוריק, וואו עס איז צו אים — דאַכט זיך, אין דעם לעקטשור־האָל אין דער עדיוקיי־שאָנאַל ליג, פאַר וועלכער ער האָט אַזוי אומערמידלאַך און אַזוי לאַנג געאַרבעט — אַרויסגעוויזן געוואָרן פיל אמת־אויפריכטיקע ליבן און ערגעבנהייט?

אפשר דערמאָנט ער זיך, ווייטער בלעטערנדיק אין דעם דאָ־זיקן לעבנסבוך, אָן די גליקלאַכע טעג, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט צווישן דאַנקבאַרע פאַרערער אין גאַליציע, אין דעם לאַנד, וואו ער איז אַ נ ט ד ע ק ט געוואָרן אַלס מענטש, וואו מען האָט פיליכט צום ערשטן מאָל געטראָפן אַ אידישן מחבר, וואָס לאַ־די וואָס ער קומט ניט שנאָרן, גיט ער נאָר געלט, און גיט מיט אַ פולער האַנט?

אפשר דערמאָנט ער זיך אָן אונזער באַגעגענען אים ביים צוריקומען, אָן די אמת׳ע פריינט, וועלכע ער האָט געפונען אין אַ גרעסערער צאָל, ווי ער האָט איבערגעלאָזן?

אפשר דערמאָנט ער זיך אָן די פילע פריילאַכע ערשטער־מאַי אָוונטן, ווען מיר זיינען — פון יאָר צו יאָר — צונויפגעקומען אין זיין הויז צו פייערן זיין געבורטסטאָג, אים באַטראַכטענדיק און באַהאַנדלענדיק ווי אַ פּאַטריאַרך אין דער קאָלאָניע, ווי אַ קעניג איבער הערצער פון פריינט און פון לאַנדסלייט?

אמת, צווישן די דאָזיקע געבורטסטאָג־יום־טובים, פון וועלכע

דער פּופּציקסטער איז געווען דער פרייליכסטער, מוז אים היינט שטיין פאַר די אויגן דער געבורטסטאָג פון פאַר פיר וואָכן, ווען ער האָט שוין געפילט, אַז דאָס איז זיין לעצטער... אמת, ער האָט שוין דאַן, ביי יענעם לעצטן יום־טוב פון אָט־דער אַרט, אזוי גוט ווי אפשיר גענומען פון זיינע פריינט און לאַנדסלייט און, ווי אין וויקטאָר הוגאָ'ס לוקרעציא באָרדזשיאַ, געזען ווען ניט פינף, יעדנ־פאַלס איין אָרון אריינגעטראָגן ביים סאַמע מאָלצייט... אמת, ער האָט מיט זיין שאַרף אויג שוין דאַן געזען דאָ און דאָרטן אַ טרער אראָפּפאַלנדיק אין אַ כוס פון וויין, און אַ פאַרדעכטיקע בלייכקייט אויף אַ „לוסטיקן" פּנים... אמת, ער האָט שוין דאַן געענטפערט דר. ק., וועלכער האָט פאַרן אוועקגיין מיט אים גענומען רעדן פון דעם איבער־אַ־יאָריקן געבורטסטאָג, אַז איבער אַ יאָר וועט ער, דער דאָקטאָר, שוין קיין חשק ניט האָבן צו אים צו קומען.. אמת, ער איז שוין דאַן מיט גרויס מאַטערניש ארויפגעגאַנגען, נאָכן יום־טוב אויבן שלאָפן, בעת דער יום־טוב גופא איז אָפגעקירצט געוואָרן מיט שיינע עטלאַכע שטונדן.

אמת, אמת, אמת — אָבער נעגן דעם דאָזיקן טרויעריקן טאָג האָט ער דאָך געהאַט אַזוי פיל פרייליכע, פאַרגניגטע!

אויב אַזוי, לאָז ער לייענען און וויסן וואָס ער לייענט אין זיין ספר־החיים, ביז דאָס בוך וועט ענדלאַך ארויספאַלן פון זיינע הענט צוגעמאַכט אויף אייביק.

דערווייל קומט דער סאָבוויי־צוג אין גרענד־סענטראַל דיפּאָ. דער וואַגאָן ווערט שרעקלאַך פול, עס שטייען כמעט ניט ווייניקער מענטשן ווי עס זיצן.

און ניו יאָרק, פאַלט מיר איין, ווערט אַלץ פולער אין די גאַסן און אויף די אייזנבאַנען, און דאָך שטאַרבן מענטשן, זיי שטאַרבן, דאַכט זיך, דאָך בסדר, און אמאָל... אמאָל אפילו...

מיינע געדאַנקען ווערן מטושטש, די אויגן מאַכן זיך צו און איך דרעמל איין. ווען איך כאַפּ זיך אויף, בין איך שוין אויף מיין סטאַנציע.

זיין אידיש

ווען איך קום אהיים, איז דער זייגער שוין באַלד האַלב אכט.

איך נעם זיין „סאַפאָ" אין האַנט אריין און זעץ זיך עסן. איך עס אָפּט מיט אַ בוך — אַ שלעכטע געוואוינהייט, פון וועלבער איך קען ניט פּטור ווערן, און דאָס איז ניט מיין געוואוינהייט אַליין; דאָס איז אפילו ניט אַ ספּעציפיש־אידישע געוואוינהייט. לייענען און קייען גייען צוזאַמען ביי אמעריקאַנער, אַזוי גוט ווי ביי אידן, מיט דעם איין אונטערשיד, וואָס דער אמעריקאַנער קייט ביים לייענען, בעת דער איד לייענט ביים קייען.

„סאַפאָ" איז איינע פון זיינע בעסטע דראַמען. אָבער לייענענדיק פיל איך, אַז אפילו די דאָזיקע פּיעסע איז אין אַ געוויסן זין אַזוי פארפּאַסט געוואָרן, אַז זיין כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק „אָנגעשריבן" איז ליידער פּאַסענד.

מען דערציילט איצט — איצט, ווען זיין קראַנקהייט האָט אנטוואַפנט אַלע געגנער און האָט צו זיין הויז צוגעווענדט די אויגן אפילו פון אמאָליקע שונאים — אַלס אַ שבח, אַלס אַ זאַך צום באַוואונדערן, אַז ער האָט פאַרפאַסט נאָענט פון 80 פּיעסן אין 18 יאָר. אין מיינע אויגן איז דאָס דאָס איינציקע, וואָס איך באַדויער, ווייל אין אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט קען מען אַזוי פיל דראַמען ניט שרייבן, מען קען זיי, העכסטנס, אויפשרייבן, אָנשרייבן.

וואָלט גאָרדין ענטוועדער געשריבן שונד פאַרן גרויסן ברייטן עולם, אָדער גוטע, רעאַליסטישע דראַמען, ווי די, וועלכע מיר ירש'ענען פון אים, פאַר דער דייטשער אָדער אמעריקאַנישער בינע, דאַן וואָלט אים יעדע דראַמאַ אויסגעהאַלטן, אים און זיין גרויסע פאַמיליע, בהרחבה, אפילו אין לוקסוס וויניקסטענס אויף אַ יאָר. דער רעזולטאַט דערפון וואָלט געווען אַ דראַמאַ ניט וויניקער שטאַרק ווי זיינע בעסטע, אָבער מער פּאָלירט, מער, וואָס מען רופט, ליטעראַריש. כדי אָבער צו לעבן, כדי ווי עס איז צו לעבן, האָט ער ביז די לעצטע דריי־פיר יאָר געמוזט שרייבן צוויי

אָריגינעלע פּיעסן און איבערזעצן צוויי פון אנדערע שפּראַכן. דאָס האָט, נאַטירלאַך, ניט געקענט געטאָן ווערן מיט זייער פיל אויפּ־מערקזאַמקייט. ער האָט ניט געהאַט די מעגלאַכקייט זיך אָפּצו־שטעלן אויף יעדן דיאַלאָג, אויף יעדער פראַזע. געוויס, דער עפעקט ליידט דערפון זייער ווייניק, ווייל, נאָך אַלע מעשות, זיינען אידישע שוישפּילער נאָך זייער ווייט פון דקדוק־הלשון און אין זייער אויסשפּראַכע וואָלטן פאַרלוירן געגאַנגען אַ סך סטיליסטישע קאַמאַס און סעמי־קאָלאָנס, אפילו ווען זיי וואָלטן אין דעם מאַנו־סקריפּט ניט געפעלט אויך, דאָס הייסט, ווען ע ר, אַן אייראָ־פּעאיש געבילדעטער מענטש, וואָלט געקענט מער אויפּפּאַסן אויף דער גראַמאַטיק פון דעם, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אין דעם מויל פון אַ סאָפּיע פינגערהוט, בעת די זעלביקע גראַמאַטיק וואָלט גיכער געוועזן אַ שטער אין אַ „ספּיטש“ פון, למשל, מלך שטעמ־פּעל, דעם רייכן פישהענדלער, בעסער געזאָגט, דעם רייכן פיש־מארק-מענטש.

דער עיקר איז, אַז ער האָט אייגנטלאַך ערשט אין די לעצטע יאָרן אָנגעפאַנגען צו שרייבן פאַר דער אידישער ליטעראַטור אַזוי גוט ווי פאַר דער בינע. נאָך מער, ער האָט ערשט אין די לעצטע יאָרן אָנגעפאַנגען צו האָבן אַביסעלע — יאָ, אַביסעלע, ניט צו פיל — אמונה אין דער אידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור'ס צו־קונפט. ניט גלויבנדיק דערין, איז אים ווארשיינלאַך אין די ער־שטע יאָרן פאַרגעקומען קאָמיש, אַז אימיצער זאָל נעמען אידיש ערנסט און זאָל, ניט לאַכנדיק פון זיך אַליין, רעדן פון אַ אידישער גראַמאַטיק. דערפאַר איז פאַר אים נאָר וויכטיק געווען, אַז זעליג־איציק דער כלי־זמר, און נחומ'צע חנה דבורה'ס דער מלמד, און הערשעלע דובראָוונער דער סופר סתם, און שליאָמע הויז דער פריער דערמאָנטער האַלדעק דער פעדלער, און אַלע אַנדערע טיפּי־שניידער, און דער נאַר־וואָס דערמאָנטער מלך שטעמפּעל, און דער שע פערזאָנען זאָלן רעדן אַ לשון, וואָס פּאַסט פאַר יעדן פון זיי, אָבער צי דער אידישער סוחר, דער דאָקטאָר, דער לערער, דער אַפּטייקער, דער מוזיקער און אַנדערע אַזעלכע האַלבע און גאַנצע

אידישע אינטעליגענטן רעדן דעם נוסח ווילנא אָדער ווי מען רעדט ביי אים אין יעליסאַוועטגראַד, איז פאַר אים געווען אַ גאַנץ גלייכ־גילטיקע זאַך.

און איצט ערשט פאַרליר איך ביסלאַכווייז די האָפענונג, וועלכע איך האָב געהאַט, און דאָס איז: צו דערלעבן צוזאַמען מיט אים די צייט, ווען ער וועט קענען לעבן פון אייניקע ענגלישע פּיעסן, דאָס הייסט, פון אייניקע איבערגעאַרבעט פאַר דער ענג־ליש־אַמעריקאַנישער בינע, כּדי צו קענען דורכזען די וויכטיקסטע פון זיינע ווערק און זיי צו געבן די גוטיקע פּאָליטור.

די דאָזיקע האָפענונג שיינט צו שטאַרבן צוזאַמען מיט אים.

עס ווערט פינסטער

דרויסן איז שוין פינסטער. דער קירכנגלאָק האָט נאָר-וואָס געשלאָגן אַכט. אין דריי־פיר וואָכן אַרום וועלן די טעג אָנפאַנגען וואַקסן צוריק און די נעכט וועלן אָנהויבן ווערן גרעסער. דער שיינער פרילינג וועט זיין צו־ענד, — דעם יאָר'ס בליענדיקע, וואַקסנדיקע קינדהייט און יוגנט. דאַן וועט ער, דער יאָר, אַריינ־קומענדיק אין זיין רייפער לעבנסצייט, זיך פּאַראייניקן מיט דער ליבעפולער, פרוכטבאַרער, אייביק יונגער ערד און זי וועט שוואַנ־גער ווערן מיט אַ נייעם לעבנשאַץ, וועלכן זי וועט שפּעטער אין דעם הערבסט אַרויסברענגען פון איר שויס און איבערגעבן מיט אַ ברכה צו דער מענטשהייט, וועלכע איז געוואַקסן און אויסגע־וואַקסן אויף איר בוזים, ווערט באַשיצט פון איר ליבע און פון איר פולער האַנט דערנערט. דאַן וועט זי איינשלאָפן און וועט רוען איבער ווינטער — איר קאַלטע נאַכט — אונטער אַ ווייסער דעק, אַ קאָלדרע, וואָס איז לייכטער אָדער שווערער, דינער אָדער דיקער נאָך דער קעלט פון דער נאַכט. ווען דער מענטש, קלער איך, וואָלט געקענט אַזוי איינשלאָפן! ווען דער מענטש וואָלט געהאַט אַלע יאָר זיין פרילינגס-יוגנט, זיין זומער־רייפקייט, זיין הערבסט-עלטער און זיין ווינטער־טויט...!

דרויסן איז שוין פינסטער.

דאָס נאַטירלאַכע ליכט איז אויסגעגאַנגען און איך צינד אָן דאָס קינסטלאַכע, דאָס געמאַכטע ליכט. עס איז ליכטיק אויף דעם אָרט, אויף וועלכן עס פאַלט דער קאַרגער שטראַל פון דעם קליינעם פלאַם, אָבער ניט ווייט אַרום זיך, ניט ווייט איבער זיך, ניט אין די ווינקעלאַך... ווי בשעת די זון שיינט.

דאָס מערקט זיך יעדעסמאָל, ווען אַ זון גייט אונטער, אַ גרויסער הימלסקערפער איבער אונז, וועלכער לייכט אונזערע אויגן, חוץ וואָס ער וואַרימט די הערצער. אמת, מיר האָבן אַ סך קלענערע ליכט, פיל, פיל לייכטענדיקע פלאַמען; אמת, עס ווערט ניט אינגאַנצן פינסטער, אָבער ביז אַן אַנדער מאָרגן וועט אַרויסברענגען אַן אַנדער זון, וועלן אַל-די קינסטלאַכע קליינע און גרעסערע פלאַמען ניט פאַרנעמען דעם אָרט פון דער אונטערגע־גאַנגענער זון ניט אַלס אַ ליכט אין די אויגן, ניט אַלס אַ וואַרים־קייט־שפּענדער פאַר די הערצער.

דרויסן ווערט מער און מער פינסטער.

איך פיל זיך מיד, גייסטיק־מיד, מיין מוח האָט צופיל גע־טראַכט היינט. איך בין אויסגעמאַטערט ווי איך ווער תמיד, צו־ברענגענדיק עטלאַכע שטונדן אין אַ מוזעאום, אין אַ בילדער־גאַ־לעריע, אין אַ גרויסער מענטשנמאַסע און אין אַנדערע ערטער, וואו איך קריג מיטאַמאָל אין אַ קורצער צייט צופיל איינדרוקן, צופיל פאַרשידענע בילדער, צופיל אַרויסגערופענע אַלטע עראי־נערונגען, צופיל פאָרשטעלונגען פון דער נאָענטער און ווייטער צו־קונפט. איך זעץ זיך צו אין דעם גרויסן לענשטול, שפּאַר זיך אָפּ און וואָלט גערן צומאַכן די אויגן. איך האָב קיין מורא ניט זיי צוצומאַכן, מחמת ביי מיר וועלן זיי זיך נאָך צוריק עפענען...

אַרום און אַרום אין צימער שטייען און רוען מיינע אַלטע פריינט — די ביכער.

דער בעסטער פון מיינע מענטשן־פריינט וועט באַלד שוין ניט מער זיין לעבן מיר, וועט זיין פאַרוואַנדלט אין אַן עראינע־רונג, אין אַ קאַפּיטל פון מיין לעבנסבוך, אין אַ צוקונפטיקן בלאַט

אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט, — פאַר מיר
אָן אייביק פרישער, אָן אייביק גרינער בלאַט אַריינגעטאָן אין אַ
בוך.

און זיי? און די ביכער־פריינט מיינע? זיי, וועלכע איך
האָב מיר אין פיל פאַלן דערוואָרבן מיט שווערער מי, דורך גרויסן
אָפּפער, אין צייטן פון נויט און פון ליידן, פון מאָגן־פוסטקייט און
טייסטער־אויסצערונג, ווי לאַנג נאָך וועל איך זיי באַהאַלטן לעבן
זיך?

און גלייך דאָ ביי מיין רעכטער האַנט ווי איך ליג־זיצנדיק
אינם לענשטול דערזעט מיין אויג אַ גאַנצע פּאָלקע מיט דראַמאַטי־
שע ווערק, צווישן זיי איבסען, שאָ, אָסקאַר ווײַלד, גאָלדסמיטה,
בולווער־ליטאָן און אַנדערע איבער זיי, אונטער זיי, אַרום זיי...
אין געדאַנק זע איך זיין צימער און אַנדערש־וואו אַ גאַנצע רײ
פון אַנדערע דראַמאַטישע דיכטער, וועלכע זיינען היינט שאָטענס
און נעמען, אָבער רעאַלער, זיכטבאַרער, פּילבאַרער און לעבעדיקער
ווי די קליינע ברואים, וואָס רירן זיך און באַוועגן זיך און פּיטערן
זיך אויפן „געמייזאַכץ".

און מיינע מידע אויגן הויבן אָן זיך צו שליסן און, ווי גע־
זאָגט, איך האָב דערפאַר קיין מורא ניט, ווייל זיי וועלן זיך ווי־
דער עפענען ביי מיר... און איך דרעמל איין.

אַ דעבאַטע אין מיין ביבליאָטעק

איך וואָלט דאָ געקענט אייך דערציילן דעם פאָלגנדיקן חלום:

ע ר ווערט מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין צען גרויסע, פיינע
בענדער פון יעקב גאָרדינ'ס דראַמען.

די דאָזיקע צען בענדער קומען אַריין אין מיין ביכערשראַנק,
שטופּן אַרויס אַ סך אַנדערע, ווי איינער זאָגט: „מאַכט פּלאַץ פאַר
אונז דאָ לעבן איבסענ'ען, דעם נאָרוועגישן סאָציאַלן דראַמאַטורג,
מיט וועלכן מיר פילן זיך היימישער און פאַרוואַנדטער ווי מיט
אייך. אגב, זיינען מיר נעענטער צום בעל־הבית ווי איר, רוקט
זיך אַביסל אָפּ!"

און ווי זיי שטעלן זיך אוועק אין ריי מיט יענעם, ארויס־שטופנדיק, צווישן אנדערע, דעם גייסטרייכן פּראָפעסער פון דראַ־מאַטיזירטע פּאַראַדאָקסן בערנארד שאָ, הער איך ווי דער דאָזיקער דערלנגט א זאָג:

— האַללאָ! אידן, ביי דזשאָרדזש! זעט זיי נאָר אָן! וואָס פאַר א הילעם זיי טראָגן, וואָס פאַר א לשון זיי רעדן, וואָס פאַר א ווילדן בליק זיי האָבן, — א בליק, וואָס לויפט, ווי אן אזיאַט, פון רעכטס צו לינקס! זעט נאָר, ווי זיי עפענען זיך פאַרקערט, און לייענען זיך פון דעם סוף צום אָנהויב... וועל, אי עם דעמד!!

און מיר דאַכט זיך, אז אימיצער צווישן די אנדערע נעמט זיך אָן פאַר די ניי־אָנגעקומענע געסט אינם שראַנק און זאָגט:

— דאָס אלעס. וועגן רעכטס און לינקס איז אומזין, ליבער בערנארד, דאָס רעדסטו ווי אן איירישמען, וועלכער האָט אן אינזעל־בליק אויף אלץ, וואָס איז ניט ווי ביי אים און רופט דאָס דערפאַר פאַרקערט. אָבער אנדערש ווי מיר אלע זיינען אונזערע נייע, נאָר־וואָס איינגעוואַנדערטע שראַנק־באַוואוינער, אין פיל הינזיכטן ווירקלאַך אנדערש און זאָנדערבאַר.

— צום ביישפּיל? — פרעגט דער אידנפריינט לעסינג, אראָפּ־רערנדיק פון אן אויבערשטן עטאַזש אינם ביכערשראַנק.

— אָט וועל איך דיר זאָגן, — רופט זיך אָפּ יענער. — דער פאָטער פון אונזערע נייע פריינט, זייער גייסטיקער פאָטער, האָט געהאַט א שרעקלאַכן שווערן בארג־ארויף־וועג צו גיין און דאָס אָפט אויף א ניכטערן מאָגן, אין א ברענענדיקער היץ, אָן וואַסער אין זיין פענכער, אָן פּראָוויאַנט אין זיין זייטענטאַש. ווען דו, בערנארד, ביסט געקומען צו געבן דיינע גייסטקינדער זייער גע־שטאַלט און זייער אינהאַלט, האָסטו פאַר זיך געפונען ווייניק־סטענס דריי יאָרהונדערט אָנגעטראָגענעם רייכן מאַטעריאַל און פאַרטיקע פאָרמען און א וואונדערבאַר מעכטיקן פורעם: דער לשון איז געווען פאַרטיק, אויסגעאַרבעט, רייך, חוץ וואָס דו האָסט אין דיין אוידיטאָריום געפונען א פּובליקום, וועלכעס שעקספּיר און פלעטשער, און קאָנגרעוו, און שערידאָן, און אלע אונזערע

פריינט דאָ אַרום און אַרום אונז האָבן פריער פאַר דיר נעהאַט אויסגעבילדעט?

— און ער? — פרעגט שאָ.

— ער האָט פאַר זיך געהאַט אַן עולם, וואָס זיין דערציער איז געוועזן אַ חזן, וואָס האָט געמאַכט משוררים פאַר פורים־שפּילער...

— וואָס איז דאָס?

— נעוועד מאַינד, בערנאַרד! פאַר פורים־שפּילער, פאַר קאָמעדיאַנטן, וואָס טאַנצן אונטער, און זינגען צו, און שטעלן פאַר אַ טעאַטער אינם טעאַטער, ווי איינער פון זייערע ערשטע רעצענזענטן (דאַכט זיך, דער בעל־הבית) פלעגט זאָגן, אַזוי האָט איוסגעזען **זיין** פובליקום. הייסט דער לשון. דאָס איז געווען אַ דור־הפלגה שפּראַך מיט ווייניק אייגענע אויסדרוקן און נאָך ווייניקער קריסטאַליזירטע איינהייטלאַכקייט — אַנטשולדיקט די לאַנגע ווערטער, שאָ! — און אין דעם דאָזיקן לשון האָט ער אָנגעהויבן צו בילדן זיין פובליקום, פאַר זיי רעדנדייק דורך זיינע טיפּן. און אין דעם דאָזיקן לשון, וועלכן אַ טייל האָט ניט פאַרשטאַנען איין טייל פון זיין פובליקום און אַן אַנדער טייל אַן אַנדערער, האָט ער געשאַפן די דאָזיקע טיפּן און געמאָלט זיינע סצענעס און אַריינגעגעבן פלייש און בלוט אין זיינע באַשעפעניש.

— אָבער, — פרעגט שאָ, — האָט ער ניט געהאַט פאַר זיך דעם זעלביקן שעקספּיר און די אַנדערע דראַמאַטורגען, אפשר נאָך מער ווי איך, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען די סלאַווישע דיכטער און די גערמאַנישע און אפשר נאָך אַנדערע, ווייל אידן זיינען פּאָליגלאָט־מענטשן און רעדן אַלע לשונות...

— אַלע גלות־שפּראַכן, — כאַפּט אונטער מרדכי אהרן גינצבורג, וועלכער שטייט אין דעם זעלביקן צימער.

— דאָס איז אמת, — ענטפערט דער פריינט פון די געסט.

— אָבער ער האָט ניט געפונען ווי דו, בערנאַרד, האָסט געפונען, די שעקספּירס מיט די פלעטשערס, מיט די שערידאַנס אין **זיין**

שפּראַך. ער האָט זיי ניט געקענט אַריינפירן ביי זיין פאָלק ווי שטייען און גייען. ער איז געווען געצוואונגען צו געבן די האַמ־לעטס מיט די אָטהעלאָס, מיט די מאַקבעטהס אידישע געשטאַלטן, וואָס ביז אים זיינען ניט געווען, און דאָס דורך ווערטער, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטע מאָס און געוויכט, קיין קלאָרן אינהאַלט, קיין אויסגעפּרעגטן פּנים, אַזוי ווי עס האָט ניט אַ מטבעה איידער זי ווערט געשטעמפּעלט, אָדער נאָך דעם ווי דער שטעמפּל איז שוין אָפּגעריבן. — און דאַן האָט ער זיך געמוזט רעכענען מיט די שוישפּילער און זייערע פייאַיקייטן. ער האָט געמוזט צושניידן זיינע קליידער נאָך זייער וואוקס נאָך, ווייל ער האָט ניט געשריבן סתם אין דער וועלט אַריין...

— אינם בלויע הינאַין — בורבלט אונטער געטהע פון אויבן.

— יאָ, ווי ער זאָגט: אָט, אַ שטיינגער, טאַקע ווי הערר פאָן געטהע האָט געשריבן זיין „פויסט", זיך ניט קימערנדיק ניט וועגן די שוישפּילער, ניט וועגן דעם פּובליקום און ניט וועגן די קינדער, וואָס דאַרפן קריגן זייער פרישטיק פון „פויסט'ס" טראַגע־דיע אינם אָונט. און דאַן נאָך וואָס. ער האָט געמוזט אַריבערגיין פון דעם באַלאַגאַן אין דעם מוזנטעמפּל איבער אַ בריק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים באַלאַגאַן און האָט זיך גע־ענדיקט ביים טעמפּל. דער אַריבערגאַנג האָט געדויערט עטלאַכע יאָר. דער בריק האָט געמוזט געבויט ווערן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אונטער דער האַנט איינגעפונען אין דעם דאָזיקן באַלאַגאַן. דאָס מערקט זיך און פילט זיך נאָך אין זיינע ערשטע באַשעפענישן. אַביסעלע, יאָ אַביסעלע, ניט פיל ווערט דאָרטן נאָך געזונגען און געטאַנצט, ווייל אין באַלאַגאַן איז דאָס געווען אַן עיקר...

— סאַפּריסטי! גענוי ווי אין מיין צייט! — רופט אויס מאָליער, אַרויספּלאַצנדיק פון דעם שראַנק אַנטקעגן.

— יאָ, — זעצט יענער פאָרט, — ווי אין מאָסיע מאָליער'ס צייט. און דאָס עראינערט מיך אָן אַן אַנדער פּונקט. גענוי ווי הערר מאָליער האָט געמוזט צומאַכן אַ פערטן און פינפטן אַקט

צו זיין „קרעמער־דזשענטלמאַן“, ווייל דער קעניג, לודוויג דער פערצנטער, האָט געוואָלט לאַכן, און פונקט ווי ער האָט פאַר־דאָרבן מער ווי איין קאָמעדיע... איך מעג דאָך דאָס זאָגן, מאָסיע?

— געווים, געווים! — לאַכט מאָליער.

— אזוי ווי ער האָט פאַרדאָרבן מער ווי איין גרויסע קאָ־מעדיע דורך דעם, וואָס דער קעניג האָט געפאָדערט אַ נייע פּיעסע אין אַ קורצער צייט, ווייל ער האָט ניט געקענט וואַרטן, אזוי האָבן ביי אונזער אידישן קאָלעגע איינִיקע פון די ערשטע פּיעסן גע־ליטן דורך דעם, וואָס זיין מאַיעסטעט דאָס פּאָלק האָט, רעדנדיק דורך די אימפּרעסאַריאָס, געשטעלט אַ צו־קורצן טערמין פאַר אַ נייער פּיעסע, און אויך דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט גע־קענט צוגעוואוינען צו אַ שלעכטן סוף אין אַ דראַמאַ, ווייל, ווי לודוויג, האָבן זיי פריער פאַר אַלץ געוואָלט לאַכן און אוועקגיין לוסטיק פונם טעאַטער. — דאָס איז געווען די צייט, ווען אונזער פריינט איז אַריינגעקומען אין דעם טעמפּל פון מעלפּאָמענע און טהאַליאַ אויף דעם בריק, וואָס איז געבויט געוואָרן אין דעם אַלטן באַלאַגאַן.

די לעצטע רעדע איז אונטערבראָכן געוואָרן פון דעם פראַנ־צויז סקריב און פון אַנדערע, וועלכע געדענקען די צייט אין דער ערשטער העלפט פון דעם נײַנצענטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, וואו מען האָט פאַר אַ פּיעסע מיט אַ שלעכטן סוף אויך געבאַפט אַ מיאוס׳ן סוף.

זייער ליאַרעם האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין לייכטן שלאָף.

איך האָב אייך געזאָגט, אַז דעם דאָזיקן חלום וואָלט איך נ ע ק ע נ ט אייך דערציילן. דאָס האָט זיך מיר אָבער אין אמת׳ן אזוי ניט גע׳חלום׳ט. נאָר די דאָזיקע געדאַנקען זיינען דורך מיין מוח דורכגעגאַנגען בעת איך בין געלעגן זיצנדיק אין מיין לענשטול צווישן די ביכער.

א ניט געריעדטע אונטערהאַלטונג

איך האָב אויסגעטרונקען א גלאָז טיי. בין געוואָרן אביסעלע אויפגעמונטערט. דער טאָג איז איצט שוין געווען לאַנג טויט. דער אָוונט האָט שוין אָנגעהויבן צו שמעקן מיט נאַכט. דער חג־הבכורים ביי מיר — שבועות ביי פרומע אידן — איז געקומען צו ענד.

עס איז האַלב נאָך ניין!

ווער ווייסט, וואָס מאַכט ע ר? וואָס מאַכט דער אָרימער דולדער און ליידער אין ברוקלין? פון אָוונט איז די טעמפּעראַטור ביי אים שטענדיק זייער הויך... דאַן ווערן זיינע יסורים כמעט אומדערטרעגלאַך... נעכטן האָט ער געפרעגט דעם דאָקטאָר — איינעם פון די דריי, וועלכע פּאַסן אים אויף מיט אַזוי פיל ליבע, מיט אַזוי פיל דערגעבנהייט, מיט אַזוי פיל זעלבסטלאָזיקייט! — נעכטן אַלזאָ האָט ער געפרעגט איינעם פון זיי: „ווי פיל טעג איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן?“ אייערנעכטן האָט ער געבעטן סם.

איך דערמאָן זיך אָן דעם און טראַכט: איצט, ווען סם וואָלט אים באַפרייען פון ליידן, וועט עס אים קיינער ניט געבן; מען האָט אים אָבער געגעבן סם בעת ער איז געווען געזונט... מען האָט אים געגעבן פולע בעכערס. מען האָט אים ניט געזשאַלעוועט...

און פאַר דעם דאָזיקן שטאַרקען, גרויסן, לפּנים געזונטן מאַן איז תמיד געווען סם אַלץ, וואָס האָט געהאַט אין זיך פאַלשקייט, שלעכטס, אומדאַנקבאַרקייט. זיין האַרץ איז תמיד געווען אַזוי צאַרט, אַזוי עמפּינדלאַך, אַז א שטאָכוואָרט איז פאַר אים געווען א גיפטיקער פייל און א גראָבער ליגן א וואָרט־שטאָך.

למשל:

— מען קען ניט זאָגן, אַז ער האָט פיינט אַפּלאָדיסמענטן. — קיינער האָט זיי ניט פיינט. — אָבער ווען אונטער הונדערט, וואָס קלאַפּן בראַוואָ, איז דאָ איינער, וואָס טוט דאָס פון יוצא וועגן, פילט ער דאָס און פילט עס ווי א פּאַטש אין פּנים.

ער ליבט צו הערן, אויב מעגלאך אַן ווערטער: „יפה דרשת!“ דאָרטן, וואו ער איז מיט זיין דרשה אַליין צופרידן, אָבער אַ פאַל־שער קאָמפּלימענט איז אים ערגער ווי אַן אומהערלאַכער פאַר־וואורף איז פאַר אים גיפט.

ער איז ניט קיין פּוריטאַנער, האָט אפילו פיינט צניעות און אַ לינקער גלייכוועדטעל שאָקירט אים ניט. אָבער ווען ער זיצט אין טעאַטער און הערט ווי אַ שוישפּילער טוט אַ קיצל דעם עולם מיט דעם, וואָס ער גיט זיינען אַן אומשולדיקן וואָרט אַ פּאַכאַב־נעם ניגון, דאַן איז דאָס פאַר אים ערגער ווי סם־המות. דאַן שפּרינגט ער אויף.

און אָפט פּאַסירט אַזאַ זאַך:

אַהער קומט, כאַפּט אייך אַן, מאַקסים גאָרקי. פון אים האָט ער אַ הויכע מיינונג, הגם ער איז ניט בלינד צו די פעלערן פונם דיכטער־באָסיאַק.

גאָרקי שרייבט אים אַ בריוו, אין וועלכן ער זאָגט, אַז ער וואָלט גערן געזען דעם איבערזעצער פון זיין פּיעסע „מיעשטשאַ־נע“, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אויף דער אידישער בינע. ער גייט צו אים.

„איך וואָלט — שרייבט גאָרקי — צו אייך געקומען, נאָר איך בין קראַנק“.

ווען ער קומט צוריק, זאָגט ער צו מיר מיט אַ שמערצלאַכן לאַך:

„דו ווייסט? מיר דאַכט, אַלץ וואָס גאָרקי ווייסט פון מיר איז, אַז איך האָב איבערזעצט זיינע „מיעשטשאַנע“...

און דאָס איז אויך סם פאַר אים. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז פאַר גאָרדינ'ען, אַז ער רעדט אָפּ מיט יענעם אַ האַלבע שעה אויפן זייגער און וועגן דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן,—ניט אַ זילבע. און ניט זיין באַשיידנהייט לאָזט אים אין אַזאַ פאַל ניט רעדן וועגן זיך, פאַרקערט, דאָס איז זיין שטאָלץ.

אָבער סם איז דאָס פאַר אים. איך ווייס דאָס, ווייל אין די ווערטער, וואָס ער געברויכט דאָ, אונטערציענדיק די אונטערשטע

שורה צום געשפּרעך מיט מאַקסים גאָרקי, הער איך אזא ניט־ארויסגעבראַכטע רעדע:

„ווען איך וואָלט מיין „מירעלע אפרת", מיין „גאָט, מענטש און טייוול", מיין „סאַפאָ", דעם „מטורף", „אלישע בן־אבויה" און די אַנדערע געשריבן אויף רוסיש! וואָלטן מיך מענטשן, ווי גאָרקי, ניט געקענט? — זיי, וואָס קענען א יושקעוויטש, אַן אייזמאַן, א טשיריקאָוו און האָבן אפילו פון זיי א הויכע מיי־נונג!"

— אָדער, — ענטפער איך אים אין געדאַנק, — ווען דו וואָלסט געווען אַן אַנדערער, ווען דו וואָלסט ניט געווען דער שטאָלצער, ערלאַכער גאָרדין, וואָס בויגט זיך ניט פאַר קיינעם, און חנפ'עט קיינעם ניט, און ציט ניט אָן זיין זעגל נאָך דעם ווינט נאָך... ווען דו וואָלסט געווען א פּאַרטיי־סאָציאַליסט מיט 15 יאָר צוריק, בעת פּאַרטיי־סאָציאַליזם איז געווען אין דער מאָדע... ווען דו וואָלסט אריינגענומען איצט אין האַנט דעם דגל־מחנה־יהודה, און דו וואָלסט אויפן הארצן געטראָגן א מגן־דוד, און דו וואָלסט אין דיין זאַל אויסגעהאַנגען א לאַנד־קאַרטע פון ארץ־ישראל, און דו וואָלסט אויף די ליפּן תמיד געהאַט „מיין פאָלק", „עברי אנכי", און אַנדערע זאַכן, פראַזן און ווערטער, וועלכע זיי־נען היינט אין דער מאָדע — צי דו גלויבסט אין זיי, צי ניט! אָ, ווי אַלץ וואָלט אַנדערש אויסגעזעזן! וואָס פאַר א „בום" דו וואָלסט געקראָגן! ווי מען וואָלט דיין טעטיקייט פאַנאַנדער־געבאַראַבאַנעוועט! אפילו די גאָרקים וואָלטן דאַן ארויסגעפונען, אַז דו עקזיסטירסט!

„אָדער, — הער איך ווי ער זאָגט ניט, ווען איך וואָלט לכל־הפחות געשריבן אין רוסלאַנד... ווען איך וואָלט געווען אין דערהיים... ווען איך וואָלט געבליבן דאָרטן, וואו אפילו פון תפלין הערט זיך רוסישע לעדער, וואו אין טליתים גע־פינט זיך די וואָל פון רוסישע שעפּסן, וואו אין דער אידישער ביטערקייט אין לעבן איז דאָ היימישער נייַנציקער שפּיריטוס, און די סאַמע וואַסער אין אידישער פּאָעזיע איז פאַרוואַנדלט צום

דניעפּר און באקאנט מיט דער וואָלגאַ... ווען איך וואָלט, אַלזאָ, געבליבן דאָרטן, אין דערהיים, וואָלטן מענטשן, די מענטשן, פאר וועלכע איך בין „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש" פון מיר געוואוסט..."

— אָדער, — ענטפער איך נ י ט, — ווען דו וואָלסט לכל־הפּחות פאר זיך געקענט אליין „מאַכן רעקלאַמע", זיך רוקן אוי־מעטום! שטעל זיך נאָר פאָר: אַ מאַן ווי קאַמפּף מיט אַ פּיעסע ווי „אינם פאַראַבענד" — פּיסאַרעוו וואָלט געזאָגט: אַזאַ מאַן ווי, במחילה, קאַמפּף מיט אַזאַ פּיעסע ווי, איך בעט איבער אייער כבוד, „אינם פאַראַבענד" — מאַכט אַן מער ליאַרעם אין אייראָ־פּאַ און אַמעריקע, ווי דו מיט אַלע דיינע בעסטע פּיעסן!

מענטש, כלל־טוער, דראַמאַטורג

דאָ ווערט מיר שרעקלאַך דושנע. איך טו אָן אַ רעקל אויף זיך און גיי אַרויס צוריק אין גאַס.

דער גרויסער בראָדוויי, וואָס געפינט זיך לעבן מיין דירה נאָענט פון דעם גרויסן האָדסאָן, דעם טייך, וועלכן ער, דער קראַנ־קער, האָט תמיד אַזוי באַוואונדערט, איז שטיל.

איך שעפּ זיך אָן מיט פרישער לופט, איך אָטעם זי אַריין אין זיך מיט דעם אַפּעטיט, מיט וועלכן מען עסט, ווען מען טראַכט אַרום מענטשן, וואָס גייען אויס פאר הונגער. לופט, לופט! וואָס פאר אַ גוטע זאַך דאָס איז...

מיטאַמאָל דערלאַנגט מיר אַ האַק אין נאָז דער גערוך פון גאַ־זאָלין. דאָס איז פאַרביי געלאָפן אַן אויטאָמאָביל. דאַכט זיך, עס איז שוין נאָך צען פון אָוונט, און זיי פליען נאָך ווי די רוחות! לויפן אַזוי, ווי הינטער זיי וואָלטן זיין יעגערס פון מענטשן מיט שפּירהינט ביי זיך, וועלכע ווילן זיי כאַפּן; לויפן, אַזוי ווי זייער געוויסן וואָלט זיי פאַרפאָלגן און זיי, אַ שטייגער, וואָלטן דאָס פון דעם געוויסן זייערן אַנטלויפן; לויפן, בקיצור, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָס לויפן פון זיך, ווייל דאַן לויפט אַ מענטש אַם שנעל־סטען און וואָס שנעלער ער לויפט, אַלץ מער בלייבט ער ביי זיך.

און ווידער קומט מיר אַריין אין די געדאַנקען די פֿראַגע:

און ער? איז ער ניט אויך געלאָפען פון זיך?

איר געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז פון יענע שטאַרקע נאַטורן, וועלכע לאָזן פיל איבער פון זייער איך אפילו, ווען זיי אַנטלויפן. אָבער עס וועט כדאי זיין וועגן דעם צו זאָגן נאָך עטלאַכע ווערטער:

ער, אַלס מענטש, האָט, אַזוי ווייט ווי איך ווייס, תמיד געלעבט אין האַרמאָניע מיט זיינע באַגריפן, פּרינציפּן און נייגונגען. ער האָט געמאַכט מיט זיך אַמאָל אַ קליינע פּשרה דאָ אָדער דאָרטן, אָבער דאָס איז געווען פון דעם סאָרט, וועלכער איז אומפּרמייד־לאַך אין דעם סאָציאַלן לעבן פון מענטשן, אויב אַזאַ סאָציאַלער, געמיינשאַפטלאַכער לעבן זאָל איבערהויפּט מעגלאַך זיין.

זיכער האָט ער אויך געמאַכט קאָנצעסיעס, אָפּפערנדיק מאַכ־כע פון זיינע נייגונגען און אפילו אידייען צוליב שלום־בית, אָדער צוליב גוטער פריינטשאַפט.

אָבער סיי אין דעם, סיי אין יענעם פאַל האָט ער דאָס געטאָן פיל ווייניקער און פיל זעלטענער ווי יעדער אַנדער מענטש. אויב דערפאַר דאָס און יענעס קען אָנגערופן ווערן לויפן פון זיך, דאַן איז דאָס ביי אים אויך געווען דער פאַל, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, אין אַ פיל, פיל שוואַכערער מדרגה ווי ביי די מייסטע פון אונז. אַלס אַ מענטש האָט ער אַלזאָ געלעבט פאַרט קאָנסעקווענטער, פרייער, אומאָפּהייניגיקער ווי פיל אַנדערע.

אַלס עפנטלאַכע פּערזאָן, אַלס דאָס וואָס מען רופט היינטי־קע צייטן כלל־טוער, איז ער כמעט תמיד געווען מיט זיך אַליין אונטער איין דעק. זעלטן זעלטן ווען געפינט איר אים אין אַ לאַגע, אַז ער זאָל אייך אויסווייזן ניט־קאָנסעקווענט אין זיינע האַנדלונגען, סיי אין פּאָליטיק — אַזוי ווייט ווי ער האָט זיך דערמיט איבערהויפּט אָפּגעגעבן — סיי אין קהל'שע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אונטערשטיצונג, אויסבילדונג און באַלערונג פון אַלע, וואָס נויטיקן זיך אין יעדע, אָדער איינער, פון די דריי

זאַכן, סיי אין זיין פאַרהעלטעניש צו דער פּרעסע און צו פאַר־שידענע אָרגאַניזאַציעס. ....

וואו ער איז שוין אָפּטער געלאָפן פון זיך, איז אין זיין קינ־סטלער־לעבן, אַלס דראַמאַטורג בכלל און אַלס אַזעלכער, וואָס שרייבט לשמיה ולשמה פאַרן טעאַטער בפרט.

קודם־כל שרייבט ער ניט דירעקט פאַרן טעאַטער, נאָר כמעט תמיד פאַר דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, פאַר דער אָדער יענער אַק־טריסע. דאָס אַליין מאַכט שוין נויטיק אַ געוויסן גראַד פון קאָמ־פּראָמיס מיט די אייגענע אידייען און אָנזיכטן, — אפילו איצט, און אַ פּשיטא שוין אין אָנהויב, אָדער נאָך מיט אַ יאָר צען צוריק.

אָבער חוץ וואָס ער האָט צו שרייבן פאַר געוויסע פּערזאָנען — און דאָס האָט דער פראַנצויז סאַרדו און מער ווי איין ענגלי־שער טעאַטער־דיכטער געהאַט צו טאָן — שרייבט ער פאַר אידי־שע טרופּעס, וואָס האָבן אַ געוויסע צאָל פּערזאָנען און די מענע־דזשערס האָבן פיינט „דראַמאַיעדניקעס“. ווען זיי באַשטעלן אַ פּיעסע ביי אַ שרייבער, אָדער ווען אַ שרייבער מאַכט אַ פּיעסע, האָבנדיק אין אויג געוויסע מענעדזשערס מיט זייער טרופּע, מוז דער דאָזיקער דראַמאַטורג געדענקען, אַז יעדער אין דער טרופּע מוז האָבן אַרבעט, מחמת, מיסטער־לעבן, מען צאָלט יוניאָן־וויי־דזשעס, און ווען חיים, ברוך און זרח זיינען אין אונזער טרופּע, מוזן זיי אין אייער נייער פּיעסע האָבן וואָס צו טאָן. מיר קענען ניט צאָלן שכירות פאַר ארומגיין ליידיק, אָבער אפילו ווען מיר וואָלטן געוועָן צופרידן דערמיט, דאַרף מען ניט פאַרגעסן צוויי אַנדערע זאַכן:

ערשטנס, וויל יעדער אַקטיאָר האָבן אַ ראָלע אין אַן ערפאָלג־רייכער פּיעסע, און אַנדערע ווערן לכתחילה ניט באַשטעלט, חוץ אַזעלכע, וואָס פאַרזאָרגן מיט ראָלן די גאַנצע טרופּע. און פּונקט ווי נאָר אַזעלכע ווערן באַשטעלט, אויב דער ליפעראַנט פון דראַ־מען איז אַ שטענדיקער ביי אַ געוויסער טרופּע, אַזוי ווערן נאָר אַזעלכע אָנגענומען, אויב זיי ווערן פון דער זייט, דאָס הייסט, פון אַ זייטיקן שרייבער אָנגעבאָטן.

צוויטנס, איז דאָס פּובליקום ניט גליקלאַך, סיירן עס גע־פינט אויף די פּלאַקאַטן (פּאָסטערס)' פון יעדן טעאַטער אַלע זיי־נע ליבלינגען. זיך פאַרצושטעלן, אַז אין אַ טרופּע איז דאָ אַזאַ און אַזאַ „באַליבטער קינסטלער" און ער האָט אין דער נייער פּיעסע קיין ראָלע ניט, איז כמעט ניט מעגלאַך, ווען מען באַקלערט, וואָס דאָס „ווערטע פּובליקום" האָט פאַר רעכטן, פּריווילעגיעס און קאַפּריזן.

ועל־כולם ליידט דער דראַמאַטורג אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער — און דורכאוים ניט דוקא ביי אידן אַליין — פון דעם פאַרפלוכטן סטאַר־סיסטעם. דער מענעדזשער מוז ניט נאָר שפּילן די הויפּטראָלע, עס מוז די הויפּטראָלע אַזוי געשריבן, אָדער צו־געשניטן ווערן, אַז זי זאָל אים פּאַסן, אַז ער זאָל זי קענען שפּילן, הגם ער האָט אין זיין טרופּע, אָדער וואָלט לייכט געקענט האָבן אימיצן, וואָס זאָל בעסער קענען אויספירן דעם דראַמאַטורג'ס אידייע.

און טאָמער איז דאָס נאָך אויך ניט גענוג, איז כמעט יעדער סטאַר אַ באַווייבטער און דאַן מוז זי שטענדיק זיין יוליא, וואו ער איז ראָמעאָ, וואָס דאָס מוז דער מאָדערנער שעקספּיר תמיד האָבן אין אויג.

די אונטערשטע שורה איז: דער אידישער טעאַטער־דיכטער מוז באַדייטנד לויפן פון זיך, פון זיין בעסערן „איך", אויב ער וויל שרייבן צום שפּילן און שרייבן אַזוי, אַז מען זאָל זיי וועלן שפּילן.

ווי זאָגט מאַרק טוויין? „שרייבן פּיעסן איז אַ קטנית, אַ גאָרניש, שווען איז זיי צו פאַרקויפן". און שרייבט מען צום פאַרקויפן, דאַן קען אפילו אַ גאָרדין מיט זיין גאַנצן שטאָלץ, מיט זיין גאַנצער אומאָפּהייננגיקייט, מיט זיין גאַנצער קאָנסעקווענץ, מיט זיין גאַנצן קונסטזין ניט אויספירן אַלץ, וואָס ער וואָלט גע־וואָלט — געוואָלט פיליכט נאָך מער ווי זיינע קריטיקער.

איך זאָג: ניט אַלץ, ווייל פיל האָט ער פונדעסטוועגן אין דעם פּרט אויסגעפירט, דאָס הייסט אין דעם פּרט אויך.

זיינע ווערק און זיין פערזאָן

איך שפּאַציר נאָך אַ ווײַלינקע אַרום אין בראָדוויי און, ענד־לאַך, אַזוי ווי דער זייגער איז שוין עלף, גיי איך אַריין אין הויז.

די גאַס שלאָפט. שטיל איז אומעטום און זעלטן וואו ברענט נאָך אַ ליכט אין די צימערן, וואָס קומען אַרויס צום פראָנט. נאָר ביים ווינקל, אין דער הויז, וואָס געפינט זיך אויף דער זיד־וועסט־לאַכער זייט פון מיין גאַס אויף אַמסטערדאַם עוועניו, איז ליכטיק אין אַלע צימערן, איז ליכטיק די גאַנצע נאַכט: דאָס איז אַ פּאָ־ליציי־שטאַציאָן, נאָר דאָרטן זעט זיך איצט ליכט און לעבן, אָבער ניט דאָרטן אַליין: ביי א י ם, אין ברוקלין, אויך. נאָר ביי אים וועט, ווי עס שיינט, וועט אין קורצן אויסגיין דאָס ליכט צו־זאַמען מיטן לעבן, און זיין צימער וועט ווידער ווערן בײַנאַכט פינסטער, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

און אַריינקומענדיק צוריק אין שטוב אַריין, נעם איך אין האַנט אַריין אַ פּעקל — אַ שטיקלאַך צוועלף — פון זיינע דראַ־מען.

איך זיץ און בלעטער, בלעטער און לייען, דאָ אַ פּאָר זייט־לאַך אין איינער, דאָ אין די אַנדערע פון זיי. די צייט גייט, מיינע אויגן פאַנגען ווידער אַמאָל אָן זיך צו שליסן פון הוילער מידיקייט, אָבער איך באַזיג דעם שלאָף, דעם טעמפּעראַרען טויט. מיר ווילט זיך לעזן און לעזן, לעזן אַלץ, וואָס איך האָב פון אים געדרוקט; מיר ווילט זיך דענקען וועגן אים, מיר ווילט זיך זיין מיט אים...

און לייענענדיק, קלער איך:

נעמט די דאָזיקע דראַמען, מיט די פּערזאָנען אין זיי. קריטיקירט זיי און אַלץ אין זיי — סוזשעט, שפּראַך, טיפּן, גרופּי־רונג, די אָדער יענע איינצלהייט, דעם אָדער יענעם דיאַלאָג — קריטיקירט דאָס אַלעס פון וועלכן שטאַנדפּונקט איר ווילט אַליין, וואָס פאַר פאָדערונגען איר זאָלט דעם דראַמאַטורג ניט שטעלן; קריטיקירט און פאַרדאַמט וויפיל אייער האַרץ גלוסט, איינס אָבער וועט איר מוזן צוגעבן:

וועלכע פּיעסע איר זאָלט ניט אַריינגעמען אין האַנט, אויף וועלכער שטעלע איר זאָלט דאָס ביכעלע ניט עפענען, וועט איר אומעטום געפינען לעבעדיקע מענטשן, לעבעדיקע אידישע טיפּן. לויטער פּערזאָנען, וועלכע זיינען ניט קינסטלאַך באַשאַפן געוואָרן, נאָר אַזעלכע וואָס שטייען אייך קלאָר פאַר די אויגן, זיי מיט זייערע ליידן און זייערע פריידן, מיט זייער גליק און זייערע שמערצן, מיט זייער פיינקייט און זייער גראָבקייט, מיט זייער ליבע און זייער האַס.

וואָס אייער פעדער וועט פון זיי ניט דערציילן, אייער מעסער דאַרף נאָר ערגעץ אין אַט־די אַלע דראַמען אַ שניט טאָן, און עס הויבט גלייך אָן פליסן וואַרעם מענטשלאַך בלוט.

דער באַשאַפער פון די דאָזיקע ווערק וועט פיליכט איינגיכן שטאַרבן, אָדער זיינע גייסטקינדער וועלן בלייבן לעבן, ווייל די מענטשהייט, פון וועלכער זיי זיינען אמת׳ע מוסטער־פּראָבן, קען קיינמאָל ניט אונטערגיין; ווייל דער איד, וואָס לעבט אין זיינע ווערק און לעבט דאָרטן מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין גאַנצער דערהאַבנקייט און לעכערלאַכקייט, מיט יעדן אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלן פּנים און מיט יעדן קנייטשעלע פון זיין פאָלקס־נשמה, — ווייל דער איד אַלס אַ טייל פון דער מענטשהייט קען ניט און וועט ניט שטאַרבן!

נאָך וואָס: כמעט יעדע איינציקע פון זיינע דראַמען איז אַ סאָציאַלע פּראָבלעם, אַ טייל פון דער גרויסער סאָציאַלער פראַגע, וועלכע באַשעפטיקט כסדר זיין מוח און באַוועגט כסדר זיין האַרץ.

און איצט איז צייט צו גיין שלאָפן. דער זייגער האָט נאָר־וואָס געשלאָגן 12... האַלבע נאַכט!

מיר ווילט זיך אים זאָגן: „גוטע נאַכט, דיר, גאָרדין!“ אָבער איך קלער, אַז ער איז פיליכט דאָרטן אין ברוקלין נאָר־וואָס איינגעשלאָפן און איך קען אים מיט מיין „גוטע נאַכט“ צעשטערן אַ גוטע נאַכט...

איך טו זיך אויס און נעם אין האַנט צום לייענען פאַרן שלאָף זיין „אלישע בן אבויה“. עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט דאָס

פריער קיינמאָל ניט באמערקט, ווערט מיין אויג צוגעצויגן צו די צוויי ווערטער אויפן פּאַרדער־בלאַט: „יעקב גאַרדין" און איך פאַרטראַכט זיך פון דאָס ניי.

יעקב גאַרדין! ער שטאַרבט אין אַ צייט, ווען מען וויל ניט מער, און ניט אַליין, וויסן, צי אַ מענטש איז געווען אַ איד אָדער ניט אַ איד; היינט וויל מען וויסן, וואָס פאַר אַ איד דער אָדער יענער איז געווען. און טאָמער פרעגט מיך אימיצער אַזאַ פראַגע, איז מיין ענטפער אין צוויי ווערטער אָט־דער:

ער איז י ע ק ב מיט דעם פאַמיליען־נאָמען גאַרדין. איינפאַך יעקב. דאָס איז אַלץ, וואָס איר דאַרפט וויסן.

ניט „יאַנקעל"—צו געפעלן די פרומע, די וואָס וואָלטן אים אפשר נאָך מער ליב געהאַט, ווען ער וואָלט געווען פרום גענוג גערופן צו ווערן „ר' יאַנקעל".

ניט „דזשייקאָב" — צו געפעלן די אַסימיליאַטאָרס, די אויס־אידן, די וועלכע וואָלטן אים אפשר נאָך מער ליב געהאַט, ווען ער וואָלט געווען אַסימילירט גענוג גערופן צו ווערן „דזשיימס".

ער איז אַלזאָ דער סאָרט איד, וואָס איז ניט ר' יאַנקעל און אפילו ניט יאַנקעל; וואָס איז ניט דזשיימס און אפילו ניט דזשייקאָב, נאָר איינפאַך יעקב — יעקב גאַרדין.

איך לעג זיך שלאָפן, אָבער איך שלאָף ניט איין.

* * *

ווער ווייסט, צי אימיצער פאַרשטייט, פאַלט מיר איין, אַז דער שליסל צו זיין כאַראַקטער געפינט זיך אין „מירעלע אפרת"? געוויס ניט.

און דאָך דאַרף מען נאָר אויפמערקזאַם באַטראַכטן דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן טיפּ פון זיין גרויסער דראַמע; די דאָזיקע פרוי, וואָס איז תמיד שטאָלץ, און שטייף, און אומאָפּהייננגיג שטייף און מאַיעסטעטיש אין איר שטעלונג צו מענטשן, צו דער וועלט, איז אָבער צו דער זעלביקער צייט אויך תמיד ליבנד, איינזיכטספול, נאָכגיביק, — מען דאַרף נאָר באַטראַכטן דעם דאָ־

זיקן טיף און מען זעט לייכט, אז דאָס איז זיין אייגענער כאַראַקטער.

מען זעט דאָן גאָרדין דעם מאַן, וועלכער ווערט תמיד באַזיגט פון גאָרדין דעם מענטש; דעם שטאַרקן, וואָס ווערט באַזיגט פון דעם גוטן; די קראַפט, וואָס ווערט באַזיגט פון דער ליבע.

* * *

צייט איינצושלאָפן.

אָבער מערקווירדיק! דאָס איז געווען אַ טאָג, איינער פון די זעלטענע טעג, וואָס איך האָב אים פּנים־אל־פּנים דווקא נ י ט געזען.

און דאָך איז דאָס דער איינציקער טאָג אין די לעצטע עטלאַכע וואָכן, וואָס איך האָב צוגעבראַכט פון זיבן אינדערפרי ביז איצט, ביז האַלבע נאַכט, יעדע מינוט מיט אים, יעדע איינציקע מינוט.

מאָרגן פרי וועלן מיר האָבן נייעס...

נ אָ כ וו אָ ר ט

צוויי וואָכן זענען פאַרגאַנגען זינט דעם טאָג, וועלכער איז אין די דאָזיקע בלעטער באַשריבן געוואָרן.

אין דער דאָזיקער צייט איז עס טעגלאַך געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער, ביז אַפילו די פרוי און די קינדער, וועלכע מיר האָבן די גאַנצע צייט גענאַרט, זיי טאַקע ניט געבנדיק קיין האָפענונג, אָבער פון זיי באַהאַלטענדיק דעם שרעקלאַכן פאַקט, אַז ער ליידט פון אַ קרעבס, האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין סוף איז אַ פראַגע פון וואָכן, אפשר טעג.

מיט אַ טאָג אָדער צוויי פאַר דעם 27טן מאַי איז ער נאָך געווען כמעט מונטער, דאָס הייסט, צייטנווייז; ער האָט נאָך גע־האַט רואיקע, כמעט האָפענונגספולע מאָמענטן.

אים באַזוכנדיק רעגלמעסיק יעדן טאָג ביז ענדע מאַי, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען ער האָט זיך געפילט אַבי־סעלע „פרייער", ווי מיר זאָגן אין דער ליטע, מיט אים צו רעדן וועגן דער פראַכט־אויסגאַבע פון זיינע ווערק.

אין אָנהויב האָט ער גאָר ניט געוואָלט הערן, הגם איך האָב דעם געשפּרעך איינגעפעדימט זייער דעליקאַט, כמעט דיפּלאָ־מאַטיש.

„איבער דיר", — האָב איך צו אים געזאָגט, אריינגעמענדיק זיין האַנט אין מיינער און זי צערטלענדיק מיט אַל־די ליבע, וואָס האָט זיך איינגעפונען אין מיינע פינגער, — „איבער דיר בין איך אַריבערגעפאָרן, קומענדיק אַהער, גאַנצע זעקס בלאָק"..

— ווי אַזוי? — האָט זיין בליק געפרעגט.

„אָט, לייענענדיק דיין „אלישע בן אבויה", האָב איך געזאָגט. „און ווייסטו וואָס?", — האָב איך האַסטיק פאָרטגעזעצט, מורא האָבנדיק, אַז דער גינסטיקער מאָמענט קען פליייכט באַלד זיין צו־ענד, — „אַפילו די דאָזיקע פּיעסע איז אָפּגעדרוקט מיט שרעק־לאַך פיל פעלערן".

איך האָב דאַן אָנגעהויבן אים צו שילדערן אונזער פּלאַן. עפּעס אַזוי ווי צו פּראָטעסטירן געגן מיין קומען צו אים מיט

אזעלכע נאַרישקייטן, האָט ער אַרויסגענומען זיין האַנט פון מייַ־
נע, דאָס פונדעסטוועגן טוענדיק כלומרשט, כדי אַראָפּצוציען פון
זיך א שטיק דעק — כדי איך זאָל זיך ניט געפינען באַליידיקט.

די אייז איז אָבער געווען געבראָכן און איך בין ניט געבליבן
אינמיטן. איך האָב ווייטער גערעדט:

„דו דאַרפסט ניט פאַרגעסן", האָב איך געזאָגט, „אַז די
הוצאה אין דיין הויז איז איצט א שרעקלאַכע און קיין הכנסה וועט
אַזוי גיך ניט זיין. אַזאַ פּראַכט־אויסגאַבע קען אַריינברייגגען
שיינע געלט. דער עיקר איז פונדעסטוועגן ניט די געלט. עס
איז גלאַט שוין צייט, אַז עס זאָל אַרויסקומען א אוניפאָרמע אויס־
גאַבע פון דיינע דראַמען, ריין פון די דרוקפעלערן, וועלכע ווימלען
אין די ביז־איצטיקע אויסגאַבן, שוין גאָר ניט רעדנדיק פון די
רוסישע אָפּדרוקן, וואָס זיינען איינפאַך סקאַנדאַליעז צעקאַ־
ליעטשעט..."

און ווי איך האָב גערעדט, איז ער געוואָרן מער און מער באַ־
לעבט. דעם „פּאַרפּאַסער'ס אייגנליבע", ווי מען רופט דאָס, האָט
דאָ זיך דערוועקט ביי אים. ער האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס
אין עטוואָס צום ערשטן מאָל זינט מיר האָבן אים געבראַכט פון
דעם בית־ישראל האָספּיטאָל, — אַן אינטערעס, וויל איך זאָגן,
אין זאַכן, וואָס זיינען נוגע צו זיין הויז און זיין נאָמען. איך
האָב זיך געפילט דערמונטערט און האָב געזאָגט:

„הייסט עס, מיר האָבן דיין צושטימונג. איצט וועלן מיר
זיך נעמען צו דער אַרבעט... איך וועל אָנשרייבן א פּראָספּעקט,
וועלכער וועט אַריינגעגעבן ווערן אין דער „ווארהייט", דעם „פּאָר־
ווערטס" און אפילו אין די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען. דעם
פּראָספּעקט וועל איך דיר פאָרלייענען אַזוי גיך, ווי דו וועסט
זיך פילן אימשטאַנד אים אויסצוהערן..."

— דו וועסט האָבן לאַנג צו וואַרטן... — האָט ער געזאָגט.

* * *

מער האָב איך שוין מיט אים ניט גערעדט ביז דעם לעצטן
אָוונט פון זיין לעבן.

וואָס האָט פּאַסירט יענעם אָוונט, האָב איך באַשריבן אין דער „וואַרהייט“ פון דעם פאָלגנדיקן מאָרגן (דעם 11טן יוני)׳ אין אַן אַרטיקל, וועלכן איך וועל דאָ איבערגעבן.

אויספירלאַך שילדערן זיין טויט קען איך אינם דאָזיקן אויגנבליק סיי־ווי־סיי ניט; אויב דאָס זאָל אָבער געטאָן ווערן אין עטלאַכע ווערטער, דאַן קען איך, דאַכט זיך, ניט טאָן בעסער ווי איבערדרוקן יענעם אַרטיקל,—יענעם ערשטן געשריבענעם קרעכץ, ווי ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין ברוסט, ביי אַ טיש אין גאָרדינ׳ס הויז דריי שעה נאָך זיין טויט.

אָט איז דער אַרטיקל (דאַטירט 11 יוני 1909):

"FINITA LA COMEDIA!"

יעקב גאָרדין איז אַ פערטל נאָך צוועלף אַריבערגעגאַנגען פונם לעבן אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק און אין דער וועלט־געשיכטע מיט די דאָזיקע ווערטער:

„פינִיטאַ לאַ קאָמעדיאַ!“ די קאָמעדיע (די לעבנס־קאָמעדיע) איז צו־ענד.

מיר, זיינע נאָענטע פריינט, האָבן איינער צום אַנדערן געזאָגט די דאָזיקע ווערטער מיט דריי־פיר וואָכן צוריק, נאָכדעם ווי די צוויי פּראָפעסאָרן האָבן געמאַכט אונזער אַלעמענס פורכט און באַפירכטונג פאַר אַ געוויסקייט. פון יענעם אָוונט אָן האָבן מיר אים באַקלאָגט אַלס געשטאָרבענעם די גאַנצע צייט. דאָס האָט עס מעגלאַך געמאַכט, אַז דער, וואָס שרייבט די דאָזיקע צײלן, זאָל די דאָזיקע צײלן קענען שרייבן. דאָס האָט עס מעגלאַך געמאַכט, אַז מען זאָל איבערהויפּט דעם פאַרשטאַנד ניט פאַרלירן ביי דעם אָנבליק פון אַזאַ שרעקלאַכן פאַרלוסט פאַר זיין פאַמיליע, פאַר זיינע נעענטערע פריינט, פאַר זיינע פאַרערער, פאַר דער אידישער בינע בפרט און פאַר דעם אידישן פאָלק בכלל.

דאָס איז געווען אַ פערטל נאָך ניין נעכטן אין אָוונט.

דורך א צופאַל בין איך געווען דער איינציקער פון זיינע פריינט, חוץ דעם פאַמיליע און די נוירסעס, אין הויז.

איך האָב געצווייפלט, צי זאָל איך ארויפגיין אין קראַנקענ־צימער אויבן, צי ניט.

מיטאַמאָל קומט ארונטער די טאָג־נוירס און זאָגט מיר, אז ער וויל מיך זען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין צען טעג, וואָס ער האָט ווידער אזא וואונש אויסגעשפּראָכן. מיט א שרעק אין הארצן בין איך צו אים ארויפגעגאַנגען.

ער האָט אויסגעזען פיל בעסער, ווי איך האָב דערוואַרט אים צו געפינען, ווייל דורכן טאָג האָבן מיר געהערט שרעקלאַכע רעפּאָרטן.

איך האָב אריינגענומען זיין האַנט אין מיינער, האָב אים שטאַרק אָנגעזען און האָב דערוואַרט יענעם „געזאַנג אָן ווערטער", וועלכן זיין שיידנדיקע, לאַנגזאַם שיידנדיקע, גרויסע, עדעלע נשמה האָט געזונגען אין דער לעצטער צייט; האָב דערוואַרט איינע פון יענע סצענעס, יענע שטילע, שטומע סצענעס, צו וועל־כע מיר אַלע האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט.

פּלוצלונג דערהערט זיך זיין קול. ער דערהערט זיך ניט אין „וויספּערס", ווי ער האָט גערעדט כמעט זינט ער איז צוריק געקומען אהיים פונם בית־ישראל האָספּיטאָל; ניט האַלב־פּאַר־שטיקט, ווי א וואָך פריער, ווען אייך האָט זיך אָפּגעדרוקט, אז דאָס הערט איר זיין קול עפּעס ווי שוין ארויסקומענדיק פונם קבר.

קלאָר און כמעט הויך האָט ער זיך געהערט; ער האָט געזאָגט:

„ווינטשעווסקי, פּיניטאַ לאַ קאָ־מעדיאַ!" אזוי הויך און אזוי קלאָר, אז אַלע אין צימער האָבן געהערט די ווערטער, יעקב גאָרדינ'ס לעצטע ווערטער אויף דער וועלט.

מער האָט ער שוין ניט גערעדט.

א שעה שפּעטער האָט ער שוין כמעט קיין זאַך ניט געפילט

און ניט פאַרשטאַנען, חוץ דעם, וואָס איז נוגע געווען צו זיין האַלב־דערשטיקטן אָטעם.

אָרום האַלב נאָך עלף האָט ער שוין ניט געהאַט קיין באַוואוסטזיין.

פון פינף מינוט פאַר צוועלף ביז אַ פערטל נאָך צוועלף — אין צייט פון 20 מינוטן האָט ער געענדיקט שטאַרבן.

דאַן האָט זיך זיין גרויסער גייסט געזעגנט מיט זיין קערפּער און די אידישע טעאַטער־קונסט און פיל בילדנדיקע און דערציענדיקע אינסטיטוציעס זיינען געוואָרן יתומים.

אין זיין הויז, צווישן פילע צעבראָכענע הערצער פון זיין הויז־געזינד און זיין גוטער נאָבעלער פרוי, קומען די דאָזיקע צייל׳ן אַרויף אויפן פּאַפּיר.

דער טייערער קערפּער איז ערשט ניט לאַנג קאַלט געוואָרן. עס איז דעריבער ניט די צייט און ניט דער אָרט אָפּצושאַצן גאָרדינ׳ס פאַרדינסט, גאָרדינ׳ס ווערט אַלס דראַמאַטורג, לערער און פאָלקס־פריינט.

געזאָגט ווערן קענען דאָ נאָר צוויי ווערטער:

זיין לעבן איז געשלאָסן. זיין שפּיל איז אָפּגעשפּילט און אויסגעשפּילט. די דראַמע, וועלכע דאָס לעבן האָט געהאַט אויפגעפירט אין דעם טעמפּל פון זיין גרויס, רייך האַרץ, איז צו־ענד. אַרונטער איז דער פאָרהאַנג און אויסגעלאָשן זיינען די ליכט און דער אָרקעסטער שווייגט. וואָס אָנבאַטרעפט זיין אינערלאַכן, זיין פּריוואַט־לעבן, איז ער גערעכט, ער וואָס איז נאָר־וואָס איינגעשלאָפן נאָך אַזוי פיל שווערע, קוועלנדע ליידן, וואָס נאָר זיין ריזן־געבוי האָט געקענט אַריבערטראָגן; אין דעם פּרט איז ער גערעכט:

פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ!

אָבער עס איז דאָ אַן אַנדער געזיכטס־פּונקט.

גאָרדין האָט תמיד אייגנטלאַך געשוויגן בעת זיין שטימע

האָט גערעדט אַם דייטלאַכסטן, אַם קלערסטן, אַם קליגסטן, דער־הייטערנדיק די הערצער און זיי רירנדיק, וועקנדיק די מוחות און זיי בילדנדיק, מאָלנדיק די זיטן און זיי מאַכנדיק מילדער, ריינער און מענטשלאַכער. ער האָט תמיד גערעדט דורך פרעמדע ליפּן, מיט פרעמדע צינגער.

אַזוי וועט אויך ווייטער רעדן, אונזער גרויסער יעקב גאָרדין. אַזוי וועט ער רעדן כל־זמן ווי עס וועט זיין אַ אידיש פאָלק, אפילו אין דעם פאַל ווען זיי וועלן שוין זיין לשון מער ניט פאַר־שטיין און וועלן אים מוזן הערן אין פרעמדע לשונות, וואָס זיי וועלן מאַכן פאַר זייערע.

אין דעם זין וועט ער אין זיינע ווערק איצט ערשט אָנהויבן צו לעבן, אַ געליבטער און געאַכטעטער דיכטער, אַ כהן־גדול אין דעם בית-המקדש פון דער אויפבליענדיקער אידישער קונסט.

עלעאַנאָרא מאַרקס, איר ליבעס־לעבן און איר טראַגישער טויט*)

1855—1898

1.

צוואַנציק יאָר זיינען איצט פאַרגאַנגען זינט קאַרל מאַרקס׳עס אײנגערע טאָכטער איז פרייוויליק אַרויסגעגאַנגען פונם לעבן, „דורך דער הינטער־טיר פון זעלבסטמאָרד“, ווי אונזער דעבס וואָלט זאָגן.

דריי טעכטער האָבן די מאַרקסעס זוכה געווען אויסצוהאָדעווען — עטלאַכע קינדער זיינען געשטאָרבן אין דער ערשטער קינדהייט — און אַלע דריי האָבן געענדיקט ניט גוט.

דזשעני, די פרוי פון לאָנגעי, איז געשטאָרבן מיט צוויי חדשים פריער פאַר׳ן פאָטער. איר פאַר־דער־צייטיקער טויט, וועלכער איז געקומען—אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ—ניט פיל מער ווי אַ יאָר נאָך דעם, ווי מאַרקס האָט געהאַט פאַרלאָרן זיין פרוי, איז פאַר׳ן קראַנקען, אויסגעמאַטערטן מאַרקס געווען אַ טויט־קלאַפּ. זיין פרוי האָט ער פשוט פאַרערט, און די קינדער האָט ער לײדנשאַפטלאַך געליבט. דזשעני אָבער איז אַ צייט לאַנג געווען זיין ליבלינג צווישן די קינדער. אין זיינע בריוו צו ענגעלס׳ן און אַנדערע הייסט זי ביי אים כסדר „דזשענניכען“ ביז׳ן סוף.

אַן אַנדער טאָכטער לאורא, די פרוי פאול לאַפאַרג, דעם באַקאַנטן פראַנצויזישן פאַרטיי־פירער, איז מיט עטלאַכע יאָר צוריק

---

*) „צוקונפט“, 1918. זייטן 349, 399 און 469.

צוזאַמען מיט איר מאַן געשטאָרבן אין איין טאָג, דורך אַ דאָ־פּעלטן זעלבסטמאָרד. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס האָבן זיי ביי־דע באַשלאָסן צו טאָן, ווען זיי זיינען געוואָרן 70 יאָר אַלט, כדי ניט צו פאַלן קיינעם צו לאַסט און אַזוי ווייטער. אַ תּירוץ איז דאָס אויף דער פראַגע „היתכן?“, אָבער אַ גאַנץ שוואַכער.

פאַר סאָציאַליסטן, ספּעציעל פאַר קאָמפּסלוסטיקע, טעטיקע, האָפנונגספולע קעמפּער־נאַטורן, ווי פּאָול און לאורא לאַפאַרג זיי־נען געווען, איז אַזאַ דאָפּעלטע זעלבסט־פאַרניכטונג אַן אומנאַ־טירלאַכע זאַך אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן. די טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף אַ סצענע אַ שטילער, אָן אַ גרויסן פּובלי־קום אין דעם אוידיענץ־זאַל; דעם סופליאָר און די כּוחות הינטער די קוליסן האָבן מיר גאָר אינגאַנצן ניט געזען.

ביי מיר אַליין זיינען געווען ציטן, ווען איך האָב כּמעט גענומען גלויבן אין אַ זאַך, וואָס שיינט אויפ'ן ערשטן בליק צו זיין אַ בויך־סבֿרה, הגם דאָס קומט, לויט ווי מיר געדענקט זיך, פון אַזאַ קוועלע, ווי משה העס'עס „רוים און ירושלים“.

אַ סבֿרה איז דאָ, אַז קינדער, וואָס שטאַמען פון געמישטע זיווגים, צווישן אידן און גוים, ענדיקן אָפט זייער לעבן מיט די אייגענע הענט, אָדער אַניט ווערן זיי משוגע. איך פּרעטענדיר ניט צו האָבן גענוג ידיעות דאָס צו לייקענען, אָדער צו באַשטע־טיקן, אפשר ווילן דאָס געלערנטערע מענטשן, ווי איך, אויך ניט קענען טאָן. אָבער געטראַכט האָב איך וועגן דעם זייער אָפט, ווען איך האָב געקלערט, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, אַז צוויי טעכטער פון אונזער גרויסן מאַרקס האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן.

פון זיי ביידן, פונדעסטוועגן, אינטערעסירט אונז אין דעם דאָזיקן אַרטיקל די אינגערע. און ניט זי אַליין. אונז אינטערע־סירט, אפשר נאָך מער ווי זי, דער מאַן אירער, עדוואַרד עוועלינג, וועלכער האָט זי געבראַכט צו איר פאַר־דער־צייטיקן טויט.

מיר ווילן זען באַקאַנט צו ווערן מיט זייערע פּערזענלאַכ־

קייטן, כדי צו זען וואָס אויפ'ן ערשטן בליק איז במעט אַזוי מיס־טעריעז, ווי דער טויט פון די לאַפּאַרגס אַליין.

געקענט האָב איך ביידן, עלעאַנאָראַ'ן און איר מאַן, זייער גוט פערזענלאַך. איר האָב איך געהאַט אַ רעכט צו האַלטן פאַר אַ פריינדין, ווי פריינטשאַפטן פירן זיך צווישן טעטיקע גענאָסן אין דער באַוועגונג: צוזאַמקומענדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין אַ קאָנצערט־זאַל, אויף אַ מאַרש אין אַ פּראָצעסיע און במעט ניט אַריינבליקנדיק איינער ביים אַנדערן אין דער וואוינונג.

איך וועל אָנפאַנגען מיט איר.

2.

עלעאַנאָראַ (עליאַנאָר) איז געבאָרן געוואָרן אין לאָנדאָן, דעם 17טן יאַנואַר, 1855. זי איז אין דער ערשטער קינדהייט געווען זייער „ווילד", אַ מין אינגעלשע מיידל, זיך כסדר אַרומשלאָגנדיק ניט בלויז מיט אינגלאַך, נאָר מיט אַזעלכע, וואָס זיינען געווען עלטער פאַר איר.

אין דערהיים און אויף דער גאַס איז זי געווען באַקאַנט אַלס טוסי, אַ צונאָמען, וואָס די עלטערן האָבן איר געגעבן. די קינדער אין גאַס פלעגן רעדן וועגן דער מאַרקס־פאַמיליע אַלס די „טוסיעס".

אַ רעוואָלוציאָנערקע אַ געבאָרענע, האָט זי, ביז זי איז גע־וואָרן אַן עלטערע מיידל, לגמרי ניט געוואָלט הערן און וויסן פון קיין שום שול. לערנען איז פאַר איר געווען אַ מין יאָך, אַ לאַנג־ווייליקע זאַך. דערפאַר אָבער האָט זי זייער פיל געלייענט. איר ליבלינג איז געווען שעקספּיר—מאַרקס'עס אויך—און זי האָט גע־קענט גאַנצע שטיקער, אויב ניט גאַנצע דראַמען, אויסווייניק.

אין דער צייט פון דעם אַמעריקאַנישן בירגער־קריג, אין די יאָרן 1861 ביז 1865, איז זי געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אונזער היגן איבערקער. אַזוי ווייט איז דאָס געגאַנגען, אַז טוסי, נאָך ניט צען יאָר אַלט, פלעגט שרייבן בריוו צו פּרעזידענט

לינקאָלן, כדי אים צו דערמונטערן און צו אונטערשטיצן אין זיין טעטיקייט אַלס דער באַפרייער פון די נעגער־שקלאַפן. אַז זי האָט מיט „אייבי'ן" זייער סימפּאַטיזירט און אים אפשר טאַקע געליבט, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן.

ארום יענער צייט, אין 1864, איז געגרינדעט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַל. די קליינע האָט זיך דערמיט אויך אינטערע־סירט. נאָך יעדער זיצונג פון דעם גענעראַל־ראַט פלעגט די מאַמע ברענגען די טעכטער אַ „רעפּאָרט", און מיסס עלעאָנאָרא, אין אַ קורצן קליידל און קינדערשע שיכלאַך, אויף פיסלאַך מיט נאַקעטע פּאָלקעס, ווי עס פירט זיך אין ענגלאַנד, פלעגט זי מיט די עלטע־רעביידע שוועסטער ערנסט דיסקוטירן די ברענענדיקע פראַגן אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. איר עסק.

„איך האָב צ ו ו י י מ ו ח ו ת" — האָט זי איין טאָג וועגן זיך געזאָגט, נאָך זייענדיק אַ פּיצל קינד.

צו 16 יאָר איז זי שוין אַ גאַנצער מענטש. נאָך דער פּאַרי־זער קאָמונע, ווען די קאָמונאַרן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון דעם תליון, זיינען מאַסנווייז געקומען קיין לאָנ־דאָן, אַלע אָרעם און אָן אַ היים, איז עלעאָנאָרא „אויפגעטראָטן" אַלס „טאַלאַנט" אויף אַ קאָנצערט פאַר זייער בענעפיט. אין איר פּובליקום האָט זיך איינגעפונען טאַטע מאַרקס, פרידריך ענגעלס, אויגוסט בעבעל, דער רוסישער רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין און עדוואַרד בערנשטיין. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ענגלאַנד פון יענער צייט איז, אַז דעם סובסקריפּציאָנס־ליסט פאַר די קאָמונאַרן האָט געעפנט קעניגין וויקטאָריא מיט אַ נדבה פון 50 דאָלאַר.

עלעאָנאָרא האָט דעקלאַמירט. יעדער טוט, וואָס ער קען.

דערוויל איז איר אָפּאָזיציע צו דער שול ביסלאַכווייז אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זי האָט ניט נאָר אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף דעם גאַנצן קורס, זי איז אויך געוואָרן אַ געזעצלאַך אויסגעבילדעטע לערערקע מיט אַ דיפּלאָם, ווי עס פירט זיך אין דער וועלט ביי געוויינטלאַכע, רואיקע בירגער.

און מיט דער צייט האָט זיך אויפגעכאַפּט איר האַרץ און

האָט גענומען פאַרלאַנגען אַביסעלע אויפמערקזאַמקייט. עלעאָנאָ־ראַ'ס מוח איז זיך טאַקע ביי איר געווען אַ גאַנצער תקיף, ווייל פון דער קינדערשער „אינגעלשער־מיידעלע" איז געוואָרן אַ יונגע פרוי מיט אַ שטאַרקן—וואָס מיר, מאַנסבילן, רופן, רעדנדיק פאַר־

עלעאָנאָראַ מאַרקס

ווייסט אידיש—מענלאַך פעסטן כאַראַקטער, מער דענקענדיק ווי פילנדיק.

אָבער אַ האַרץ איז אַ האַרץ, און מיט אַן אָנווייזונג אויף יענער וועלט, אָדער מיט אַ פּאַרציע וויסנשאַפט קענט איר אַ האַרץ, וואָס הונגערט און גאַרט נאָך אַביסעלע ליבע, ניט אָפּ־פּטר'ן. ווען, דערפאַר, דער ריכטיקער בעל־דבר האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט עלעאָנאָראַ'ס האַרץ אים צוגערופן: „אַריין!", און ער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן.

דער בעל־דבר איז געווען אַ פראַנצויזישער געגאָסע מיט'ן נאָמען ליסאַגאַרי, דער מחבר פון דער בעסטער געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע, וואָס מיר האָבן.

איך ווייס ניט, וואָס ער האָט צו אים געהאַט, נאָר מאַרקס איז געווען שטאַרק געגן ליסאַגאַרי. אין זיינע בריוו צו ענגעלס'ן, אין וועלכע ער רעדט סתם זייער אָפט וועגן הויז־אַנגעלעגנהייטן, דערמאָנט ער כסדר ליסאַגאַרי'ס נאָמען מיט כעס און ווען פון פון דעם שדוך ווערט גאָרניט, איז דער אַלטער מאַרקס זייער צופרידן.

ליסאַגאַרי איז אַראָפּ פון דער סצענע. ער איז, משמעות, אָבער נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבן הינטער די קוליסן. אין די לעצטע בריוו צווישן מאַרקס און ענגעלס ווערן דערמאָנט עלעאָנאָראַ'ס ליידן, אירע „זעעלישע קעמפּפע".

און דאָ, אפשר נאָך איידער דער גרויסער דענקער פאַרמאַכט אויף אייביק די שאַרפע קלוגע אויגן זיינע, קומט אַריין אין לעאָנאָראַ'ס לעבן אַ נייע פּערזאָן, וואָס הויבט אָן צו שפּילן אַ העלדן־ראָלע אין אַ לעבנסדראַמע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ יאָר 12—13 שפּעטער אַלס אַ טראַגעדיע, ווי מיר ווייסן שוין.

דערוויייל איז פרוי מאַרקס געשטאָרבן. דעם צווייטן דע־צעמבער 1881 האָט זיך געענדיקט אַ לעבן פון שווערע, שטילע ליידן, פון שטאַרקע, שטילע קאַמפן פאַר דעם שטיקעלע ברויט, פון אַן אומענדלאַך טיפער ליבע צו איר קאַרל, איר מאַן, איר גע־ליבטן, איר גאָט.

האָב נאָך־וואָס גערעדט וועגן עלעאַנאָראַ'ס טראַגעדיע און, איבערלייענענדיק יענע פּאָר שורות, דערמאָן איך זיך, אַז זי האָט צו אַ געוויסער צייט ערנסט געטראַכט וועגן ווערן אַן אַקטריסע. זי האָט שטודירט מיט דער פרוי פון הערמאַן יונג, אַ זייגער־מאַכער פון דער שווייץ, וואָס האָט גענומען אַ לעבעדיקן אַקטיוון אינטערעס אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. פון אים איז, אגב, דאָ אַ סך וואָס צו דערציילן. ער איז געווען איינער פון די „סעלף־מייד־מען" אין דער באַוועגונג אין די צייטן, איידער פּינאַקל איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון אַן אַרבעטער סאָציאַליסט'ס לעבן.

ווי עס שיינט, איז מאַרקס ניט געווען דאַגעגן, אַז זיין „טו־סי" זאָל ווערן אַ שוישפּילערין.

דאָ, ווי זיי זאָגן אין אַלט־מאָדישע ראָמאַנען, ווילן מיר אויף אַ ווײַלע לאָזן שטיין אונזער העלדין און אַ בליק טאָן אין דעם לעבן פון איר מאַן.

3.

איך בין אָנגעקומען אין לאָנדאָן אין 1879. צוליב מיין חיונה — איך האָב דאָן געלערנט רוסיש מיט ענגלענדער און העברעאיש מיט ענגליש־געבאָרענע אידישע קינדער — איז פאַר מיר וויכטיק געווען וואָס גיכער זיך אויסצולערנען דעם לשון פון דער מדינה.

פון פריערדיקער ערפאַרונג, צוערשט אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין פראַנקרייך, האָב איך געוואוסט, אַז כדי צו דער־גרייכן מיין צוועק, מוז איך וואָס מער הערן ענגליש, צוגעוואוינען מיין אויער צום לשון. דאָס איז אָבער געווען זייער און ניט לייכט.

גוטן ענגליש וואָלט איך געקענט הערן פון אידישע „רעווע־רענדס" אין רעפאָרמירטע סינאַגאָגן. איז אָבער די אפּיקורסות געווען דאַגעגן. אין יענע צייטן האָב איך אָפּט ממש געהונגערט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט „זיך גיין וואַשן" צום עסן, אָדער,

מורמלענדיק כלומר'שט בענטשן ביי דעם טיש פון די קינדער, מיט וועלכע איך האָב געלערנט דקדוק. געגן אריינגיין, ווידער, אין אַ קירך איז געווען די אַלטע אידישע אַנטיפּאַטיע צו צער־קוועס, און דערצו די מורא, אז עס זאָל ניט אַרויסגיין דער קלאַנג, אז איך גרייט זיך צו צום שמד. דאָס איז דעמאָלט געווען אין ענגלאַנד מעשים־בכל־יום. מיטינגען? נו, זיי האָב איך פיל און שטאַרק באַזוכט, אָבער אין די יאָרן 1879 ביז 1882, אפילו אביסל שפּעטער, האָט מען נאָך קיין ענגליש וואָרט ניט געהערט, ווייניקסטנס ניט אויף אונזערע, די סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען. עס זיינען נאָך קיין ענגלישע סאָציאַליסטן ניט געווען.

האָט אימיצער מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די „האָל אָוו סאַיענס“. אהין פלעג איך, פון יענעם טאָג אָן, גיין אַלע זונטיק.

דער דאָזיקער „האָל“ איז געווען דער טעמפּל פון די לאָנדאָנער פריידענקער. דאָרטן האָט געהערשט אומבאַשרענקט דער גרויסער אפיקורוס טשאַרלז ברעדלוי; דאָרטן האָט געפּרעדיקט מרס. אַננאַ בעזענט, די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטקע און די היינטיקע פּירערקע פון די אַנגלאָ־זאַקסישע טהעאָזאָפיסטן; דאָרטן האָט אָפט גע'דרשנ'ט דער יונגער דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ, אַ זשורנאַליסט און אַ קריטיקער פון פיעסן, דעם גרויסן עולם נאָך גאַנץ אומבאַקאַנט.

דאָרטן פלעגן אויך רעדן אַנדערע, צייטנווייז.

איין זונטאָג האָב איך געהאַט אַן איבעראַשונג.

אַנשטאָט אַ פּאָליטישער אָדער אַנטי־רעליגיעזער לעקטשור, איז דאָרטן געווען אַ ליטעראַרישער פּאָרטראַג. גערעדט האָט אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק (אָדער ווייניקער) וועגן דעם ענגלישן דיכטער טאָמאַס הוד. רעדנדיק, האָט ער סטראָפנווייז דעקלאַמירט, מיט ערקלערונגען, הוד'ס „ליד פונם העמד“, און דער איינדרוק אויף מיר איז געווען אזא געוואַלדיק גרויסער, אז הוד'ס ליד איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געווען צווישן די ערשטע זאַכן, וואָס איך האָב געאידישט פאַר אונזער אַרבעטער.

דער לעקטשורער איז, ווי איר האָט זיך געווים אַליין שוין אָנגעשטויסן, געווען דער דר. עוועלינג.

זיין שטימע איז געווען שטאַרק און „מעטאַליש“, דערביי אַנגענעם, כמעט גלעטנדיק אייער געהער. די ווערטער זיינען געקומען טיף פונם הארצן, הגם דער פאָרטראַג איז געווען טעאַט־ראַליש און פול מיט קינסטלער־עפעקטן. הור'ס ווערטער האָט ער ניט דעקלאַמירט, ער האָט זיי געשפּילט, „גע'עקטעט“.

דעם מאַנ'ס אָרט, האָב איך געקלערט, איז אויף דער דראַ־מאַטישער בינע. ערשט פיל שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען זיין אייגענע מיינונג אויך. נאָר לאָמיר ניט כאַפּן די פיש פאַר'ן נעץ.

אין 1883 איז מאַרקס געשטאָרבן. אין צייט פון צוויי יאָר האָט עלעאָנאָרא געהאַט פאַרלאָרן איר עלטערע שוועסטער, די מוטער און דעם פאָטער.

דר. עוועלינג, אַ קלוגער, פייאיקער, פּערזענלאַך זייער אַנ־גענעמער מענטש, דערביי אַ דאַרוויניסט און אַ סאָציאַליסט, איז אין יענעם יאָר געוואָרן זייער נאָענט באַפריינדעט מיט עלעאָנאָ־ראַ'ן. ער האָט אַרום יענער צייט אויפגעשריבן אַ ביכל וועגן דאַרווינ'ס טעאָריעס איבער דער אָפּשטאַמונג פון דעם מענטשן א. א. וו., וועלכעס איז דערשינען אין דייטש ביי דיעץ אין שטוט־גאַרט אַלס דאָס ערשטע ווערק פון אַ סאָציאַל־וויסנשאַפטלאַכער ביבליאָטעק, וואָס האָט אַריינגענומען ביאָלאָגיע און אַנדערע זאַכן אויך.

צי פּלוצלונג, צי בּיסלאַכווייז, ווייס איך ניט, אָבער אין 1884 האָט עוועלינג געהאַט פאַרנומען עלעאָנאָראַ'ס האַרץ אינ־גאַנצן. הייראַטן האָבן זיי אָבער געזעצלאַך ניט געקענט און אָט פאַרוואָס:

דר .עוועלינג איז געווען געשידן, אָבער ניט גע'גט פון אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט מיט יאָרן פריער. זי האָט מיט אים ניט געוואָלט לעבן, ווייל זיין טעטיקייט אַלס פריידענקער, סאָציאַליסט און לעקטשורער געגן „גאָט און מיים־

טערס" איז פאַר איר געווען אַן עפנטלאַכער סקאַנדאַל. עס איז דערביי געווען עפּעס אַנדערש אויך, אַרום וועלכעס מיר וועלן באַלד רעדן.

זי האָט אָבער מיט אים זיך גט'ן אויך ניט געוואָלט, ווייל אַלס פרומע קאַטאָליטשקע האָט זי דעם גט געהאַלטן פאַר אַ שרעקלאַכער זאַך, פאַר אַן עבירה.

דר. עוועלינג און עלעאָנאָראַ מאַרקס זיינען דערפאַר צונויפגעקומען אויף דעם יסוד פון וואָס מען רופט „פרייע ליבע".

עוועלינג, ווי איך האָב אויבן געגעבן אַנצוהערעניש, איז געווען געצויגט צום טעאַטער, עלעאָנאָראַ אויך. ביי אים איז דאָס ניט געווען בלויז אַ נייגונג, ער האָט — ווי לאַנג, ווייס איך ניט — טאַקע געשפּילט אויך, איידער ער איז מיט „טוסי" צונויפגעקומען, אונטער דעם נאָמען נעלסאָן, אַלעקס נעלסאָן, דאַכט זיך.

דער דאָזיקער גאַנצער עפּיזאָד אין זיין לעבן איז פאַרוויקלט אין מיסטעריעס און פאַרשלייערט. איך קען דערפאַר אויף קלאָר ניט זאָגן, וואָס פאַר אַן ערפאָלג ער האָט געהאַט אַלס שוישפּילער. זיכער איז אָבער, אַז ער האָט געפונען סימפּאַטיע ביי אַקטריסעס, ווייניקסטנס ביי איינער, אין וועלכער ער האָט געמוזט זיין שטאַרק פאַרליבט, ווייל זיין אָנגענומענער „בינע־נאָמען", נעלסאָן, איז געווען אירער.

4.

אין דעם יאָר 1884 האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערנסטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די איינגעבאָרענע פון ענגלאַנד. היינדמאַנ'ס „דעמאָקראַטיק פעדערייישאָן", געגרינדעט אין 1881 אַלס אַ האַלב־און־האַלב סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אָבער באַהאַלטנדיק איר אמת'ן פּנים, כדי—ווי זאָגט דער אַלטער קרילאָוו?— „כדי די גענז ניט צוצורייצן", איז איצט דערשינען אין דעם ענגלישן עפנטלאַכן לעבן אין איר נאַטירלאַכער געשטאַלט, אונטער איר אמת'ן נאָמען, עפּעס ווי אַן אַנטהילטע סטאַטוע, וואָס איז געווען פאַרטיק, אָבער ניט איבערגעגעבן דעם גרויסן פּובליקום,

און שטייט איצט אָפּגעדעקט פאַר אַלעמענס אויגן. דאָס איז געווען די „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פעדעריישאַן“, די „עס־דיר־עף“, וואָס רופט זיך היינט „בריטיש סאָשעליסט פּאַרטי“.

צו איר זיינען דעמאָלט גלייך צוגעשטאַנען פיל מענטשן מיט נעמען, אייניקע אפילו מיט בארימטע נעמען. די נייע־געגרינדעטע וואָכנצייטונג „דזשאַסטיס“ האָט רעדאַקטירט היינדמאַן. אים האָט אונטערשטיצט הערבערט בעראָוז, דער צייכנער וואָלטער קריין, דער שריפטשטעלער בעלפאָרט בעקס. אין דער מאַנאַטשריפט, וואָס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין יענעם יאָר, האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען בערנאַרד שאָ'ס ערשטער ראָמאַן, דער „אַנסאָשעל סאָשעליסט“, און דאָרטן, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז אויך צום ערשטן מאָל ארויסגעקומען פאַר'ן סאָציאַליסטישן עולם, אַלס סאָציאַליסט, דער דיכטער וויליאַם מאָררים, דער גרעסטער עפּיקער (דערציילנדער פּאָעט), וואָס ענגלאַנד האָט ארויסגעבראַכט זינט מילטאָן, ויש אומרים—זינט טשאָסער, וועלכער האָט געלעבט מיט אַ יאָר פינף־הונדערט פאַר מאָררים'ן און וועלכן מאָררים אליין האָט געהאַלטן פאַר גרעסער ווי דעם מחבר פון דעם „פּאַרלאָרענעם גן־עדן“.

צוזאַמען מיט אים זיינען אויך צוגעשטאַנען צו דער „עס־דיר־עף“ די עוועלינגס, עדוארד און עלעאָנאָרא. מיר, אידן, אין מזרח־לאָנדאָן האָבן שוין געהאַט אונזער „פּוילישן אידל“, וועלכער איז דערשינען מיט אַ וואָך זעקס צוריק, האָבן שוין געהאַט אָנגעפירט אַ „באַוועגונג“ עטלאַכע יאָר פריער ווי די ענגלישע גענאָסן. אין מזרח, כדרך־הטבע, הויבט אָן פריער צו טאָגן.

אביסל צוליב דעם איינפלוס פון פרידריך ענגעלס, וועלכער האָט פיינט געהאַט היינדמאַנ'ען, אביסל טאַקע דערפאַר, וואָס היינדמאַן איז געווען אַן אומסימפּאַטישע פּערזענלאַכקייט בכלל, האָבן זיך די עוועלינגס ניט באַטייליקט אין דער „דזשאַסטיס“, וויליאַם מאָררים און זיינע פריינט אויך ניט. דערווייל איז אָבער געקומען די שפּאַלטונג, אַן אומפאַרמיידלאַכע דערשיינונג אין יונגע באַוועגונגען, אַזוי אומפאַרמיידלאַך ווי פּאָקן און מאָזלען

בײַ קינדער קלײנע, ווי דער אַרויספאַלן פון די ערשטע צײנער.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַע פּאַרטײ, די „סאָשעליסט ליג", און אַ נײַער אָרגאַן, דער „קאָמאָנוויעל". די רעדאַקציע פון דעם לעצטן איז געווען אין די הענט פון וויליאַם מאָררים און עדוואַרד עוועלינג, הגם אָפיציעל איז עוועלינג קײן רעדאַקטאָר ניט געווען. ער פלעגט שרײַבן פּאָליטישע נאָטיצן אין יעדן נומער נאָך מאָררים'ן, אָבער מאָררים האָט קײנמאָל ניט פאַרפעלט אונ־טערצושרײַבן זײַנע איניציאַלן, די ראשי־תיבות פון זײַן נאָמען, עפּעס אַזוי ווי מורא האָבנדיק, אַז דער דר. עוועלינג זאָל ניט אויפ־שרײַבן אַזאַ מין נאָטיץ, וואָס זאָל אים, מאָררים'ן, קענען קאָמ־פּראָמעטירן.

אַלץ איז, פונדעסטוועגן, געגאַנגען כשורה ביז דער ערשטער יאָרגאַנג „קאָמאָנוויעל" איז געווען צו־ענד. דאַן האָט אויסגע־בראָכן אַ שטורעם אין אַן אומדערוואַרטעטן אָרט. דאָס איז גע־ווען ניט בלויז אַ שטורעם אין אַ וואַסער־גלאָז, וואָס די וועלט בכלל האָט פון אים גאָרנישט באַמערקט, נאָר אַזוינער, וואָס אפילו די „ראַנק־ענד־פײַל" פון די גענאָסן האָבן פון אים ניט געוואוסט. און דאָך אַ שטורעם!

פּאַסירט האָט פאָלגענדעס:

באַשלאָסן איז מיט אַ קורצער צײַט פריער געוואָרן צו לאָזן בינדן 200 קאָמפּלעקטן פון דעם ערשטן יאָר „קאָמאָנוויעל" און עוועלינג האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אײן טאָג איז מאָררים אַרײַנגעקומען אין דעם אָפיס און האָט געפונען די געבונדענע „סעטס", געבראַכט אַ ווײַלע פריער. אויף דעם פאָדערשטן טאָוול האָט ער דערזען אין געגילטע אותיות די ווערטער „קאָמאָנוויעל—וויליאַם מאָררים און דר. עוועלינג רעדאַקטאָרן".

„וויפיל האָט געקאָסט דער אײַנבאַנד?"—האָט ער מיט אַ גרימצאָרן, וואָס איז בײַ דעם מילדן, ליבן, געלאַסענעם דיכטער געווען כמעט אַן אומנאַטירלאַכע דערשײַנונג, געפרעגט. ער האָט

אויסגעשריבן אַ טשעק פאַר דער סומע און האָט געהייסן איבער־ביינדן די 200 קאָמפּלעקטן אָן נעמען פון רעדאַקטאָרן.

„זיין נאָמען לעבן מיינעם!“—האָט ער אויסגעשריען—„ניט שלעכט, כ׳לעבן! !“

מאָררים איז ניט בלויז געווען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אים נאָר־וואָס אָנגערופן, נאָר אויך דער דעמאָקראַטישסטער, באַשיידנסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען־עס־איז געטראָפן, חוץ אפשר פעטער לאַוורּאָוו. ער האָט זיך געפילט גליקלאַך צווישן אַרבעטער; האָט געטראָגן די איינפאַכסטע, ביליקסטע קליידער, אָן אַלט־פרענקישן זילבערנעם זייגער אין קעשענע אָן אַ קייטל, עפּעס אַזוי ווי ניט צו וועלן זיין פון אַ רייכן קלאַס. ער האָט זיך געפונען באַליידיקט, ווען מען האָט אים ניט גערופן איינפאַך „מאָררים“; „וואָס דאַרפט איר מיך מיסטערן?“—פלעגט ער, האַלב־לאַכנדיק, האַלב אין כעס, זאָגן צו די אַרבעטער.

און ער, הייסט עס, קען אַזוי ווייט גיין, ניט וועלנדיק, אַז דר. עוועלינג׳ס נאָמען זאָל שטיין אויף דעם טאָוול פון אַ בוך לעבן זיינעם! דאָ מוז עפּעס זיין, האָבן מיר באַשלאָסן.

און ביסלאַכווייז זיינען אַרויסגעקומען פאַרשידענע „פאַקטן“ בנוגע צו עוועלינג׳ס לעבן... אויף דעם מוטנעם שטראָם פון לשון־הרע איז אַרויפגעשוואומען אַ בילד פון אַן אַקטריסע, פון אַ פריערדיקער ווייב, פון צווייפלהאַפטיקע באַשעפטיקונגען צוליב פרנסה אין דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, אַלץ איבערטריבן, צעצויגן, ווי אין אַ קאַריקאַטור פאַר דעם אייגענעם פאַרגעניגן, אַ שטייגער —

הויבט זיך הענטלאַך,
פאַטשט אין בייכל,
קוקט נאָר אָן די שכנים!

אָדער אַניט צו שטילן דעם אייגענעם געוויסן, אויף וועלכן מען האָט אַליין געהאַט גוט־באַהאַלטענע, טיף־באַגראָבענע קליינע און גרעסערע חטאים׳לאַך און חטאים.

אין 1886 זיינען די עוועלינגס, צוזאַמען מיט דעם אַלטן

ליבקנעכט אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע אויף א לעקטשור־טור. זייער טור האָבן די עוועלינגס שפּעטער באשריבן, און די באַ־שרייבונג איז ארויסגעגעבן געוואָרן אלס בראָשורע.

מיר האָבן פון זייער פּריוואַט־לעבן ווייניק־וואָס געוואוסט און נאָך ווייניקער געזען אין א משך פון עטלאכע יאָר צייט.

.5

דערווייל איז די אידישע ארבעטער־באַוועגונג געוואַקסן. יו־ניאָנס האָבן זיך אָרגאניזירט, דער „ארבעטער פריינד" איז גע־וואָרן א וועכנטלאכע צייטונג, דער קלוב אין בערנער סטריט האָט אָנגעהויבן צו האָבן א שם.

געגנאָסן פון די אומות־העולם האָבן זיך מיט אונז פאראינטע־רעסירט. קראָפּאָטקין, סטעפּניאַק, טשאַיקאָווסקי, וויליאַם מאָר־ריס, היינדמאַן, בעררוז, קוועלטש און אנדערע זיינען געווען ניט זעלטענע געסט אין ווייטשעפּל און אומגעגנט. עלעאָנאָרא איז ביי אונז געווען אָפטער ווי אלע און ניט אלס גאַסט. זי איז גע־ווען אונזערע, אַן אייגענע, א אידיש־קינד אין דעם פולן זין פונם וואָרט.

אין א שפּאַס פלעגט זי זאָגן, אַז זי איז דער אינטערנאציאָ־נאַלסטער מענטש אין דער וועלט:

„מיין פאָטער א איד, מיין מוטער א דייטשקע, וואָס שטאַמט פון א דייטשן פאָטער און שאָטלענדישן זיידן, דער מאַן אַן איי־רישמען, פארשוויגערט מיט פראַנצויזן און מיט האָלענדיש־אי־דיש בלוט ערגעץ־וואו אין די אָדערן פון דער פאַמיליע."

„און איך אליין", פלעגט זי אויספירן, „בין א אידיש־קינד— אַי עם איי דזשועס!"

דער פּנים אירער, אזוי אויסגעפּרעגט אידיש ווי ערגעץ א פּנים פון א אידישער מיידל אין פּוילן, ליטא אָדער זאַמוט, פלעגט אונטערשמייכלען און אַן ווערטער זאָגן: „יו בעט יו אר!"

ספּעציעל אָפט פלעגן מיר איר זען ביי זיך אין קריסטשיאַן

סטריט, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די אַנאַר־כיסטן אין דעם אָנהויב פון די 90־קער יאָרן.

מיר זיינען מיט איר נעענטער באַקאַנט געוואָרן. זי פלעגט קומען צו אונז אין קלוב מיט דר. עוועלינג און אַן אַלטן דייטשן גענאָסע, פרידריך לעסנער, אַן ארבעטער, וואָס האָט פאַר'ן טויט — ארום דעם יאָר 1908 — אָנגעשריבן אַ בראָשורע: „זעכציק יאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג". דער אַלטער האָט נאָך גע־הערט צום „קאָמוניסטישן בונד" פון דעם יאָר 1847 און שפּע־טער, האָט זיך גע'משפט צוזאַמען מיט מאַרקס'ן אין דעם קעלנער

עלעאַנאָראַ מאַרקס און איר מאַן, דר. עדוואַרד עוועלינג

„קאָמוניסטן־פּראָצעס". דער אַלטער לעסנער איז געווען ניט קיין שעלכטער רעדנער, אָבער ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט ביי יע־דער פּאַסנדער אָדער אומפּאַסנדער געלעגנהייט אריינצוברענגען זיינע פּערזענלאַכע באַציאונגען צו קאַרל מאַרקס, וועלכן ער האָט טאַקע געליבט באמת ובלב תמים.

אויף עלעאָנאָראַ'ן האָט ער געקוקט ווי אויף אַ ירושה פון זיין קאַרל מאַרקס, און מיר פלעגט זיך אָפּרופן, אַז דאָס גייט ער מיט איר מיט אַלס שוצגייסט, כדי עס זאָל איר, חלילה, קיין

טורג שערידאַן, ווי ער איז האַלב שכור'לאַך געגאַנגען אין דער געגנט פונם פּאַרלאַמענט, האָט דאָרטן דערזען אַ טויט־שכור'ן אין רינע און, זיך מיט רחמנות אַריבערבויגנדיק איבער אים, האָט ער צו אים געזאָגט: טוט מיר לייד, ברודער... וואָלט דיך גערן אויפגעהויבן, בין אָבער אַליין אַביסל פּאַרסנאַסקעט... אַלץ וואָס איך קען טאָן פאַר דיר איז זיך לייגן אין רינע לעבן דיר...

אָרעמע עלעאָנאָראַ! און דאָך האָט קיינער דעם דר. עוועלינג קיינמאָל ניט געזען שכור... אויך האָט אים צו קיין ביר אָדער שנאַפּס ניט געצויגן. אים האָט געצויגן צו עפּעס אַנדערש... צו דער אַקטריסע, וועלכע האָט אים אויף אַ קורצער צייט געליען איר נאָמען און אויף אַ גאַנצן לעבן דערפאַר גענומען זיין האַרץ.

האָט זי דערפון געוואוסט, זי, עלעאָנאָראַ אונזערע? וואַרשיינלאַך. ווען האָט זי דאָס אַרויסגעפונען? ווי אַזוי? האָט זי אים נאָכגעשפּיאָנירט, אָדער האָט איר דאָס אימיצער דערציילט? קיינער ווייסט ניט.

אַז זיין האַרץ איז ערגעץ אַנדערשוואו, האָט זי זיכער געפילט גלייך דעם ערשטן טאָג פון זייער צוזאַמענלעבן. דאָס פילט אַ פרוי אינסטינקטיוו, אפילו די דומסטע פרוי... ווען איך שטעל די פראַגע: „האָט זי דערפון געוואוסט?", מיין איך בלויז, צי האָט זי געוואוסט ווער און וואו די פּערזאָן איז געווען, וואָס האָט אים כסדר אָפּגעצויגן פון איר, אים וואַרשיינלאַך ניט געבנדיק קיין שום זאַך חוץ יסורים, ווי דער פלאַם, וואָס ציט צו זיך דאָס זומער־פייגעלע, אים בלויז פאַרברענענדיק די פליגעלאַך מאָל פאַר מאָל און ווייטער גאָר נישט, בעת אַנדערע געניסן דאָס ליכט און די וואַרימקייט.

6

דערווייל האָט זיך די לאַגע ביי די עוועלינגס אַביסל געבעסערט. די ערשטע (געזעלאַכע) מרס עוועלינג איז געשטאָרבן און האָט אים געלאָזן אַ ירושה, אַ יערלאַכע הכנסה פון 750 דאָלאַר.

עלעאָנאָראַ האָט זיך אַריינגעוואָרפן נאָך טיפער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירנדיק און העלפנדיק יוניאָנס, ספּע־

ציעל די געז־אַרבעטער, וואו וויל טהאָרן, היינט שוין לאַנג א סאָציאַליסטישער מעמבער פון פּאַרלאַמענט, איז געווען דער סעקרעטאַר.

און דאָ גרינדעט זיך די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי (די אי־על־פּי), צו וועלכער עלעאַנאָרא און עדוואַרד שטייען גלייך צו, מיט דער הסכמה און דער ברכה פון פרידריך ענגעלס. מען פילט, אַז היינדמאַנ'ס ס. ד. פ. וועט קיינמאָל קיין פּאָליטישע פּאַרטיי אין ענגלאַנד ניט ווערן.

דער עלעמענט צווישן די פירער פון דער נייער פּאַרטיי איז אַבּיסעלע רוי. עלעאַנאָרא טוט איצט, וואָס זי האָט געטאָן פריער: זי נעמט די טייטל אין דער האַנט און לערנט סאָציאַליזם מיט א סך שפּעטערדיקע גדולים. סיי זי, סיי עוועלינג שיינען זיך צו פילן אין דער נייער פּאַרטיי ווי א פיש אין וואַסער און אונז פון ווייטן דוכט זיך, אַז ביי זיי גייט אַלץ כשורה.

ביי מיר פערזענלאַך ווערט דער איינדרוק פאַרשטאַרקט אין אָנהויב אויגוסט פון יאָר 1893 אויף דעם פאָלגנדן אופן:

מיר פאָרן צום ציריכער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס. אונזער דעלעגאַציע (ענגלישע סאָציאַליסטן און טרייד־יוניאָניסטן) איז 65 מאַן שטאַרק. מיר פאַרנעמען עטלאַכע וואַגאָנעס, יעדער, ווי עס פירט זיך אין ענגלאַנד, איינגעטיילט אין עטלאַכע קאָמפּאַרט־מענטס, וואָס קענען פאַמיעשטשען צו 10 מענטשן.

צי דורך א צופאַל, אָדער דורך עלעאַנאָרא'ס פריינטלאַכקייט האָב איך מיך איינגעפונען אין זייער קאָמפּאַרטמענט און מיר זיי־נען אויף דעם אופן געוואָרן אינטימער באַפריינדעט, ווי ווען־עס־איז פריער.

עוועלינג איז געווען דעם גרעסטן טייל פון דער צייט ביזי מיט זשורנאַליסטישער אַרבעט; ער איז געפאָרן אַלס דער פאַר־טרעטער פון דעם לאָנדאָנער „דעילי קראָניקל“, די ראַדיקאַלסטע מאָרגנצייטונג. משמעות האָט ער געאַרבעט אויף א רעפּאָרט פון וועג. ער האָט אָבער זיך באַטייליקט אין יעדן געשפּרעך און איז געווען לוסטיק און לעבעדיק.

דעלעגאַטן צום ציריכער אינט. קאָנג. (מ. ווינטשעווסקי, רעכטס, איז פאַרשטעלט פון אַ צווייטן דעלעגאַט)

עלעאַנאָרא איז אויך ניט געזעסן ליידיק, אָבער זי האָט בסדר געשטיפּט און געלאַכט. ווען איך וואָלט גאָרניט געוואוסט פון ביידנס פּאַרגאַנגענהייט, וואָלט איך געמיינט, אַז זיי זיינען די גליקלאַכסטע פּאָר פאָלק אין דער וועלט.

אין ציריך האָבן מיר זיך געהאַלטן מער אָדער ווייניקער פון גאַענטן, הגם דאָ זיינען אַרום איר געווען אַזוי פיל אָנגעפּאָרענע דייטשן, אַז זי האָט ווייניק־וואָס צייט געהאַט פאַר מיר.

איין טאָג זאָג איך צו איר:

„איר ווייסט, איך רעפּרעזענטיר אַכט יוניאָנס, אַ שטיקלאַך 600 אידישע אַרבעטער. דאָ זיינען זיכער פאַראַן אַ סך גוטע סאָציאַליסטן, וואָס קענען זיך סתם ניט פאָרשטעלן אַ אידישן אַרבעטער, דאָס הייסט, אַ אידן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט פיזישער אַרבעט און אַ פשיטא שוין אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע אידישע אַרבעטער! איצט איז אָבער די צרה, אַז אין אונזער גרויסער ענגלישער דעלעגאַציע בין איך פון די עקסטרעמסטע ראַדיקאַלן און איר זעט דאָך, ווי עס ווערן אַלע אינדערפרי (ביי די קאָקוס־מיטינגען) אויסגעקליבן רעדנער ביי אַלע פראַגן פון די מיטלמעסיקע. וואָס־זשע טוט מען?"

„ווייסט איר וואָס, ווינטשעווסקי?", זאָגט זי, „שרייבט מיר אויף אָט־דאָס, וואָס איר זאָגט, די נעמען פון אייערע יוניאָנס און די צאָל אַרבעטער, און איך וועל, אַלס איבערזעצערין, שוין דאָס אַריינשמוגלען אין קאָנגרעס ווי־עס־איז".

אַ שעה שפּעטער האָט זי שוין אין דריי שפּראַכן (דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש) באַקאַנט געמאַכט דעם פאַקט, אַז אמת'ע אידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין אַכט יוניאָנס, האָבן דאָ זייער פאַרטרעטער, גענאָסע... און אַזוי ווייטער.

דאָס איז אין יעדער שפּראַך אויפגענומען געוואָרן מיט שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן. עלעאָנאָרא'ס פּנים האָט געשטראַלט מיט שטאָלץ.

אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער, כמעט ביים שלום פונם קאָנגרעס, האָט זי מיר געזאָגט:

„איר ווייסט, ווינטשעווסקי, עדוארד וועט אייך אינטער־וויוען פאַר'ן „דעילי קראָניקל".

„מיך?"—האָב איך איר געפרעגט פארוואונדערט — איך האָב דאָך די גאַנצע צייט אַ מויל ניט געעפנט!"

„נעוועך מאַינד", זאָגט זי, „ער ווייסט שוין וואָס ער טוט".

עוועלינג האָט ביי מיר ווירקלאַך גענומען אַ לאַנגן אינטער־וויו און האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז עלעאָנאָרא'ס אידייע. מן־הסתם, האָב איך געקלערט, איז זי נאָך אַלץ אונ־טער דעם איינדרוק פון איר אָפּגעגעבענער דערקלערונג.

ווי שטאַרק איר אידיש הארץ איז געווען, האָט עדוארד בערנשטיין דערציילט אין 1898, נאָך איר טויט, אין דער דייט־שער „נייע צייט". ער ציטירט דאָרטן אירן אַ בריוו צו אים אין דער צייט פון דעם דרייפוס־פּראָצעס, אין וועלכן זי רעדט מיט גרויס אינטערעס וועגן דער לאַגע פון די אידן אין פראַנק־רייך. ער אונטערשטרייכט אויך איר ווערטל: „אַי עם איי דזשועס".

שבת, דעם 11טן אויגוסט, האָבן מיר געהאַט אַ מאַרש אין ציריך, וועלכן איך האָב באַשריבן אין אַן ענגליש מעשה'לע („איי פּערסעווירינג וואומען"). אין דער פּראָצעסיע איז מען געגאַנגען צו פיר אין אַ ריי.

איך האָב געזוכט אַן אָרט פאַר זיך אין דער פּראָצעסיע, און עלעאָנאָרא איז צו מיר צוגעלאָפן אין גרויס האַסט.

זי האָט מיך אַוועקגעשטעלט לעבן זיך, מיט וויל טאָרן פון איין זייט און עדוארד פון דער אַנדערער זייט.

“We Jews must stick together” (מיר, אידן, מוזן זיך האַלטן צוזאַמען) האָט זי געזאָגט.

און צוזאַמען זיינען מיר געבליבן. און פּלענער האָבן מיר גע־מאַכט. איך זאָל דערציילן די אידישע ארבעטער, ווער איר פאָ־טער איז געווען. זי וועט מיר געבן מאַטעריאַל, וואָס קיינער האָט ניט. זי וועט... מיר וועלן. עס איז פון די אַלע פּלענער גאָרנישט געוואָרן.

קומענדיק צוריק אהיים, האָב איך געפונען אַרבעט איבער'ן קאָפּ. מיין געזונט איז געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער. דער לאָנדאָנער פאָג האָט מיך שיר ניט דערשטיקט.

אַ יאָר שפעטער בין איך שוין געווען אין אַמעריקע און מער האָב איך שוין ניט געזען ניט איר, ניט אים.

דערמיט ענדיקט זיך מיין פערזענלאַכע ערפארונג.

7.

איין טאָג אין די לעצטע חדשים פון 1897 איז מיר פון לאָנדאָן אָנגעקומען די „דזשאָסטים" מיט דער פאָלגנדער פערזענלאַכער אָנצייגע פון עלעאָנאָרא מארקס־עוועלינג:

„צוליב דער קראַנקהייט פון מיין מאַן", האָט זי געשריבן, „מוז איך זיך אָפּזאָגן פון אַלע עפנטלאַכע ארויסטרעטונגען און בעט אַלע פאַראיינען, וואָס האָבן מיך אַנגאַזשירט צו לעקטשורן פאַר זיי, די דאָזיקע לעקטשורס אָפּצולעגן ביז איך וועל זיי לאָזן וויסן, אַז מיין לאַגע האָט זיך געענדערט צום גוטן".

מיין מוח, צוזאַמען מיט מיין הארץ, האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דער ערשטער אימפּולס מיינער איז געווען צו שרייבן צו ערגעץ אַ לאָנדאָנער גענאָסע און אָנפרעגן, וואָס ביי די עוועלינגס טוט זיך. קענענדיק עלעאָנאָראַ'ן און וויסנדיק אַביסל מער פון די פאַרהעלטענישן אין איר לעבן מיט עדוואַרד עוועלינג ווי אַ סך אַנדערע אין יענער צייט, האָב איך געקלערט, אַז הינטער דער אָנצייגע מוז זיך באַהאַלטן אַן ערנסטע געפאַר.

אָבער שרייבן בריוו! א י ך שרייבן בריוו!! וויפיל פריינטשאַפט האָב איך אין מיין לעבן געלאָזן שטאַרבן פון אויסצערונג, וויפיל גוטע באַקאַנטשאַפטן זיינען ביי מיר אויסגעגאַנגען מיט די כוחות, וואָס ביי אַנדערע מענטשן וואָלטן זיי געוואָרן פריינטשאַפטן! און דאָס אַלץ צוליב דעם, וואָס אַ בריוו שרייבן קומט מיר אָן אַזוי שווער ווי אים, כביכול, איז אָנגעקומען קריעת־ים־סוף.

אגב, בין איך אין 1897 שוין געווען דריי יאָר אַוועק פון

לאָנדאָן, פיל חברים האָב איך שוין געהאַט פאַרלאָרן און טאַקע צוליב דער דאָזיקער גאָט־פאַרדאַמטער אַנטיפּאַטיע צום „איבער־שרייבן־זיך" מיט מענטשן. פון האַררי קוועלטש, דעם רעדאַק־טאָר פון דער „דזשאָסטים", מיט וועלכן איך פלעג דאַן, זייענדיק אַ שטיקל מיטאַרבעטער ביי אים, גראָד פון צייט צו צייט קאָרעס־פּאָנדירן, האָב איך ניט דערוואַרטעט קיין זייער סימפּאַטישן אינ־טערעס אין די פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן פון די עוועלינגס.

מחשבות'ן! קיינער וואָלט ניט גלויבן ווי קאָנסערוואַטיוו ראַ־דיקאַלע מענטשן קענען זיין בנוגע צו מאַן־און־ווייב פראַגן. איר וואָלט מיינען, אַז די, וואָס שטרעבן אָפּצושאַפן פּריוואַט־אייגנ־טום אין פאַבריק־פּראָדוקטן, וועלן זיין די ערשטע צו באַשטרייטן די הייליקייט פון פּריוואַט־אייגנטום אין מענטשן, דאָס טוענדיק אָן אַ וואונטש, חלילה, איינגאַנצן אויסצוראָטן די מאָנאָגאַמיע און די טהרת־המשפחה. איז דאָס אָבער ניט דער פאַל. אַ „לינקער" זיווג, ווי, צום ביישפּיל, צווישן די עוועלינגס, האָט אַרויסגערופן אַ שיין ביסל לשון־הרע דווקא אין ראַדיקאַלע קרייזן, דוקא דאָרטן, וואו אין פּרינציפּ—אַזוי צו זאָגן—האָט מען אָפּט חוזק געמאַכט פון אַ זיווג צווישן אַן אומגליקלאַכער פרוי און אַ שיכור, אָדער אַ גנב אַ מאַן, אַ זיווג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף דעם יסוד פון חופה וקדושין, צי כדת משה וישראל, אָדער כדת יעזוס און די קריסטן.

אָבער אַרום דעם האָב איך אין יענער צייט ניט געטראַכט. דאָס איינציקע, וואָס האָט דאַן באַשעפטיקט מיין מוח, איז געווען די פראַגע: וואָס, ווער ווייסט, טוט זיך דאָרטן ביי זיי? איך פלעג יעדע וואָך, באַקומענדיק די „דזשאָסטים", פריער פאַר אַלץ אַ זוך טאָן, צי געפינט זיך ניט, אַשטייגער, ערגעץ־וואו, אין אַ נאָטיץ, אין אַ צושריפט, אָדער אין אַן אַרטיקל אַ וואָרט וועגן עלעאָנאָרא'ס לאַגע. געזוכט האָב איך יעדעס מאָל אומזיסט. אפילו נאָכדעם ווי דער פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביים סוף פונם לעצטן אַקט, איז ניט בלויז פאַר אונז פון דער זייט אַטלאַנ־טיק, נאָר אויך פאַר די זייטיקע מענטשן אין לאָנדאָן, דער אינ־

האַלט פון דעם דאָזיקן לעצטן אַקט געבליבן אַ סוד. ערשט מיט פיר חדשים שפּעטער, ווען עלעאַנאָראַ'ס בריוו צו פרידריך דע־מוטה, אַרום וועלכע מיר וועלן באַלד רעדן, זיינען באַקאַנט גע־וואָרן אין דייטשלאַנד דורך עדוואַרד בערנשטיין און אין ענגלאַנד דורך קיער האַרדי, האָט מען אָנגעפאַנגען צו קריגן אַ שטיקעלע באַגריף מכּוח דער טרויעריקער פּאַסירונג אין סידענהעם, לאָנדאָן.

8.

אין דעם לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע האָט געשפּילט אַ ראָלע, הגם בלויז אַ נעבנראָלע, אַ מאַן אין עלעאַנאָראַ'ס עלטער, אַ פאַרהייראַטער מאַן, אַן אַרבעטער, דער נאָר־וואָס דערמאָנטער פרידריך דעמוטה.

פרידריך, אָדער פרעדדי, ווי עלעאַנאָראַ רופט אים כּסדר, איז געווען דער זון פון העלענע דעמוט, וואָס האָט אין מאַרקס'עס הויז „געפירט די גאַנצע גרענדע", אויפּגעפּאַסנדיק אויף מרס. מאַרקס, אויף די קינדער און אויף דעם „מורין" אַליין. דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז געווען אין איר פאַרליבט און איר זון, אַלס אַ יתום, האָט זיך געהאָדעוועט צוזאַמען מיט מאַרקס'עס קינדער. זייענדיק אין איינע יאָרן מיט עלעאַנאָראַ'ן, די אינגסטע פון זיי, איז ער פון קינדוויז אויף געווען איר חבר, איר אינטימער פריינט, אין אַ געווויסן זין איר ברודער.

„אח לצרה יולד", זאָגט דער מחבר פון משלי. און דער טייטש דערפון איז: „אַ ברודער ווערט געבאָרן, כּדי בייצושטיין אַ מענטשן אין אַן אומגליק". און פרעדדי, וועלכן קיינער פון אונז האָט פריער ניט געזען אַרום איר, דערשיינט אויף דער בינע אין דעם דאָזיקן לעצטן אַקט.

וואָס דאָ האָט פּאַסירט איז פאָלגנדעס:

אין אויגוסט 1897 איז עוועלינג פּלוצלינג פאַרשוואונדן גע־וואָרן. צוזאַמען מיט אים איז נעלם געוואָרן וויפיל באַרע געלט עס איז געווען אין הויז. דאָס הייסט ניט, לאָמיך פאַרבייגייענ־

דיק באַמערקן, אַז ער האָט אַלץ אָוועקגענומען פון איר: איר ירושה פון ענגעלס'ן איז געווען אַזוי פיל, וויפיל דערפון איז גע־בליבן אין איר נאָמען, און דערצו האָט עוועלינג ניט געקענט צוקומען. וואָס ער האָט יאָ גענומען, איז געווען בלויז די באַרע מזומנים, וואָס איז געווען אין הויז.

מאַכנדיק זיין „ויברח", האָט ער איר געלאָזן אַ צעטעלע, אַז זי קען ניט וויסן, וואוהין ער גייט, אָבער אין דעם פאַל, ווען זי זאָל וועלן אים שרייבן, קען זי דאָס טאָן דורך אַ געוויסן אַקטיאָר, וועמעס אַדרעס ער לאָזט איר איבער.

ניט קיער הארדי, ניט בערנשטיין ווייסט ניט, אָדער—און דאָס איז וואַרשיינלאַכער—מאַכט זיך ניט וויסנדיק וועגן דער אַק־טריסע נעלסאָן. דערפאַר איז ניט ביי דעם, ניט ביי יענעם ניט דערמאָנט קיין שום איינצעלהייט בנוגע צו דעם פאַרמיטלער, דעם אַקטיאָר, וואָס עוועלינג רופט אָן אין דעם צעטעלע צו זיין פאַר־לאָזענער פרוי. ביי מיר אָבער איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז דער דאָזיקער אַקטיאָר איז געווען אַ פאַרמיטלער ניט בלויז צווישן עדוואַרד און עלעאָנאָראַ, נאָר אויך צווישן עדוואַרד און זיין גע־ליבטער אַקטריסע. איך צווייפל ניט, אַז אַוועק איז ער דאַן צו זיין מיס נעלסאָן, וועלכע האָט זיכער איינגעפונען ערגעץ־וואו אין דער פּראָווינץ.

קיער הארדי וויל האָבן, אַז דאָס איז עוועלינג פאַרשוואונדן געוואָרן מחמת ער איז געווען פאַרוויקלט אין אַ געלט־טראָבל און האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אַרעסטירן. וואָס איז שייך צו עלעאָנאָראַ'ס געלט־אַנגעלעגנהייטן, זאָגט הארדי, אַז אַ העלפט פון ענגעלס'עס ירושה איז דאַן שוין געווען „פאַרטאַכלעוועט" און עוועלינג האָט זיך אָפּגעטראָגן נאָכדעם ווי זיין פרוי האָט אים עמפאַטיש דערקלערט, אַז מער גיט זי ניט.

מיר לעגט זיך דאָס ניט אויפ'ן שכל. עוועלינג איז קיין גע־שעפטסמאַן ניט געווען, האָט אין ערגעץ קיין קרעדיט ניט גע־האַט און סיידן אין דעם פאַל, ווען ער זאָל האָבן געפעלשט אַ וועקסל, זע איך ניט איין, פאַרוואָס מען האָט אים געקענט אַרעס־

טירן. אַ פעלשונג איז אין עוועלינג'ס לאַגע און לויט ווי איך וואָלט געאורטיילט, קענענדיק זיין כאַראַקטער, ניט געווען וואַר־שיינלאַך. איך קלער דערפאַר, אַז דער אַנטלויפן זיינער האָט געהאַט אַן אַנדער מאָטיוו — דעם מאָטיוו, וואָס איך האָב אויבן אָנגעפירט אַלס השערה.

בדרך־כלל מוז דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז די ענגלישע גע־נאָסן האָבן אויף עוועלינג געקוקט ווי אויף אַ פאַרברעכער, ספּעציעל קיער האַרדי און זיינע חברים, נאָכדעם ווי זיי האָבן דעם



קיער האַרדי

דאָקטאָר אויסגעשלאָסן פון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער פּאַר־טיי (אי־על־פּי) און עוועלינג איז געוואָרן אַ מזרח־וואַנט בעל־הבית אין דער ס. ד. פ. (ער איז דאָרט געוויילט געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע מיט דער העכסטער צאָל שטימען). דערצו, דאָס

הייסט, צו דעם קוק אויף עוועלינג מצד פון האַרדי און זיינע גע־נאָסן, וועלן מיר זיך שפּעטער נאָך צוריקקערן.

דערווייל גייען מיר ווייטער אין דער שילדערונג פון די פּאַ־סירונגען.

צוליב וואָס עוועלינג זאָל ניט געווען אַנטלאָפן געוואָרן, צי אים האָט געיאָגט די אימה פאַר דער פּאָליציי, צי אים האָט גע־צווינגן די מאַכט פון דער ליבע, זיכער איז, אַז אַזוי גיך ווי עלעאַ־נאָראַ האָט געפונען דעם פויגל פאַרשוואונדן, דעם נעסט פּוסט, האָט זי חרטה געקראָגן אויף איר איינגע׳עקשנ׳טקייט קעגן אים, און האָט אָנגעהויבן צו ווינטשן און צו האָפן, אַז ער וועט צוריק־קומען. אַלע גרונדן, וועלכע זי האָט געהאַט אים צו האַסן, אפשר אפילו צו פאַראַכטן, זיינען בטל ומבוטל געוואָרן אין דעם פייער פון איר טיפער ליבע פאַר איר עדוואַרד.

איז איר געווען פריער שלעכט, איז איר איצט געוואָרן נאָך ערגער. און פון דער טיפעניש פון איר אומגליק רופט זי אויף איר פריינט פרעדדי. עס זיינען געווען דאַן פאַרגאַנגען עטלאַכע וואָכן.

9.

און אָט איז איר ערשטער בריוו צו אים, דאָס הייסט, דער ערשטער פון די ניין, וואָס זיינען באַקאַנט געוואָרן שפּעטער:

„דעם 20טן אויגוסט, 1897.

„מיין ליבער פרעדדי! — פאַרשטייט זיך, ניט אַ ציילע פון אים; היינט אויך ניט. איך האָב גלייך ווייטער געשיקט דיין בריוו. אָ, מיט וואָס קען איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דער גוטסקייט און דער פריינטלאַכקייט דיינער? אָבער, גלויב מיר, איך דאַנק דיר פונם טיפסטן האַרצן. איך האָב נאָך אַמאָל געשריבן צו עדוואַרד׳ן היינט אינדערפרי. דאָס איז געווען אַ שוואַכקייט פון מיין זייט, אָבער מען קען ניט אויסמעקן פערצן יאָר לעבן אַזוי ווי זיי וואָלטן ניט געווען. איך דענק, יעדער איינציקער מיט אַ האַרעלע ערגעפיל, שוין גאָר ניט רעדנדיק וועגן גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט, וואָלט געעענטפערט אויף מיין בריוו. איך האָב שטאַרק מורא, ער וועט ניט ענטפערן.

„דערווייל זע איך, אַז מ... שפּילט היינט ביינאַכט אין דעם ג.. טעאַטער. אויב עדוארד איז אין לאָנדאָן, וועט ער, גלויב איך, זיכער זיין דאָרטן. אָבער דו קענסט אהין ניט צו־קומען און איך, פיל איך, וועל ניט קענען דאָרטן זיין.

„אַ בריוו האָב איך דערהאַלטן פון ...ס, אין וועלכן ער שרייבט מיר... אָבער איך שיק דיר דאָ דעם בריוו, כדי זיך צו פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון איבערשרייבן (שיק מיר אים צוריק). איך שרייב צו ...ס, אַז איך וועל דאָרטן זיין, אָבער וואָלט וועלן מיט אים רעדן איידער עדוארד קומט אהין, הגם עס איז ניט וואַרשיינלאַך, אַז ער וועט זיך דאָרטן איינגעפינען.

„מאָרגן אָוונט מיטעט די עקזעקוטיווע פון דער ס. ד. פ. איך קען אהין נ י ט גיין, ווייל טאָמער איז ער דאָרטן ניטאָ, וועל איך ניט קענען דערקלערן דעם גרונד דערפון. מיר איז שרעקלאַך אומאַנגענעם דיך אַזוי פיל מטריח צו זיין, אָבער אפשר וואָלסטו קענען אהין גיין. זיי קומען צונויף אום 8 אַזייגער און זיצן ביז 10. וואָלסטו קענען דאָרטן זיין צווישן 9 און 9:30, וואָלסטו קענען אויסגעפינען, צי ער איז דאָרטן געוועזן. אַזוי פיל וואָלסטו יעדנפאַלס ווייסן. איז ער דאָרטן דאָ, שטייסטו צו אים צו און וואַרטסט ביז די זיצונג איז צו־ענד. דו קענסט דאַן זיך אָנשטעלן, אַז ער קומט אהער (צו מיר). געפינסטו, אַז ער זאָגט דיר ליגנס, גייסטו יעדנפאַלס מיט אים מיט ביז לאָנדאָן־ברידזש. גיי מיט אים און זאָג אים (דאָס קענסטו אים גלייך פון אָנהויב זאָגן), אַז דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו קומסט, אָבער דו קומסט שפּעטער צוליב דיין אַרבעט, נאָר איך האָב דיר געענטפערט, אַז איך וועל פאַר דיר מאַכן אַן אָרט אין הויז איבער נאַכט. דאַן איז איינס פון די צוויי: ענטפערט ער, זאָגט דיר, ער קומט ניט, דאַן קענסטו מיט אים זיך דורכרעדן, אָדער אַניט קומט ער ווירק־לאַך אהער. איך ווייס ניט, צי דאָס איז מעגלאַך, אָבער איך האָף, אַז דו וועסט, יעדנפאַלס, צו אים גיין.

„צו יעדער צייט דיינע — טוסי".

ווי מען זעט, רעדט אין דעם דאָזיקן בריוו אַן אומגליקלאַכע פרוי, וואָס האָט חרטה אויף דעם, וואָס איז געשען. עוועלינג קומט צוריק, אָבער אים ברייננגט אַהיים איר אייגענער בריוו, ארום וועלכן זי שרייבט גלייך אין אָנהויב צו פרעדדי'ן, ניט די קאָמיסיע, וואָס זי האָט אים געגעבן. זי האָט אים ארויסגעוויזן איר גאַנצע שוואַכקייט לגבי אים און ער נוצט עס אויס. דעם זעלביקן טאָג שרייבט זי צו איר פריינט:

„דעם 1טן סעפּטעמבער, 1897.

„מיין ליבער פרעדדי!

„היינט אינדערפרי קריג איך אַ בריוועלע מיט די ווער־טער: „בין צוריקגעקומען. וועל קומען אַהיים מאָרגן פרי". (דאָס הייסט, היינט.) דאַן אַ טעלעגראַמע: „אַהיים צו פאַר־בלייבן, אום 1:30".

„איך בין געווען ביי דער ארבעט—ווייל ווי אַ האַרץ זאָל ניט זיין געבראָכן, ארבעטן מוז מען—אין מיין צימער. עדוואַרד איז דאָ. ער מאַכט זיך איבערראַשט און באַליידיקט, וואָס איך פלי ניט גלייך אין זיינע אָרעמס אריין. ביז איצט האָט ער זיך ניט אַנטשולדיקט און ניט אָנגעבאָטן קיין שום דערקלערונג. האָבנדיק אומזיסט לאַנג געוואַרט, אַז ער זאָל אָנהויבן, האָב איך אים געזאָגט, עס איז נויטיק צו באַטראַכטן די געשעפטלאַכע זייט פון דער פראַגע, איך וועל אָבער קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן די באַהאַנדלונג זיינע, וואָס איך האָב דורכגעלעבט.

„אויף דעם האָט ער גאָרניט געענטפערט. דערווייל האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דו קענסט אפשר ארונטערקומען צו אונז. אויב דו קענסט אַהער קומען מאָרגן אָדער אַן אַנדער אָוונט די וואָך, האָף איך, דו וועסט עס טאָן. עס איז ניט מער ווי רעכט, ער זאָל זיך מיט דיר טרעפן פנים־אל־פנים, אין מיין געגנוואַרט, און מיט מיר אין דיינער. דער־פאַר, אויב דו קענסט, קום מאָרגן, טאָמער ניט, לאָז מיר וויסן וועגן.

„ליבער פרעדדי! ווי קען איך דיר ווען־עס־איז אָפּדאַנקען? איך בין דיר זייער, זייער דאַנקבאַר. ווען איך וועל דיך זען, וועל איך דיר זאָגן, וואָס ס. זאָגט.

„דיין טוסי".

און דאַן, א טאָג שפּעטער, שרייבט זי ווידער צו אים, בעטנדיק ער זאָל קומען נאָך דעם זעלביקן אָוונט, זיך ווידער אַנטשולדיקנדיק פאַר דער מי, וואָס זי גיט אים. פאַר איר—שרייבט זי—איז דאָ בלויז די ברירה: ענטוועדער פּאָלקאָמענער פינאַנציעלער רואין—אַלץ אָפּפערן ביז דער לעצטער פעני, אָדער פּאָלקאָמענע, אָפענע שאַנדע (דיסגרייס) פאַר דער גאַנצער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז זי מוז אים געבן אַלץ, וואָס ער פאַרלאַנגט, ווייל אויב ניט וועט מוזן אַרויסקומען א גרויסער סקאַנדאַל. „די לאַגע", שרייבט זי אים ווייטער, „איז א שרעקלאַכע, ערגער ווי איך האָב זיך געקענט פאָרשטעלן. איך מוז האָבן אימיצן, וואָס זאָל מיר געבן אַן עצה. איך מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קומען צו א באַשלוס און נעמען די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. דערפאַר וואָלט א פריינטלאַכער ראַט מיר זיין זייער טייער. ליבער, ליבער פרעדדי, קום. מיין האַרץ איז צעבראָכן".

וואָס זי האָט געמוזט אויסשטיין פאַר יסורים, שרייבנדיק אַזעלכע בריוו אפילו צו א מענטשן, וואָס איז פאַר איר געווען כמעט א ברודער, איז לייכט צו פאַרשטיין. צי פרעדדי האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל טאָן, ווייס איך ניט. אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער דער עסק אַזוי, אַז עוועלינג האָט געקראָגן זיין „שוץ", ווי גרויס די קאָסטן זאָלן ניט זיין.

ניט זייענדיק קיין גרויסער בריה אין חשבונות, האָט זי, פונדעסטוועגן, געמאַכט א טעות אין איין פּרט. אפילו אַלץ נאָכגעבנדיק, איז זי פאַרט אינגאַנצן רואינירט נאָך ניט געווען. פון ענגעלס'עס ירושה איז איר אַרום יענער צייט נאָך געווען איבערגעבליבן 1500 פונט סטערלינג, ד. ה„ 7500 דאָלאַר. זי איז, אויף דעם אופן, נאָך אַלץ געווען פינאַנציעל אומאָפּהענגיק פון אים. געזעצלאַך איז זי אויך ניט געווען געבונדן צו אים.

די איבערגעגעבענע פאַקטן אין די לעצטע עטלאַכע שורות זיינען געקומען פון קיער האַרדי'ס שילדערונג. ביי עדוואַרד בערנשטיין געפינען זיך פאָלגנדע איינצעלהייטן:

ווען עוועלינג האָט זיך מיט איר איבערגעבעטן, איז דאָס געווען געגן דעם ראַט פון אַלע אירע גוטע פריינט. יעדער פון זיי האָט איר געראַטן זיך מיט אים צו שיידן. דער שלום האָט גע־דויערט לאַנג גענוג פאַר אונזער פאַר פאָלק זיך דורכצופאָרן ביז פאַריז און דאָרטן צו פאַרברייינגען אַ קורצע צייט, אָבער ניט לענגער. גלייך ווי זיי זיינען צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד, האָט דר. עוועלינג פון דאָס ניי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם שטרודל פון ליידנשאַפט „מיט נאָך מער פרישקייט", ווי דער עולם זאָגט. עלעאַנאָראַ איז ווידער געווען פאַרגעסן און פאַרלאָזן טעג און נעכט, נאָך ערגער ווי פריער.

וואָס איז שייך צו די געלט, וואָס ער האָט ביי איר אַרויס־געפרעסט, האַלט בערנשטיין, אַז הינטער דעם „ערפּרעסער" זיי־נען געשטאַנען אַנדערע געלט־צאַפּערס. ווי ווייט די דאָזיקע סברה איז אמת, און צי די דאָזיקע געלט־מענטשן האָבן געהאַט ערגעץ אַ שייכות מיט דער אַקטריסע נעלסאָן, ווייס איך ניט.

מיט וואָס אַט־די אַלע טראָבעלס וואָלטן זיך געענדיקט, איז שווער צו זאָגן. דערווייל איז דאָ אָבער אויסגעוואַקסן אַ נייע צרה.

10.

ביי עוועלינג האָט זיך געיאַוועט אַן אַלסער אין די לענדן און ער האָט זיך אַוועקגעלעגט. די אומגליקלאַכע, פיל און אָפט גענאַרטע פרוי האָט זיך פון אים ניט אָפּגעטרייסלט. פאַרקערט, זי איז צו אים מער און ענגער צוגעבונדן געוואָרן און האָט באַ־שלאָסן מיט און ביי אים צו זיין אין זיין קראַנקהייט. אַרום יענער צייט איז דאָס דערשינען אין דער „דזשאַסטיס" די אויבנ־דערמאָנטע אַנצייגע, אַז זי רופט צוריק אַלע מיטינגס און לעק־טשורס.

א פּאָר חדשים זיינען פאַרגאַנגען, זיין פיזישער צושטאַנד האָט זיך ביסלאַכווייז פאַרבעסערט. אין דעם מאָראַלישן זין איז קיין גרויסע בעסערונג ניט געווען צו מערקן. ווי און וואָס די אָרעמע עלעאַנאָרא האָט אַרום יענער צייט געפילט, ווייזט דער פאָלגנדער בריוו צו פרעד דעמוטה:

„דעם 13טן יאַנואַר, 1898.

„ליבער פרעדדי! אונז האָט זייער פאַרדראָסן דיך ניט צו זען און דאָפּלט פאַרדרוס האָט אונז געמאַכט דער געדאַנק, אַז דו ביסט פיליכט קראַנק. יאָ, איך דענק צייטנווייז אַזוי ווי דו, ליבער פרעדדי, אַז ביי אונז קומט קיין זאַך ניט אַרויס גוט, — ביי דיר און ביי מיר, מיין איך. געוויס, די אָרעמע דזשעני האָט זיך געהאַט איר פּעקל צרות און יסורים בעת לאורא האָט פאַרלאָרן אירע קינדער. עס זיינען אָבער דאָ צייטן, ווען איך האַלט עס פאַר אַ גליק. איך וואָלט דזשעני'ן, למשל, ניט געוואונטשן איבערצולעבן אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. — איך גלויב ניט, אַז דו און איך זיינען געווען זייער שלעכטע מענטשן. און דאָך, ליבער פרעדדי, שיינט עס מיר, אַז מיר האָבן געקראָגן אונזער פולע מאָס שטראָף. ווען קענסטו קומען? ניט ד ע ם זונטיק, נאָר ערשט נעקסטן זונטיק? אָדער אפשר ווען־עס־איז דורך דער וואָך? איך וואָלט דיך זייער, זייער וועלן זען. — עדוואַרד איז בעסער, אָבער נאָך אומגעהויער שוואַך.

„אימער דיין טוסי"

דערפון קען מען זען, אַז געדאַנקען פון טויט יאָווען זיך ביי איר שוין דאַן. אויך ווייזט זיך אַרויס פון דעם דאָזיקן בריוו, אַז איר פרעדדי האָט זיך געהאַט זיין אייגן פּעקל און אפשר ניט קיין לייכטערן. בערנשטיין וויל האָבן, אַז דעמוט האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַרום יענער צייט צו עלעאַנאָרא'ן ניט צו קומען מער. פון איין זייט האָט ער לעאַנאָרא'ן צופיל געליבט צו פּועל'ן ביי זיך איר צו מאַכן פאָרוואורפן ווען איר שוואַכקייט, פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך מער ניט געוואָלט באַגעגענען מיט איר

מאַן. ווי דאָס זאָל ניט זיין, פרעד דעמוט האָט יעדנפאַלס ניט געקענט צו איר פֿאָרן, ווייל ער איז אַליין איצט געוועזן ניט געזונט.

11.

אָט איז אַ בריוו געשריבן צו פרעד'ן מיט דריי וואָכן שפּעטער פון די פריערדיקע:

„סידענהעם, דעם 3טן פעברואַר, 1898.

„מיין ליבסטער פרעדדי! — מיך פרייט צו הערן, אַז דו ביסט באַטש אביסעלע בעסער אין געזונט. איך וואָלט זייער געוואָלט דיך זען ביי אונז פון שבת ביז מאָנטאָג, אָדער וויי־ניקסטנס זונטיק אָוונט. איך ווייס, אַזאַ וואונטש איז פון מיין זייט ברוטאַל אייגננוציק (סעלפיש), אָבער דו ביסט דער איינ־ציקער פריינט, מיט וועמען איך קען זיך אָפּן דורכרעדן, און דערפאַר איז מיין וואונטש דיך צו זען אַזוי שטאַרק. — איך בין פּנים־אל־פּנים מיט אַזעלכע גרויסע שוועריקייטן און איך האָב קיין שום הילף ניט אַרום זיך, ווייל עדוואַרד העלפט מיר אפילו איצט ניט, און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. טעגלאַך מאָנט ער ביי מיר געלט, און ווי די פאָדערונגען צו באַגעגענען, זיי צוזאַמען מיט דער אָפּעראַציע, מיט אַנדערע זאַכן, ווייס איך ניט. — איך פיל, אַז איך באַגיי אַ פאַרברעכן, דיך אַזוי פיל טראָבלענדיק, אָבער, ליבער פרעדדי, דו ווייסט, און איך זאָג דיר זאַכן, וואָס איך וואָלט קיין שום אַנדערן ניט זאָגן. איך וואָלט זיי פאַרטרויט מיין טייערער אַלטער ניממי (זיין מוטער, העלענע דעמוט), אָבער איר האָב איך ניט; דו ביסט דער איינציקער. פאַרגיב מיר מיין אייגננוציקייט און קום, אויב דו קענסט.

„עדוואַרד איז געגאַנגען קיין לאָנדאָן היינט. ער דאַרף דאָרטן זען דאָקטוירים און אַזוי ווייטער. ער האָט מיך ניט געלאָזן מיטפאָרן; דאָס איז איינפאַך אכזריות און ער האָט

פון מיר סודות. ליבער פרעדדי, דו האָסט כאָטש דיין אינגע־לע; איך האָב גאָרנישט. איך זע גאָרניט, פארוואָס עס זאָל זיך לוינען צו לעבן. קום צו מיר, אויב דו קענסט.
„דיין טוסי".

פון דעם דאָזיקן בריוו זעט זיך ארויס דער גאַנצער גיהנום, אין וועלכן איר נשמה האָט זיך דאַן איינגעפונען.

„עדוארד העלפט מיר אפילו איצט ניט!" — „ער האָט סודות פון מיר" און די געדאַנקען וועגן טויט, וועלכע וואקסן בסדר ארויס פון דער פארבוויפלטער לאַגע, פון דער איבערע־צייגונג, אַז זי האָט ניט מער פאַר וואָס צו לעבן, און אַזוי ווייטער.

דערווייל אָבער קומט עדוארד צוריק אַהיים. ער איז, ווייזט אויס, געפערלאַך קראַנק איצט. זי גלויבט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבן און די גרויסע ליבע צו אים רופט ארויס נייע מיטליידס־געפילן; זי איז פון דאָס ניי באַרייט צו פאַרצייען דעם שטערב־לאַך־קראַנקען מאַן. אַ נייער טאָן הערט זיך אין דעם פאָלגנדיקן בריוו צו דעמוטה: אַ מילדערער טאָן. זי שרייבט:

„סידענהעם, דעם 5טן פעברואַר, 1898.

„מיין ליבער פרעדדי! מיר טוט לייד, וואָס דו קענסט צו אונז מאָרגן ניט קומען. די גערעכטיקייט פאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז עדוארד האָט ניט דעם מינדסטן וואונטש ביי דיר ווידער צו לייען געלט. דו ווייסט ניט, ווי קראַנק ער איז. ער האָט געוואָלט דיך זען, ווייל ער קלערט, אַז נאָך דער אָפּעראַציע וועט ער דיך שוין מער ניט זען. — ליבער פרעדדי, איך וויים, ווי פריינטלאַך דו פילסט צו מיר און ווי שטאַרק דו דאגה'סט וועגן מיר. אָבער איך גלויב ניט, אַז דו פאַר־שטייסט פולקאָם די לאַגע: איך אַליין הויב זי איצט ערשט אָן צו פאַרשטיין. אָבער איך זע איין מער און מער, אַז בייז־טאָן איז אַ מאָראַלישע קראַנקהייט, און די מאָראַליש־געזונטע מענטשן (ווי דו) זיינען ניט פייאיק צו באַאורטיילן די מאָראַ־ליש־קראַנקע, גענוי אַזוי ווי די פיזיש־געזונטע פאַרשטייען זיך ניט אויף די פיזיש־קראַנקע. — איך הויב אָן צו פאַרשטיין,

אַז קיינער האָט ניט מער רעכט צו פאַרדאַמען די מענטשן פאַר דעם איין סאָרט קראַנקהייט, ווי פאַר דעם אַנדערן. — מיר מוזן זען צו קורירן און קענען מיר דאָס אינגאַנצן ניט טאָן, לאָמיר טאָן דאָס בעסטע וואָס מיר קענען. — דאָס האָב איך געלערנט דורך לאַנגע ליידן — דורך ליידן אויף אַזעלכע אופנים, וועלכע איך וואָלט אפילו דיר ניט אויסזאָגן. אָבער געלערנט האָב איך און דערפאַר פּרוביר איך אַריבערטראָגן אַלע מיינע צרות אַזוי גוט ווי איך קען. — דענק ניט, אַז איך האָב פאַרגעסן וואָס עדוארד איז דיר שולדיק (אין געלט, מיין איך; אין ליבנדער גוטסקייט איז קיין שיעור און קיין ערך ניטאָ) און דו וועסט, פאַרשטייט זיך, קריגן באַצאָלט וואָס דיר קומט. נעם מ י י ן וואָרט דערפאַר. עדוארד, קלער איך, וועט מוזן אַריין אין האָספּיטאַל אָנהויב נעקסטע וואָך. איך האָף, דאָס וועט באַלד געשען, מחמת דאָס וואַרטן קוועלט אים שרעקלאַך. איך וועל דיר לאָזן וויסן אַלץ אויף קלאָר, און מיט'ן גאַנצן הארצן האָף איך, אַז דו וועסט באַלד אינגאַנצן געזונט ווערן. דיין טוסי".

אויף דעם דאָזיקן בריוו האָט פרעד דעמוט געוויס געענט־פערט אין אַ טאָג, וואָס איז געווען ווייניקער פריינטלאַך צו עוועלינג'ס האַנדלונגען, ווי אירער, ווייל, ענטפערנדיק אויף זיין בריוו, שרייבט זי:

„דעם 7טן פעברואַר, 1898.

ליבער פרעדדי! וואַרשיינלאַך בין איך אַזוי צעטומלט, אַז איך ברענג מיינע געדאַנקען ניט קלאָר גענוג אַרויס. דו האָסט מיך לחלוטין ניט פאַרשטאַנען און מיין מוח איז צו פאַרדרייט, אַז איך זאָל קענען געבן אַ בעסערע דערקלערונג. עדוארד גייט מאָרגן אַריין אין האָספּיטאַל, די אָפּעראַציע וועט געמאַכט ווערן מיטוואָך. — די פראַנצויזן האָבן אַ ווערטל: „אַלץ פאַרשטיין הייסט אַלץ פאַרצייען". מיינע פיל יסורים האָבן מיך געלערנט פ אַ ר ש ט י י ן און דערפאַר האָב איך ניט

נויטיק צו פאַרצייען. איך קען נאָר ליבן. — ליבער פרעדדי, איך וועל זיין גאַנץ נאָענט צום האָספּיטאַל און וועל דיר לאָזן וויסן אַלץ, וואָס פּאַסירט. דיין טוסי".

יע, זי „קען נאָר ליבן", די אומגליקלאַכע עלעאַנאָרא. יעדעס וואָרט, וואָס איך וואָלט צוגעלייגט צו דער דאָזיקער דערקלע־רונג, וואָלט דעם איינדרוק אָפּגעשוואַכט, וואָס די ווערטער „איך קען נאָר ליבן" דאַרפן און מוזן מאַכן אויף יעדן לייענער מיט אַ האַרץ. אַז איר ליבע איז אַזוי גוט ווי אין גיוועץ געבראַכט, זעט מען פון דעם פאָלגענדן בריוו:

„סידענהעם, לאָנדאָן, דעם 10טן פעברואַר, 1898.

„מיין ליבער, ליבער פרעדדי!

„איך האָב עדוואַרד'ן דאָנערשטיק געבראַכט פונם האָס־פּיטאַל, ווייל דער דאָקטאָר קלערט, אַז ער האָט אַ בעסערן טשאַנס (געזונט צו ווערן) דאָ איידער אינם האָספּיטאַל. (אָ, ווי שרעקלאַך אַ האָספּיטאַל איז!) און זיי ווילן, אַז איך זאָל אים נעמען נאָך מאַרגייט (ביים ים). עס גייט אַלץ אַזוי זי־כער צו דעם איינציקן ציל צו, אַז איך גיב אויף דאָס ביסל, וואָס מיר איז געבליבן. דו וועסט פאַרשטיין, אַז איך קען זיך דורכקירעווען אַזוי אָדער אַנדערש. מוז אָבער אים אויפפּאַסן. — ליבער פרעדדי באַשולדיק מיך ניט. איך גלויב ניט, דו וועסט עס טאָן. דו ביסט אַזוי גוט און אַזוי געטריי. דיין טוסי".

און דאָ קומט איר לעצטער בריוו, אָפּגעשיקט פון מאַרגייט, דעם 1טן מערץ, 1898. דער דאָזיקער בריוו קלינגט כמעט ווי אַ טויטנאָנצייגע פון איר אַליין געשריבן. זי שרייבט:

„מיין ליבער, ליבער פרעדדי!

„האַלט ניט מיין ניט־שרייבן פאַר נאַכלעסיקייט. איך בין איינפאַך מיד און אָפּט האָב איך ניט דעם מוט צו שרייבן. איך קען דיר ניט זאָגן, ווי מיך פרייט, וואָס דו באַשולדיקסט מיך ניט צופיל, ווייל איך האַלט דיך פאַר איינעם פון די גרעסטע און בעסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען־עס־איז געקענט. —

איך לעב דורך אַ שלעכטע צייט. איך האָב מורא די האָפנונג איז קליין און אַז איך האָב פאַר זיך פיל יסורים און ליידן. פאַרוואָס מיר לעבן אַזוי ווייטער, איז אומפאַרשטענדלאַך פאַר מיר. איך בין פאַרטיק צו גיין און וואָלט גערן (פאַרשווינדן). אָבער אַזוי לאַנג ווי ער נ ו י ט י ק ט זיך אין מיר, מוז איך בלייבן. — דאָס שענסטע און דאָס איייינציקע, וואָס העלפט מיר, איז יעדן איינציקנ'ס גוטסקייט צו מיר. איך קען דיר ניט זאָגן, ווי גוט צו מיר זיינען אַלערליי מענטשן. איך בין זיכער, איך ווייס ניט פאַרוואָס. — און איך בין זייער שטאָלץ דערויף. די „מיינערס פעדערייישאָן" און די „מיינערס יוניאָן", פון וועלכע איך האָב ניט אָנגענומען קיין געצאָלט פאַר'ן טאָן איבערזעצונגס־אַרבעט (און אַרבעט איז דאָס געווען) ביי זייער אינטערנאַציאָנאַלן מיינערס קאָנגרעס, דעם פאַר־גאַנגענעם יוני (1897), האָבן מיר געשיקט אַ וואונדער־שיינעם שרייב־קעסטעלע מיט אַ סטילאָגראַפישער פעדער. איך שעם זיך אָנצונעמען אַזאַ מתנה, אָבער איך קען זיך ניט העלפן. און געפעלן געפעלט עס מיר. — ליבער פרעדדי! איך וואָלט דיך זייער וועלן זען. דאָס איז איצט מסתמא ניט מעגלאַך.

„דיין טוסי".

און דאָ ענדיקט זיך די קאָרעספּאָנדענץ.

.12

„אַזוי לאַנג ווי ער נויטיקט זיך אין מיר, מוז איך בלייבן", האָט מען נאָר־וואָס געלעזן. דאָס האָט זי געשריבן דעם ערשטן טאָג אינם חודש מערץ. דעם לעצטן, דעם 31טן, האָט ער שוין נעקענט אַרומגיין. פון זיין פיזישער קראַנקהייט איז ער געווען אויף אַזוי ווייט געהיילט, זיין „מאָראַלישע קרענק", ווי זי רופט עס, איז, ווי פריער, געווען ניט קורירבאַר. אין איר האָט ער זיך שוין מער ניט גענויטיקט, און זי האָט דערפאַר באַשלאָסן „צו גיין"...

יענעם טאָג, אינדערפרי מיט דער ערשטער פּאָסט, איז אָנגעקומען אַ בריוו, וואָס האָט געפירט צו אַ נייער סצענע צווישן מאַן און ווייב. עוועלינג האָט באַדאַרפט נאָך געלט צו פאַרשטאָפּן אימיצנ'ס מויל. אַ נייער שענדלאַכער סקאַנדאַל האָט געקענט אויסברעכן און נייע לאַ־יחרץ־געלט איז נויטיק געווען. די אָרעמע עלעאַנאָרא האָט באַשלאָסן ענדלאַך אויסצופירן איר באַשלוס זיך צו נעמען דאָס לעבן.

זי האָט אויפגעשריבן אַ בריוו צו איר לאָיער מיט אינסטרוקציעס מכוח אירע געלט־אָנגעלעגנהייטן, אים שיקנדיק אין דער זעלביקער צייט דעם בריוו מיט די סטראַשונקעס, וואָס איז אָנגעקומען יענעם פרימאָרגן. דאַן האָט זי עוועלינגען אָנגעצייגט, אַז זי גייט באַגיין זעלבסטמאָרד.

קיער האַרדי קלערט, אַז ער האָט איינגעוויליקט אַרויסצוגיין פון דער וועלט מיט איר צוזאַמען. איך גלויב דאָס ניט. דאָס שטימט ניט מיט זיין גאַנצער האַלטונג לגבי איר, ניט מיט זיין כאַראַקטער. אַז זי מיינט צו שטאַרבן, האָט ער זיכער געוואוסט. ער איז געווען אין שטוב בשעת די גיפט איז אָנגעקומען פון אַפּטייק, און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, צו וואָס זי האָט עס אין אמת'ן באַדאַרפט: זי האָט, פאַרשטייט זיך, דעם אַפּטייקער דעם אמת ניט געזאָגט, ווייל זי וואָלט מיט'ן אמת קיין סם ניט געקראָגן.

אַ טאָג פריער איז עוועלינג געווען צו שוואַך צו שטיין אויף די פיס. זי האָט מיט גרויס מי פאַר אים געקראָגן אַ טשעירוועגעלע, כדי ער זאָל קענען געניסן פרישע לופט. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן שטאַרק געזונט צו פאָרן אין שטאָט אַריין אַליין און אָן אַ באַגלייטער. צען אַזייגער אינדערפרי איז ער אַרויס פון שטוב. זיין מאָטיוו איז געווען, ווי קיער האַרדי און עדוואַרד בערנשטיין גלויבן, בלויז ניט צו זיין דערביי, ווען עלעאַנאָרא וועט שטאַרבן. איך גלויב, אַז דאָ איז חוץ דעם געווען אַן אַנדער מאָטיוו. דאָ האָט געאַרבעט דער אַלטער כישוף, די אַלטע קליפּה. דר. עוועלינג האָט דעם ערשטן טאָג, וואָס ער האָט זיך געפילט

שטאַרק גענוג, געוואָלט זען אַן אַנדער פּערזאָן. ביי מיר איז קיין ספק נישטאָ, אַז ווען ער וואָלט ניט אוועקגעגאַנגען פון דער היים און — דאָס איז דער עיקר — ווען זי וואָלט ניט געוואוסט, וואוהין און צוליב וואָס דער מאַן, געכטן נאָך אַ קראַנקער און אַ חלוש, גייט אוועק פון דער היים, וואָלט זי זיך נאָך אַלץ ניט אומגעבראַכט.

וואָס ער האָט אין שטאָט געזוכט, האָט ער משמעות נ י ט געפונען, און האָט צוגעבראַכט דעם טאָג אין דעם אָפיס פון דער „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פעדערייזשאָן" און אין דעם בריטישן מו־זיי. אַרום פיר אַזייגער איז ער צוריקגעקומען אַהיים און דער פּאַרוויינטער פּנים פון דער דינסטמיידל האָט אים געבראַכט די בשורה פון עלעאָנאָראַ'ס טויט.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, איז דער אויבנ־דערמאָנטער בריוו צום לאָיער אירן ניט אוועקגעשיקט געוואָרן. ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם קאָראָנער, וואָס האָט אונטערזוכט דעם זעלבסטמאָרד, און דער קאָראָנער — קיינער ווייסט ניט ווי אַזוי און פאַרוואָס — האָט דעם בריוו צום לאָיער צוזאַ־מען מיט דעם בריוו אינעווייניק, וואָס איז אָנגעקומען יענעם פאַטאַלן פרימאָרגן, איבערגעגעבן עוועלינג'ען. דער דאָזיקער האָט ביידע בריוו אויפן שטעל פאַרניכטעט: עלעאָנאָראַ'ס אינסטרוק־ציעס האָבן זיך פאַר אים מן־הסתם ניט געלוינט.

כדי צו ענדיקן די טרויעריקע שילדערונג, איז גענוג מיט איין וואָרט צו זאָגן, אַז עוועלינג האָט זיין פרוי איבערגעלעבט בלויז אַ קורצע צייט. זעקס מאָנאַטן שפּעטער איז ער אויך גע־ווען טויט. פון וואָס ער איז געשטאָרבן, ווייס איך ניט.

.13

די מגילה איז צו־ענד. עס בעט זיך אָבער אין איין פּרט אַ שטיקעלע פּירוש. וועל עס מאַכן אַזוי קורץ, ווי עס וועט זיך לאָזן.

ביי בערנשטיין און נאָך מער ביי קיער האַרדי קומט עווע־לינג אַרויס אַלס אַן איינפאַכער פאַרברעכער, אַן אינטריגאַנט, אַ געלט־זוכער, אַ בעל־תאוה, אַ מאָראַלישער לומפּ.

ער איז דאָס ניט געווען, הגם עפּעס פון דעם אַלץ האָבן זיינע האַנדלונגען אַרויסגעוויזן. ניט יעדער, וואָס גנב'עט, איז אַ גנב, און פּונקט אַזוי גנב'עט ניט תמיד יעדער, וואָס איז יאָ אַ גנב. וואָלט עוועלינג געווען ווירקלאַך אַזוי שלעכט, ווי ער איז געשילדערט געוואָרן, וואָלט ער ניט געקענט אָנצינדן און האַלטן אין איין ברענען אַ ליבעס־פלאַם דורך גאַנצע 15 יאָר. ניט בלויז מיין רעספּעקט פאַר דער אומפאַרגעסלאַכער טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, נאָר אויך מיין אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט איר כאַ־ראַקטער און איר האַרץ לאָזן ניט צו דעם געדאַנק, אַז די דאָזיקע עדעלע פרוי זאָל האָבן געליבט, ווי זי האָט געליבט, פּופּצן יאָר נאָכאַנאַנד, אַ לומפּיקע העסלאַכע נשמה.

נאָך עטוואָס:

דר. עוועלינג איז געווען יאָרנלאַנג געשידן פון זיין ערשטער פרוי, הגם ניט גע'גט פון איר. פאַר דער דאָזיקער פרוי איז ער געווען אַ גאָט־לעסטערער, אַ סאָציאַליסט, אַן אויסגעלאַסענער מענטש. ווי זי האָט געקוקט אָף זיין זיווג מיט עלעאָנאָראַ'ן, קען מען זען דערפון, אַז זי האָט ביי געוויסע געלעגנהייטן געשריבן בריוו, זי אַדרעסירנדיק אַלס „מיס מאַרקס". קיין קינדער האָט עוועלינג ניט געהאַט, ניט מיט דער ערשטער פרוי, ניט מיט דער צווייטער. פאַר יענער איז ער דערפאַר מיט דער צייט געוואָרן אַ פרעמדער אין יעדער הינזיכט. פונדעסטוועגן ווייסן שוין אונזערע לייענער, אַז אַן ערך פון צען יאָר נאָך זייער שיידונג, ווען זי, די ערשטע, איז געשטאָרבן און דוקא ווען ער האָט געלעבט לפנים גליקלאַך מיט „מיס מאַרקס", האָט זי אים געלאָזן אַ ירושה פון 750 דאָלאַר יערלאַכע הכנסה.

איר וועט זאָגן: זי האָט אים געליבט. נו, געוויס האָט זי אים געליבט, די גוטע, ערלאַכע, פרומע קאַטאָליטשקע. אָבער די דאָזיקע שטאַרקע ליבע, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין אַ ירושה

פאַר אים, באַווייזט, אַז ער האָט ניט געקענט זיין ד ע ר לומפּ, וואָס ער איז אין די שילדערונגען פון די אויבנדערמאָנטע גע־נאָסן.

צוויי זאַכן זע איך, וואָס האָבן געשטערט אַזאַ קלאָרן דענ־קער, ווי בערנשטיין, צו פאַרשטיין, אָדער פאַרשטייענדיק, אַרויס־צוברענגען פול און גאַנץ דעם פּסיכאָלאָגישן אמת פון דער טראַגע־דיע.

ערשטנס, דאָס וואָס אַלע האָבן איגנאָרירט דעם עיקר: עווע־לינג׳ס ליידנשאַפטלאַכע ליבע צו דער אַקטריסע נעלסאָן, און —

צווייטנס, וואָס שרייבנדיק אונטער דעם שמערצלאַכן איינ־דרוק פונם אומגליק, גלייך נאָך איר טויט, האָט בערנשטיין, און נאָך מער קיער הארדי, פאַרגעסן, אַז די היינטיקע טראַגעדיע קומט שוין אויס אָן אַן אינטריגאַנט, אָן אַ „ווילייך". די שרעק־לאַכסטע אומגליקן אין אונזער לעבן זיינען ניט דירעקט די שולד פון דעם אָדער יענעם שלעכטן מענטשן, נאָר דער רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענשטויס פון פאַרשידענע פאַרהעלטענישן, וואָס אין זיי געפינט זיך אָפט אריינגעשלעפּט אַ (דריטע) פּערזאָן, וואָס זעט אויס ווי די סיבה, די אורזאַך פונם אומגליק, איז עס אָבער ניט. יעדנפאַלס, ניט מיט אַ כּוונה, מיט דער אַבזיכט צו טאָן בייז...

עוועלינג האָט געהייראַט מיט עלעאַנאָראַ׳ן, ליבנדיק אַן אַנ־דערע, אָבער מיינענדיק, אַז ער איז מיט יענער ליבע צו־ענד. חוץ איר גייסטיקער שיינער געשטאַלט האָט דעמאָלט עלעאַנאָראַ גאָרנישט געהאַט, וואָס זאָל אַ מענטשן, ווי עוועלינג, פאַרבלענדן. ער, דער כּלומר׳שט געלט־זוכטיקער מאַן, האָט איר גענומען אָרעם ווי אַ קירכמויז, די טאָכטער, ריכטיקער די יתומה, פון אביונים. זי איז, אמת, געווען די טאָכטער פון אַ גרויסן מאַן, אָבער צו יענער צייט האָט מאַרקס׳עס נאָמען נאָך ניט געהאַט קיין הונ־דערט־חלק פון דעם גלאַנץ, וואָס ער האָט היינט אין דער גאַנצער וועלט. וואָס איז שייך פּראָסט צו ת א ו ה, האָט עוועלינג געקענט „קריגן", ווי מען זאָגט, שענערע, אינגערע און אינטע־רעסאַנטערע מיידלאַך, סתם מיידלאַך, ווי עס איז געווען אין

1883 די 28־יאָריקע עלעאָנאָראַ,—ער, מיט זיין גלאַטן צונג, מיט זיין פּערזענלאַכן „טשאַרם“, מיט זיינע בריליאַנטענע אייגנשאַפטן.

ער האָט, דערפאַר, אריינקומענדיק אין איר לעבן, זיכער געמיינט גוט מיט איר; האָט זיכער זיך געהאַלטן פאַר „אויסגענעלסאָנ'ט“; האָט זיכער געהאַט דעם וואונטש עלעאָנאָראַ'ן גליקלאַך צו מאַכן. אים האָט אָבער קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזן זיין „קליפּה“ און דאָס האָט געבראַכט זיין מאָראַלישן אונטערגאַנג און דעם טויט פון אונזער עלעאָנאָראַ'ן.

אין יאָר 1898, ווען איך האָב מספּיד געווען עלעאָנאָראַ'ן, האָב איך געזאָגט: „איך צווייפל צי אין דעם פאַל פון מאַרקס און זיין „טוסי“ האָט די טאָכטער געהאַט פיל מער רעכט צו שטאָלצירן מיט'ן פאָטער, ווי דער פאָטער מיט דער טאָכטער“. אומגעפער אַזוי: איך ציטיר די ווערטער מיינע אויסווייניק. דאָס איז אפשר געווען אַ גוזמא. אויף קלאָר ווייס איך, אַז קיין שענערע געשטאַלט האָט די געשיכטע פון דער באַוועגונג ניט אויפצואווייזן, ווי עלעאָנאָראַ'ס.

אינהאלט:

פאָרוואָרט פון קלמן מרמר — 5
קאַרל מאַרקס און לאַסאַל
פריער צוויי, נאָכדעם אַ פּאָר — 9
הלל און שמאי — מאַרקס און לאַסאַל — 13
דער סנה ברענט און בלייבט גאַנץ — 15
טעאָריע און פּראַקטיק — 19
אונזערע גדולים אַלס אידן — 23
דער אויטאָר און דער אַרטיסט — 26
דער וואוקס פאַרן טויט און נאָכדעם — 29
זייערע בריוו — 33
די שיידונג — 36
אַ האַסטיקער בליק אין היסטאָרישע בריוו — 40
פרייהייט און אָרדנונג — 45
יודזשין וויקטאָר דעבס — פאָלקס־טריבון, פּאָעט און מענטש
דעבס'עס ערשטער אַרויסטריט — 65
כאַראַקטעריסטישע קלייניקייטן — 70
דעבס אין כעס — 76
אונזער פייערמאַן — 79
פּאַרטיימאַן, פריינט און מענטש — 84
במה כחו גדול? — 88
אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין
אין דעם שאָטן פון טויט — 95
מיין גלאָז טיי ווערט קאַלט — 98
אַ גרויסער שווייגער — 99
„וואָטש יור סטעפּ!" — 103

אלישע, בעטאַ און די דרייז־איוניקיים — 104
אַן אומגעדולדיק וואָרעם — 107
ער, טאָלסטאָי און קונסט — 108
דער אידישער רוס — 111
דעמאָקראַטיזם און דרך ארץ — 113
שלעכטע נייעס — 115
קאַלדעק אין נאָסוי־סטריט — 116
לעבנס־עליקסיר — 119
ארם נהרים און ער — 122
קריטיק און קריטיקער — 123
ערלאַכע באַטריגער — 126
אין אַ ביכער־אַטמאָספערע — 128
מיר אַנטלויפן פון זיך — 133
ער און זיין פאָלק — 135
דער אידישער רוס אין אַמעריקע — 137
דער דאָקטאָר, איך און דער שד — 140
ער שעמט זיך מיט זיין גוטסקייט — 143
דער פאַרשוואונדענער קוואַרטאַל — 147
דער ספר־החיים — 149
זיין אידיש — 154
עס ווערט פינסטער — 156
אַ דעבאַטע אין מיין ביבליאָטעק — 158
אַ ניט געראָטענע אונטערהאַלטונג — 163
מענטש, כלל־טוער, דראַמאַטורג — 166
זיינע ווערק און זיין פערזאָן — 170
נאָכוואָרט — 174
עלעאָנאָראַ מאַרקס, איר ליבעס־לעבן און איר טראַגישער טויט — 181

בילדער:

קאַרל מאַרקס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 10
פערדינאַנד לאַסאַל — — — — — — — — — — — — — — — — 11
פרידריך ענגעלס — — — — — — — — — — — — — — — — — 39
זשאַן זשאָרעס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 55
יודזשין וויקטאָר דעבס — — — — — — — — — — — — — — 67
דעניעל דעליאָן — — — — — — — — — — — — — — — — — 79
יעקב גאָרדין און מאָריס ווינטשעווסקי — — — — — — — — 95
עלעאָנאָרא מאַרקס — — — — — — — — — — — — — — — — 185
עלעאָנאָרא מאַרקס און איר מאַן, דר. עדואַרד עוועלינג — — — — 195
דעלעגאַטן צום ציריכער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס — — — — — 198
קיער האַרדי — — — — — — — — — — — — — — — — — — 205